STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03660

OYFN MAYREV - NISHTO KAYN NAYES

Erich Maria Remarque

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עריך מאַריאַ רעמאַרק

אויפֿן מערב — נישטאָ קיין נייעס

יידיש: פועה ראַקאָווסקי

רעמאַרקס בוך איז די מצבה
פֿאַר אונזער אומבאַקאַנטן זעל-
נער, געשריבן פֿון אַלע טויטע.
וואַלטער פֿאָן מאָלאָ

פֿאַרלאַג: י. א. צוקער, ווארשע
1929

NA ZACHODZIE—
NIC NOWEGO
Erix Marja Remark
Wyd. : Sz. Cukier
Warszawa 1929

Drukarnia „Di Welt“ Nowolipie 7.

דאָסדאָזיקע בוך איז ניט קיין באַשולדיקונג און ניט קיין ווידוי, ס'איז בלויז אַ פּרווו צו אינפאָרמירן וועגן אַ דור, וואָס איז חרוב געוואָרן דורכן קריג – אפילו ווען ער איז ניצול געוואָרן פון זייגע גראַנאַטן.

מיר ליגן ניין קילאָמעטער הינטערן פראָנט. נעכטן האָט מען אונדז אָפּגעלאָזן; איצט זענען אונדזערע מאָגנס פול מיט ווייסע בעבלעך און רינדפלייש און מיר זענען זאַט און צופרידן. אפילו אויף אָוונט־עסן האָט זיך יעדערער געקאָנט מיטנעמען אַ פולן טעפל; דערצו פאַרמאָגט מען נאָך טאָפּלטע וווּרשט — און ברויט פאַראַ צוביים, — דאָס האָט אַ סך צו זאָגן. אַזוינס האָט שוין לאַנג נישט פּאַסירט: דער קוך־יינגל מיטן רויטן פּאָמידאָרן־קאָפּ, בעט זיך ממש ביי יעדערן מיטן עסן; יעדן, ווער ס׳גייט פאַרביי, ווינקט ער מיטן לעפל און גיט אים אַ ריכטיקע פּאָרציע. ער איז פּשוט פאַרצווייפלט, ווייל ער קאָן זיך קיין עצה נישט געבן מיט זיין פולער גולאַש־קאַנאַנע און ווייסע־בעבלעך. טיאַדען און מילער האָבן געבראַכט צו שלעפּן פון ערגעץ אַ פּאָר וואַש־שיסלען, אָנגעפולט זיי ביזן ראַנד, אַלס רעזערוו. טיאַדען טוט דאָס ווייל ער איז בכלל אַ פרעסער — ביי מילערן איז עס בלויז דער ווילן זיך צו פאַרזאָרגן אויף שפּעטער. ווו ס׳קומט ביי טיאַדענען אַהין, איז פאַר אונדז אַלע אַ רעטעניש. ער איז געווען און געבליבן אַן אויסגעדאַרטע־הערינג.

ס׳וויכטיקסטע אָבער איז דאָס, וואָס ס׳איז אויך פאַראַן טאָפּעלע רויך־פּאָרציעס. פאַר יעטווידן צען ציגאַרן, צוואַנציק פּאַפּיראָסן און צוויי שטיק קיי־טאַבאַק. דאָס איז שוין טאַקע גאָר אַנשטענדיק. איך האָב מיין טאַבאַק אָפּגעגעבן קאַטשינסקין פאַר

צען פּאַפּיראָסן, האָב איך שוין טאַקע גאַנצע פערציק שטיק. איבערן טאָג איז עס שוין גענוג.

דידאָזיקע שיינע מתּנה איז אונדז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. די פּרייסן זענען גאָרנישט אַזוי מילד. מיר האָבן עס בלויז געהאַט צו פאַרדאַנקען אַ געוויסן טעות.

מיט פערצן טעג פריער האָט מען אונדז געשיקט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פאַרבייטן אַנדערע. אויף אונזער פראָנט-טייל איז געווען גענוג רויק און דעריבער האָט אונזער פוראַזש-מייסטער באַקומען אויפן טאָג פון אונזער צוריקקומען דעם נאָרמאַלן קוואַנטום לעבנסמיטל פאַר גאַנצע הונדערט פופציק מאַן. דעם לעצטן טאָג האָט אָבער די ענגלישע אַרטילעריע — וואָס האָט כּסדר געצילט אין אונזער פראָנט-טייל — אונדז מכבּד געווען מיט אַ היבש ביסל פאַרשידנפאַרביקע קוילן, מיר האָבן דעריבער געהאַט גרויסע פאַרלוסטן און זענען צוריקגעקומען בלויז מיט אַכציק מאַן.

אָנגעקומען זענען מיר אינמיטן נאַכט, תּיכּף זיך איינגעהויקערט, כּדי קודם-כּל כאָטש ווי געהעריק זיך אויסצושלאָפן; ווייל קאַטשינסקי איז באמת גערעכט, מיטן קריג וואָלט נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט, ווען מ'זאָל האָבן די מעגלעכקייט מער צו שלאָפן. אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס קאָן דאָך אָבער דערפון גאָר קיין רייד נישט זיין, און יעדעס מאָל פערצן טעג איז אַ גענוג לאַנגע צייט.

ס'איז שוין געווען מיטאָג-צייט, בעת די ערשטע פון אונדז האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די באַראַקן. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָבן מיר זיך אַלע, מיטן קאָך-געשיר אין די הענט, פאַרזאַמלט אַרום דער גולאַש-קאַנאָנע, פון וואַנען ס'האָט זיך געטראָגן אַ פעטער און געשמאַקער ריח. אָן דער שפּיץ, נאַטירלעך, די סאַמע הונגעריקע: דער קליינער אַלבערט קראָפּ, וואָס טראַכט לאָגישער פון אונדז אַלע און איז דעריבער טאַקע עד-היום נישט מער ווי אַ פּשוטער זעלנער; — מילער, וואָס שלעפּט זיך נאָך אַלץ אַרום מיט זיינע שול-ביכער און חלומות וועגן עקזאַמענס; אונטערן קאַנאָנען-פייער חזרט ער פיזיקאַלישע לער-זאַצן; — שעער,

וואָס טראָגט אַ באָרד און האָט שטאַרקע סימפּאַטיעס פאַר די פיידלעך פון אָפיצירן־קלוב; ער שווערט, אַז דורך אַן אַרמיי־באַפעל, זענען זיי מחויב צו טראָגן זיידענע העמדער און פאַר געסט — אָנהויבנדיק פון קאָמאַנדיר — פריהער זיך אויסצובאָדן; — דער פאַרטעיר בין איך, פּאַול בוימער. אַלע פיר זענען מיר ניינצן יאָריקע יינגלעך פון שול־באַנק אין דערזעלבער קלאַס אוועק אין קרי־

האַרט הינטער אונז—אונזערע פריינט. טיאַדען, אַ מאָגערער שלאָסער, אַזוי אַלט ווי מיר, דער גרעסטער פרעסער אין אונזער קאָמפּאַניע. שלאַנק זעצט ער זיך אַוועק צום עסן און שטייט אויף דיק ווי אַ מעוברתע וואַנץ; האַיע וועסטהוז, די זעלבע יאָרן, א טאָרפשטעכער, וואָס קאָן אַ נעם טאָן אין האַנט א זעלנעריש ברויטל און תּמעוואַטע פרעגן: טרעפט, חברים, וואָס האָב איך אין האַנט? — דעטערינג א פויער, וואָס קלערט נאָר וועגן זיין ווייב און זיין בעל־בתישקייט; — און ענדלעך סטאַניסלאַוו קאַטשינסקי, דער ראש פון אונזער גרופּע, פעסט, כיטרע, דורכגעטריבן, פערציק יאָר אַלט, מיט א פּנים פון ערד. מיט בלויע אויגן, אַראָפּהענגענדיקע אַקסלען און אַ וווּנדערבאַרן חוש פאַר געדיכטע לופט, גוט עסן און שיינע דרוקזאַכן. —

אונזער גרופּע האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם שפּיץ פון דער שלאַנג אַרום דער גולאַש־קאַנאַנע. מיר זענען געוואָרן אומגעדולדיק, ווייל דער נאַיִווער קאָך־מייסטער איז כסדר געשטאַנען און האָט געוואַרט.

ענדלעך האָט קאַטשינסקי צו אים אַ געשריי געטאָן:

— נו, עפן שוין אַמאָל דיין זופּקעלער, הייבריך! מ'זעט דאָך, אַז די בעבלעך זענען שוין צעקאָכט.

יענער האָט שלעפעריק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— פריער דאַרפט איר אַלע זיין דאָ אויפן אָרט.

טיאַדען האָט זיך געבייזערט.

— מיר זענען דאָך אַלע דאָ.

דער אונטעראָפיציר האָט זיך נאָך אַלץ נישט געכאַפּט.

— ס'ווילט זיך אייך חוזק! ווו זענען די איבעריקע?

— יענע ווערסטו שוין היינט מער נישט זען! פעלדשפּיטעלער און מאַסן־קברים.

דער קוף־יינגל איז געווען אַ דערשלאָגענער, זיך דערווּסנדיק די פאַקטן. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

און איך האָב געקאָכט פאַר הונדערט פופציק מאַן.

קראָפּ האָט אים דערלאַנגט אַ רוק אין זייט.

— ענדלעך וועלן מיר זיך אַמאָל זאַט אָנעסן. געשווינט! הייב אָן צו טיילן!

פלוצלינג איז טיאַדען עפּעס ווי באַגייסטערט געוואָרן. זיין שפּיציקער מויז־פּנים האָט אָנגעהויבן שימערירן, די אויגן זענען קליין געוואָרן פון גיריקייט. די באַקן האָבן געציטערט:

— מענטשן־קינד, אויב אַזוי, האָסטו דאָך אויך באַקומען ברויט פאַר הונדערט פופציק מאַן. וואָס?

דער אונטעראָפיציר האָט תמעוואַטע און פאַרחושט געשאָקלט מיטן קאָפּ. טיאַדען האָס אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן ראָק.

— און ווורשט אויך?

דער פּאָמידאָרן־קאָפּ האָט זיך ווידער געשאָקלט.

טיאַדענס קינבאַקן האָבן געציטערט.

— טאַבאַק אויך?

— יאָ, אַלץ.

אַ שטראַלנדיקער האָט זיך טיאַדען אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— אָט אַ ביסל אַן הצלחה! און גאָר אומגעריכט! אַלץ, הייסט עס, איז דאַן פאַר אונז! אויב אַזוי קריגט דאָך יעדערער— וואַרט נאָר — פאַקטיש טאַקע טאָפּלטע פּאָרציעס!

איצט ערשט איז אבער דער פּאָמידאָרן־קאָפּ אויפגעשטאַנען תחית המתים און האָט דערקלערט:

— ניין, דאָס גייט נישט.

מיר זענען אָבער איצט אויך געוואָרן מונטערער און אָנגעהויבן זיך אונטערצורוקן.

— פאַר וואָס, למשל, גייט עס נישט, געלער מייער, דו איינער? האָט אַ פרעג געטאָן קאַטשינסקי.

— דאָס וואָס איז אָנגעגרייט פֿאַר הונדערט פֿופֿציק מאַן, קען דאָך נישט זיין פֿאַר אַכציק.

— דאָס וועלן מיר דיר שוין ווייזן, האָט מילער געברומט.

— ס׳געקעכץ אפשר יאָ, אָבער פּאָרציעס קען איך אויסטיילן נאָר פֿאַר אַכציק מאַן, האָט זיך געעקשנט דער פּאָמידאָר. קאַטשינסקי איז אין כּעס געוואָרן.

— דיך וועט תּיכּף פֿאַרבייטן אַן אַנדערער. וואָס, ניין? דו האָסט באַקומען פּוראַזש נישט פֿאַר אַכציק מאַן, נאָר פֿאַר דער צווייטער קאָמפּאַניע, די זאַך איז קלאָר. דו האָסט געציילט! די צווייטע קאָמפּאַניע, דאָס זענען מיר.

מיר האָבן זיך צום בחור אַ נעם געטאָן. קיינער פֿון אונז האָט אים נישט שטאַרק ליב געהאַט. שוין עטלעכע מאָל איז ער געווען שולדיק אין דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען דאָס עסן אין די גרובנס צו שפּעט און אינגאַנצן קאַלט, ווייל ביים קלענסטן גראַנאַטן־פֿייער פֿלעגט ער זיך גלייך אָפּטראָגן מיט זיין קעסל, אַזוי, אַז אונזערע עסנטרעגער האָבן געמוזט מאַכן אַ סך ווייטערן וועג ווי די שיק־ייִנגען פֿון די איבעריקע קאָמפּאַניעס. בולקע, למשל, פֿון דער ערשטער קאָמפּאַניע, איז טאַקע געווען אַ סך אַ בעסערער בחור. ער איז, אמת, געווען פֿעט ווי אַן אָפּגעפּרעסטער חזיר, פֿלעגט אָבער שלעפּן די טעפּ, בעת מ׳האָט געדאַרפֿט, ביז צו די פֿאָדערשטע רייען.

מיר זענען גראָד אַלע געווען אין דער ריכטיקער שטימונג, און דער ענין וואָלט זיך זיכער געווען פֿאַרשאַרפֿט, ווען ס׳זאָל זיך נישט באַווייזן אונזער קאָמפּאַניע־פֿירער. ער האָט זיך אינפֿאָרמירט וועגן אונזער מחלוקת און האָט פֿאָרלויפֿיק בלויז אַ זאָג געטאָן:

— יאָ. מיר האָבן געכטן געליטן שטאַרקע פֿאַרלוסטן —
דערנאָך האָט ער אַריינגעקוקט אין קעסל:
די בעבלעך זעען אויס צו זיין גאַנץ גוט.
דער פּאָמידאָר האָט צוגעשאָקלט:
— געקאָכט מיט פֿעטס און פֿלייש.

דער לייטענאַנט האָט אונז אָנגעקוקט. ער האָט געוווּסט

וואָס מיר קלערן. אויסער דעם האָט ער נאָך אַ סך זאַכן געוווסט, ווייל ער איז צווישן אונז גרויס געוואָרן און דערגאַנגען ביז צום אונטעראָפיציר פון דער קאָמפּאַניע. נאָכאַמאָל האָט ער אַ הויב געטאָן דעם קעסל-דעקל און אונטערגעשמעקט. אַוועקגייענ־דיק, האָט ער געזאָגט:

— ברענגט מיר אויך אַ טעלער עסן. און די פּאָרציעס װעט מען אַלע אויסטיילן. מיר קאָנען זיי פאַרנוצן.

דער פּאָמידאָר האָט געמאַכט אַ נארישע מינע. טיאַדען האָט אַרום אים געטאַנצט.

— דו האָסט דערפון קיין שום היזק נישט. ער מאַכט דעם אָנשטעל פונקט ווי דער גאַנצער פּראָוויאַנט-אַמט זאָל אים גע־הערן. און איצט צו דער אַרבעט, דו אַלטער הינער-פרעסער, גיב אַכטונג זאָלסט זיך נישט פאַרטיילן!

— הענג זיך אויף — האָט זיך דער פּאָמידאָר געפעסט. ער איז צעפּלאַצט געוואָרן, זיין מוח האָט עס נישט געכאַפּט, די גאַנצע וועלט איז עפּעס אין דעם מאָמענט משוגע געוואָרן און כדי צו וויזן, אַז איצט איז אים שוין אַלץ איינס, האָט ער נאָך פרייוויליק צוגעגעבן יעדערן אַ האַלב פונט קינסטלעכן־האָניק.

דער טאָג איז היינט, באמת, זייער אַ גוטער. אפילו די פּאָסט איז געקומען; כמעט יעדער איינער האָט אַ פּאָר בריוו און צייטונגען. און אָט שלעפּן מיר זיך אריבער דער לאָנקע הינטער די באַראַקן. קראָפּ האָט אונטערן אָרעם אַ קיילעכדיקן דעקל פון אַ מאַרגארין-פּאַס.

אויפן רעכטן ברעג פון דער לאָנקע איז אויסגעבויט אַ גרויסע מאַסן-לאַטרינע*), אַ סטאַבילער בנין מיט אַ דאַך. דאָס איז דאָך שוין עפּעס פאַר רעקרוטן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט צו ציען נוצן פון יעדער זאַך. מיר זוכן עפּעס בעסערס. אומעטום שטייען טאַקע פאַנאַנדערגעוואָרפן נאָך קליינע

*) לאַטרינע — קלאָזעט.

איינצל-קעסטלעך פֿאַרן זעלבן צוועק. זיי זענען פּירקאַנטיק, זווי-בער, איינגאַנצן פֿון האָלץ, רונדאַרום פֿאַרמאַכט, מיט אַן אָרנט-לעכן באַקוועמען זיץ-פּלאַץ. ביי די זייטנפּלאַכן געפֿינען זיך הענטלעך, אַזוי, אַז מ׳קאָן זיי טראַנספּאָרטירן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן.

מיר שלעפּן צו דריי שטיק איינעם נעבן אַנדערן און זעצן זיך געמיטלעך אַוועק. פֿאַר צוויי שעה וועלן מיר זיך פֿונדאַנען נישט רירן פֿון אָרט.

איך ווייס נאָך ווי מיר האָבן זיך אָנפֿאַנגס זשענירט, בעת מיר האָבן אַלס זעלנער אין קאַזאַרמע געמוזט זיך באַנוצן מיט געמיינשאַפֿטס-לאַטרינעס. קיין טירן זענען דאָ נישטאָ, ס׳זיצן צוואַנציק מאַן איינער נעבן צווייטן ווי אין אַ באַן-וואַגאָן. מיט איין בליק זעט מען זיי אַלע; — דער זעלנער מוז זיך געפֿונען אונטער אַ שטענדיקער אויפֿזיכט.

מיר האָבן פֿאַר דער צייט אַ סך מער געלערנט, ווי די קונסט גובר צו זיין דאָס ביסעלע בושה. מיר זענען געוואָרן גרויסע מומחים אין פֿיל וויכטיקערע זאַכן.

דאָ אָבער אויף דער פֿריי, איז דערדאָזיקער ענין דווקא אַ געַנוס. איך ווייס טאַקע נישט פֿאַרוואָס פֿלעגן מיר פֿריהער פּחדנותדיק אויסמיידן אַזעלכע זאַכן, זיי זענען דאָך פּונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי עסן און טרינקען; און מ׳וואָלט אפֿשר גאָרנישט בעדאַרפֿט ספּעציעל וועגן דעם ריידן, ווען זיי זאָלן ביי אונדז נישט האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל, זייענדיק גראָד פֿאַר אונדז אַזוי ניי — פֿאַר די איבעריקע זענען זיי שוין לאַנג גע-ווען זעלבסטפֿאַרשטענדלעך.

פֿאַרן זעלנער איז זיין מאָגן און זיין פֿאַרדייען אַ פֿיל נענטערער געביט, ווי פֿאַר יעדן אַנדערן מענטשן. דריי פֿערטל פֿון זיין וואָרט-אוצר שטאַמען אָפּ פֿון אים, דער אויסדרוק פֿון העכסטער פֿרייד ווי פֿון טיפֿסטן לייד געפֿינט דאָ זיין קערנדיקן אונטערשלאַק. ס׳איז אוממעגלעך אויף אַן אַנדער אופֿן זיך אַזוי קורץ און דייטלעך אויסצודריקן. אונדזערע פֿאַמיליעס און אונדזערע

לערער חעלן זיך נישט ווייניק וווּנדערן, אַז מיר וועלן אַ חיים
קומען — אָבער דאָ איז עס די אוניווערסאַלע שפּראַך.

פאַר אונדז האָבן דידאָזיקע אַלע געשעענישן, דורך זייער
צוזאַמענגעמישטער עפנטלעכקייט, באַקומען צוריק דעם כאַראַקטער פון
אומשולד. מער נאָך: זיי זענען פאַר אונדז אַזוי זעלבסטפאַר-
שטענדלעך, אַז זייער געמיטלעכע דערליידיקונג ווערט פּונקט
אַזוי אָפּגעשאַצט ווי, לאָמיר זאָגן, אַ שיין דורכגעפירטער, באַמבן-
זיכערער גראַנד-שפּיל נישט זאַלבעפערט. נישט אומזיסט איז פאַר
יעדער אָרט פלאַפּלען אַנטשטאַנען דאָס וואָרט „לאַטרינען-פּאַראָל”;
דידאָזיקע ערטער זענען פאַר די האנדעלס-געהילפן די באַקוועמ-
סטע ווינקעלעך צום פּלוידערן און פאַרבייטן זיי דעם היימישן טיש.

דאָס זענען וווּנדערבאַרע געדאַנקלאָזע שעהן. איבער אונדז
חעלבט זיך דער בלויער הימל. אויפן האָריזאָנט הענגען העל-
באַשטראַלטע געלע קייטן-באַלאָנען און די ווייסע וואָלקנדלעך
פון לופט-געווער. אָפטמאָל, בעת זיי פאַרפאָלגן אַ פליער, ציען
זיי זיך אינדערהויך פּונקט ווי גאַרבן.

בלויז ווו אַ זייער ווייטן שטורם הערן מיר ס'ווילדע ברו-
מען פון פראָנט. די פאַרבייטאַנצנדיקע בינען פאַרהילכן אים מיט
זייער זשומען.

און ווייט אַרום אונז ציט זיך די בליענדיקע לאָנקע. די
צאַרטע גראָז-שטענגלעך שאָקלען זיך, זומערפייגעלעך טראָגן זיך
אינדערלופט, זיי שוועבן אין ווייכן, וואַרעמען ווינט פון שפּעט-
זומער. מיר לייענען בריוו, צייטונגען און רויכערן, מיר נעמען
אַראָפּ די היטלען און לייגן זיי אַוועק נעבן אונדז. דער ווינט
שפּילט זיך מיט אונדזערע האָר, ער שפּילט מיט אונדזערע ווער-
טער און געדאַנקען.

די דריי קעסטלעך שטייען אין רעכטן מיטן פון לייכטנדי-
קע, רויטע מאָן-בלומען. —

מיר לייגן אַוועק אויף אונזערע קני דעם דעקל פון מאַר-
גאַרין-פּאַס. אויף דעם אופן האָבן מיר אַ גוטע אונטערלאַגע צום
סקאַט-שפּילן. קראָפּ האָט ביי זיך די קאָרטן. מ'וואָלט דאָ גע-
קאָנט אַזוי אָפּזיצן אייביק.

פון די באַראַקן טראָגן זיך אַהער די טענער פון אַ צי־האַרמאָניק. אָפטמאָל לייגן מיר אַוועק די קאַרטן און קוקן איינער אויפן צווייטן. איינער טוט דאַן אַ זאָג: „קינדער, קינדער״ — — אָדער: „וויפל האָט געפעלט מיר זאָלן דאָ אַצינד נישט זיין —״, אין אַ מאָמענט פאַרטיפן מיר זיך אַלע און שווייגן. אין אונדז איז אַ שטאַרקער, איינגעהאַלטענער געפיל, יעדער איינער שפירט עס. דערצו דאַרף מען נישט קיין סך ווערטער. גאַנץ לייכט האָט עס געקאָנט געשען, אַז מיר זאָלן היינט נישט זיצן אויף אונדזערע קעסטלעך, ס׳איז געווען גאַנץ נאָענט דערפון. און דעריבער איז אַלץ ניי און שטאַרק — דער רויטער מאָן און ס׳גוטע עסן, די פּאַפּיראָסן און דער זומער־ווינט.

קראָפּ פרעגט: „האָט אימיצער פון אייך געזען קעמעריכן נאָך אַמאָל?״

— ער ליגט אין סען־יאָזעף־שפּיטאָל, טו איך אַ זאָג.

מילער מיינט, אַז ער האָט באַקומען אַ קויל אין קני, אַ גוטער היים־פּאַס.

מיר באַשליסן נאָכמיטאָג צו גיין אים מבקר חולה זיין.

קראָפּ נעמט אַרויס אַ בריוו.

איך וויל אייך איבערגעבן אַ גרוס פון קאַנטאָרעקן.

מיר לאַכן. מילער וואַרפט אַוועק זיין פּאַפּיראָס און זאָגט: „איך וואָלט וועלן ער זאָל דאָ זיין״.

קאַנטאָרעק איז געווען אונדזער קלאַסן־לערער, אַ שטרענגער קליינער מאַן אין אַ גרויען אויבערמאַנטל, מיט אַ שפּיציקן מויז־פּנים. ער האָט אומגעפער געהאַט אַזאַ פיגור ווי דער אונטער־אָפיציר הימלשטאָס, דער „שרעק פון קלויסטערבורג״. ס׳איז אי־בעריגענס קאָמיש, וואָס דאָס אומגליק פון דער וועלט שטאַמט גאַנץ אָפט פון קליינע מענטשן, זיי זענען אַ סך ענערגישער און אומ־פאַרטרעגלעכער ווי די הויכגעוואַקסיקע. איך האָב זיך תמיד גע־היט נישט אַריינצופאַלן אין קיין אָפּטיילונג מיט קליינע קאָמפּאַ־ניע־פירער זיי זענען ס׳רוב פאַרשאָלטענע הויט־שינדער.

קאַנטאָרעק האָט. בעת די ספּאָרט־שעהן, אזוי לאַנג גע־האַלטן פאר אונדז רעפּעראַטן, ביז אונזער קלאַס איז, געשלאָסן, אונטער זיין אָנפירונג, אַוועק צום באַצירק־קאָמאַנדיר און זיך געמאָלדן. איך זע אים נאָך איצט ווי ער האָט אונדז פּייערלעך אָנגעקוקט דורך זיינע ברילנגלעזער און מיט א געריהרטער שטים געפרעגט:

— איר גייט דאָך מיט, חברים?

דידאָזיקע דערציער האָבן זייערע געפילן גאַנץ אָפט גרייט אין וועסטל־קעשענע, פונוואַנען זיי גיבן עס ארויס בלויז שעהנ־ווייז. אָבער וועגן דעם האָבן מיר דעמאָלט לגמרי נישט גע־קלערט.

בלויז איינער פון אונדז האָט זיך דאָן געוואַקלט און נישט געוואָלט מיטגיין. דאָס איז געווען יאָזעף בעהם, אַ דיקער גע־מיטלעכער בחור. ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבעררריידן, ווייל ווי וואָלט ער דעמאָלט אויסגעזען? מעגלעך, אַז א סך האָבן גע־טראַכט פונקט ווי ער, קיינער האָט אָבער נישט געוואַגט זיך אויסצו־שליסן, ווייל מיטן וואָרט „פּחדן", האָבן זיך אין יענער צייט באַנוצט אפילו אייגענע טאַטע־מאַמע. די מענטשן, אַלע ווי איי־נער האָבן נישט געהאַט די קלענסטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס אויף זיי קומט. די קלוגסטע זענען אייגנטלעך געווען דער אָרעמער און פשוטער עולם; זיי האָבן תיכף באַטראַכט דעם קריג אַלס אַן אומגליק, בעת די פאַרמעגלעכע, די בעסער גע־שטעלטע האָבן פון שמחה נישט געוווסט ווו איין ווו אויס, כאָטש דווקא זיי האָבן א סך פריהער געקאָנט פאָרויסזען זיינע פאָלגן.

קאַטשינסקי פאַרזיכערט, אַז דאָס קומט פון דער בילדונג, זי פאַרטומלט דעם מוח. און אַז קאַט זאָגט, האָט ער שוין אין דעם אריינגעטראַכט.

מערקווירדיק איז דער פאַקט, אַז בעהם איז געפאַלן איי־נער פון די ערשטע.

בעת א שטורם האָט ער באַקומען א שאָס אין די אויגן, און מיר אים געלאָזן ליגן.

מיטנעמען אים מיט זיך האָבן מיר נישט געקאָנט, ווייל געיאָגט פון שונא. האָבן מיר זיך געמוזט געשווינט אָפּטראָגן. נאָכמיטאָג האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט זיין קול און באַלד דערזען ווי ער קריכט אַרום. ער האָט בלויז געהאַט פאַרלאָרן דאָס באַוווסטזיין. איינגאַנצן בלינד און ווילד פון יסורים, האָט ער זיך נישט אויסבאַהאַלטן, אַזוי, אַז פון יענער זייט האָט מען אים דערשאָסן, נאָך איידער אימיצער פון אונדז האָט באַוויזן אים אַריבערצוכאַפּן.

קאָנטאַרעק האָט נאַטירלעך, מיטן דאָזיקן צופאַל קיין שום שייכות נישט; ווייל ווי וואָלט דאַן אויסגעזען די וועלט ווען מען זאָל דאָס באַטראַכטן אַלס חטא. טויזנטער קאָנטאַרעקס זענען דאָך דעמאָלט געווען פעסט איבערצייגט, אַז זיי טוען אויף אַ באַקוועמען אופן ס'בעסטע וואָס זיי קאָנען.

דווקא אין דעם ליגט אָבער פאַר אונדז זייער באַנקראָט.

זיי האָבן געזאָלט פאַר אונדז, אַכצניעריקע, ווערן די פאַרמיטלער און פירער צו אַ וועלט פון באַוווסטזיין און אויסוואַקסן צו אַ וועלט פון אַרבעט, פליכט, קולטור און פּראָגרעס, צו דער צוקונפט. מיר פלעגן פון זיי אָפטמאָל הוזק מאַכן, אָפטון פאַרשידענע קונצשטיקלעך, אין גרונט גענומען האָבן מיר זיי אָבער געגלויבט. מיטן באַגריף פון אויטאָריטעט, פון וועלכן זיי זענען געווען די טרעגער, האָט זיך אין אונדזערע געדאַנקען צונויפגעבונדן גרעסערער פאַרשטאַנד און מער מענטשליכער וויסן. אָבער דער ערשטער טויטער, וועלכן מיר האָבן דערזען, האָט צעשמעטערט אונדזער איבערצייגונג. מיר האָבן געמוזט אָנערקענען, אַז אונדזער עלטער איז געווען ערלעכער פון זייערן; זיי האָבן זיך בלויז אויסגעצייכנט קעגן אונדז מיט דער פראַזע און געשיקטקייט. דער ערשטער קאַנאָנען-פייער האָט אונדז באַוויזן אונדזער פעלער און האָט צעבראָכן אויף שטיקלעך די וועלטאַנשויאונג, וועלכע זיי האָבן ביי אונדז אַנטוויקלט.

בעת זיי האָבן נאָך געשריבן און גערעדט, האָבן מיר געזען שפיטעלער און שטאַרבנדיקע — בעת זיי האָבן געשילדערט אַלס ס'גרעסטע דעם דינסט ביי דער מלוכה, האָבן מיר שוין

געוווּסט, אַז די טויטאַנגסט, דער אימת-מות איז אַ סך שטאַרקער. דעריבער זענען מיר נישט געוואָרן קיין אויפשטענדיקע, קיין דעזערטירן, קיין פּחדנים — דידאָזיקע אַלע אויסדרוקן זענען ביי זיי שטענדיק געלעגן אויפן צונג — מיר האָבן ליב געהאַט אונדזער היימלאַנד פּונקט אַזוי ווי זיי, און מוטיק האָבן מיר ביי יעדן אָנגריף מאַרשירט פאָראויס; — אָבער איצט האָבן מיר זיך אָריענטירט, מיטאַמאָל זיך אויסגעלערנט זען. און מיר האָבן געזען, אַז פון זייער וועלט איז קיין זכר נישט געבליבן. מיר זענען פּלוצלונג אויף אַ שרעקלעכן אופן געבליבן אַליין; — און אַליין, מיט אייגענע קרעפטן האָבן מיר זיך געמוזט אַן עצה געבן.

איידער מיר גייען צו קעמעריכן, פּאַקן מיר צונויף זיינע זאַכן, אין וועג וועלן זיי אים זיכער צונוץ קומען.

אין פעלדלאַזאַרעט גייט אַן אינטענסיווע אַרבעט; ס'הערן זיך, ווי תמיד, די ריחות פון קאַרבאָל, ראָפּע און שווייס. אין די באַראַקן האָט מען זיך שוין צוגעוווינט צו אַ סך זאַכן, אָבער דאָ ווערט עפּעס קאַלעמוטנע אויפן האַרצן. מיר דערפרעגן זיך צו קעמעריכן; ער ליגט אין אַ זאַל און נעמט אונדז אויף מיט אַ שוואַכן אויסדרוק פון פרייד און הילפלאָזער אויפרעגונג. בעת ער האָט פאַרלאָרן ס'באַוווּסטזיין האָט מען אים אָוועקגעגנבעט זיין זייגער.

מילער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך האָב דיר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אַזאַ גוטן זייגער דאַרף מען נישט מיטנעמען.

מילער נעמט זיך אָן מיט מוט און מאַכט זיך תמעוואַטע. ווען נישט וואָלט ער האַלטן ס'מויל, ווייל יעדערער פון אונדז זעט, אַז קעמעריך וועט שוין מער פון דאָזיקן זאַל נישט אַרויס-גיין. צי וועט ער זיין זייגער געפינען צי נישט, איז שוין פאַר אים לגמרי אַלץ איינס, העכסטנס וועט מען אים קאָנען אָפּשיקן אַ היים.

— ווי פילסטו זיך, פראַנק? — פרעג איך.

קעמעריך לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ.

— נישקשה — איך האָב בלויז שטאַרקע שמערצן אין פוס.

מיר וואַרפן אַ בליק אויף זיין דעקע. זיין פוס ליגט אונטער אַ דראָט־קאָרק, און די דעקע וועלבט זיך איבער אים. איך טרעט אָן מילערן אויפן פוס, ווייל ער האָט בדעה געהאַט דערציילן קעמעריכן, וואָס די סאַניטאַרן האָבן אונדז איבערגעגעבן אין קאָרידאָר: אַז קעמעריך האָט שוין נאָר איין פוס, דער צווייטער איז אַמפּוטירט.

ער זעט אויס שרעקלעך, געל און אַש־פאַרביק, אויפן געזיכט מערקן זיך שוין די פרעמדע ליניעס, וואָס זענען אונדז אַזוי גוט באַקאַנט, ווייל מיר האָבן זיי שוין הונדערטער מאָל געזען. אייגנטלעך זענען עס נישט קיין ליניעס, נאָר צייכנס. אונטערן הויט פולסירט שוין נישט מער קיין לעבן; ס'איז שוין אַרויסגעדרונגען ביזן ראַנד פון קערפּער, פון אינעווייניק אַרבעט זיך דורך דער טויט, די אויגן האָט ער שוין באַהערשט. דאָרט ליגט אונדזער חבר קעמעריך, וואָס האָט ערשט דאָ נישט לאַנג מיט אונדז צוזאַמען געבראָטן פערד־פלייש און געזעסן אויפן קעסטל— ער איז נאָך דאָ, עקזיסטירט שוין אָבער נישט מער, פאַרוואָקסן, אומבאַשטימט איז געוואָרן זיין צורה, ווי אַ פאָטאָגראַפישע קליישע אויף וועלכער מ'האָט געמאַכט צוויי אויפנאַמען. אַפילו זיין שטים קלינגט ווי אַש.

איך דערמאָן זיך אָן יענער צייט, ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אויפן פראָנט. זיין מוטער, אַ גוטע, דיקע פרוי האָט אים געבראַכט צום וואָקזאַל. זי האָט געוויינט אָן אויפהער, איר געזיכט איז פון וויינען געוואָרן אָנגעבלאָזן און געשוואָלן. קעמעריך האָט זיך שטאַרק זשעניִרט, ווייל זי האָט זיך געהאַלטן ערגער פון אַלע, איז ממש צערונען געוואָרן אין פעץ און וואַסער — דערצו האָט זי שטאַרק אויסגערעכנט אויף מיר, כסדר מיר געכאַפּט פאַר הענט און געבעטן רחמים איך זאָל דאָרט, אויף די פּאָזיציעס, אויף אים אַכטונג געבן. ער האָט, באמת, אויסגעזען

לגמרי ווי אַ קינד. דיינע ביינער זענען געווען אַזעלכע ווייכע, אַז נאָך פיר וואָכן טראָגן דעם טאָרניסטער האָט ער באַקומען פּלאַטפוס. אָבער ווי אַזוי קאָן מען אויסן שלאַכטפעלד אויף שמעצן אַכטונג געבן!

— איצט וועסטו דאָך פאָרן אַ היים — האָט געזאָגט קראַפּ — אויף אַן אורלויב וואָלסטו נאָך געמוזט וואַרטן ווייניקסטענס אַ דריי, פיר חדשים.

קעמעריך שאָקלט צו מיטן קאָפּ. מיר איז שווער צו קוקן אויף זיינע הענט, זיי זענען געל ווי וואַקס. אונטער די נעגל זיצט דער שמוץ פון שוצגראָבנס, ער זעט אויס בלוי, שוואַרץ ווי גיפט. מיר פאַלט איין, אַז די דאָזיקע נעגל וועלן נאָך וואַקסן ווייטער, נאָך גאַנץ לאַנג, משונהדיקע קעלערגעוויקסן, בעת קעמעריך וועט שוין לאַנג נישט אָטעמען. פאַר מיינע אויגן שטייט ס'דאָזיקע בילד: זיי קרומען זיך און ווערן פונקט ווי פראָפּענציערס און וואַקסן און וואַקסן, און מיט זיי צוזאַמען די האָר אויפן אויסגעטריקנטן מוח ווי גראָז אויף אַ גוטן באָדן, פּונקט ווי גראָז. ווי איז עס אָבער מעגלעך? —

מילער בויגט זיך אַריבער צו אים איבערן בעט.

— מיר האָבן מיטגעבראַכט דיינע זאַכן, פראַנץ.

קעמעריך ווייזט אָן מיטן האַנט:

— לייגט זיי אַוועק אונטערן בעט.

מילער טוט וואָס ער הייסט. קעמעריך הויבט ווידער אָן וועגן זייגער. ווי אַזוי באַרויקט מען אים, אַז ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן!

מילער באַווייזט זיך ווידער מיט אַ פּאָר פליער-שטיוול. ס'זענען וווּנדער-שיינע ענגלישע שיך פון ווייכן, געלן לעדער, לאַנג ביז צו די קני און גאָר אויבן געשנורעוועט, ס'נעמט אַן אַ חשק. מילער איז פון זיי ממש באַגייסטערט, כאַפּט התפּעלות; ער פאַרגלייכט זייערע פּאָדעשוועס מיט זיינע אייגענע גראָבע שיך און פרעגט:

— צי ווילסטו די שטיוול מיטנעמען, פראַנץ?

מיר טראַכטן אַלע דריי דאָסזעלבע: אַפילו ער זאָל געזונט ווערן קאָן ער דאַרפן בלויז איינעם, און דעריבער האָבן זיי טאַקע פאַר אים קיין שום ווערט נישט. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איז אַ גרויסער שאָד, אַז זיי זאָלן בלייבן דאָ— ווייל די סאַניטאַרן וועלן זיי תיפף צונעמען, מיטן מאָמענט וואָס ער וועט אויסהויכן זיין נשמה.

מילער חזרט איבער:

— צו ווילסטו זיי דאָ נישט איבערלאָזן?

קעמעריך וויל נישט. ס'איז איינס פון זיינע בעסטע זאַכן.

— מיר קאָנען זיי דאָך אויסבייטן, — שלאָגט מילער פאָר, דאָ אונטן קאָנען זיי צונוץ קומען. אָבער קעמעריך לאָזט זיך נישט איינרעדן.

איך טרעט מילערן אויפן פוס; ער לייגט אַוועק די שיינע שטיוול צוריק אונטערן בעט.

מיר רעדן נאָך אַביסל און געזעגנען זיך אָפּ:

— זיי געזונט, פראַנץ.

איך זאָג אים צו מאָרגן ווידער צו קומען; מילער זאָגט אויך דאָס זעלבע; ער קלערט וועגן די געשנורעוועטע שיך און וויל דעריבער שטיין אויף דער וואַך.

קעמעריך קרעכצט. ער פיבערט. מיר שטעלן אָפּ אין קאָרידאָר אַ סאַניטאַר און ווילן ביי אים פועלן ער זאָל מאַכן קעמעריכן אַן איינשפּריצונג. ער אָנטזאָגט זיך.

— ווען מיר זאָל יעדערן מאַכן מאָרפיום-איינשפּריצונגען, וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן גאַנצע פעסער. —

— דו באַדינסט, ווי ס'שיינט נאָר אָפיצירן, — זאָגט קראָפּ מיט פאַרביטערונג.

איך לייג זיך געשווינט אַריין אין שלום און גיב דעם סאַניטאַר קודם כל אַ פּאַפּיראָס. ער נעמט. דערנאָך טו איך אַ פרעג:

— צו האָסטו בכלל רעכט צו מאכן אַן איינשפּריצונג?

ער פילט זיך באַליידיקט:

— אויב איר גלויבט נישט, הײנט וואָס פרעגט איר מיך? איך רוק אים אַרײַן אין האַנט נאָך אַ פּאָר פּאַפּיראָסן:

— טו אונדז צוליב. —

— נו, גוט — זאָגט ער.

קראָפּ גײט מיט אים אַרײַן, ער געטרויט אים נישט און זיל זײַן דערבײַ. מיר וואַרטן אין דרויסן.

מילער הויבט ווידער אָן צו רעדן וועגן די שטיוול.

— אויף מיר וואָלטן זײ געוועזן ווי אויסגעגאָסן. פון מײַנע שיך האָב איך אויף די פיס פיל ווונדן. צו גלויבסטו, אַז ער וועט אָנציִען ביז מאָרגן נאָכן דינסט? אויב ער וועט שטאַרבן אינמיטן נאַכט, מעגן מיר שוין אָן די שטיוול פאַרגעסן. —

אַלבערט קומט צוריק.

— ווי מײַנט איר? — טוט ער אַ פרעג.

— דערלײדיקט — זאָגט מילער קאַטעגאָריש.

מיר גײען צוריק צו אונדזערע באַראַקן. איך קלער וועגן בריוו, וואָס איך וועל מאָרגן מוזן אָנשרײַבן צו קעמעריכס מוטער. מיך טרײסלט פון קעלט, איך וואָלט וועלן מאַכן אַ שנאַפּס. מילער רײַסט גראָז און קײַט אויטאָמאַטיש. פּלוצלונג טוט דער קלײנער קראָפּ אַ שלײדער זײַן פּאַפּיראָס, טרעט אים ווילד מיט זײַנע פיס און שטאַמלט מיט אַ צעטראָגענעם, אויפגערעגטן קול:

— פאַרפלוכטער שײס, דערדאָזיקער פאַרפלוכטער שײס.

מיר גײען ווײַטער, אַ לאַנגע צײַט. קראָפּ האָט זיך באַרויִקט, מיר קענען דעמדאָזיקן ווילדן פּראָנט־כעס, יעדער אײנער מאַכט אים דורך.

מילער פרעגט אים:

— וואָס האָט דיר דער קאַנטאָרעק אײגנטלעך געשריבן?

ער לאַכט:

— מיר זענען כּלומרשט די אײזערנע ייגנט.

מיר לאַכן אַלע דרײַ מיט יאַשטשערקעס. קראָפּ זידלט זיך, ער איז צופרידן וואָס ער קען רעדן. —

יאָ, אַזוי טראַכטן זיי, אַזוי טראַכטן זיי, די הונדערט טויזנט קאָנטאָרעקס! אייזערנע יוגנט. יוגנט! מיר זענען אַלע נישט עלטער פון צוואַנציק יאָר. אָבער יונג? ס'איז שוין לאַנג קאַפוט. מיר זענען אַלע אַלטע לייט.

עפעס קומט מיר אויס משונה ווילד צו קלערן וועגן דעם, אז אין דערהיים, אין א שופלאַד פון שרייבטיש ליגט אַן אָנגעהויבענע דראַמע „שאול“ און א גאַנצער באַרג שירים. נישט איין אָוונט האָב איך אויף דעם אָפּגעגעבן, כמעט אַלע האָבן מיר זיך דאָך פאַרנומען מיט אַזעלכע זאַכן; אָבער ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי פרעמד, אַז איך קאָן זיך עס מיר בשום אופן נישט פאָרשטעלן.

זינט מיר זענען דאָ, איז אונדזער פריערדיק לעבן לגמרי אָפּגעשניטן. כאָטש מיר האָבן דערצו גאָרנישט געטאָן. מיר פרוון אָפטמאָל וואַרפן דעריף אַן איבערבליק, געפינען אַן ערקלערונג, אָבער עס געלונגט אונדז נישט. דווקא פאַר אונדז צוואַנציקיעריקע איז אַלץ באַזונדערס נישט קלאָר, פאַר קראָפּן, מילערן, לעערן, פאַר מיר, פאַר אונדז, וואָס קאַנטאָרעק באַטראַכט זיי אַלס אייזערנע יוגנט. די עלטערע לייט זענען אַלע פעסט צעגויפגעבונדן מיטן פריערדיקן, זיי האָבן באָדן, זיי האָבן פרויען, קינדער, באַרופן און אינטערעסן, וועלכע זענען שוין אזוי שטאַרק, אַז דער קריג האַט זיי נישט געקענט צערייסן. מיר צוואַנציקיעריקע האָבן אָבער נאָר אונדזערע עלטערן און עטלעכע—א מיידל. דאס איז נישט פיל — ווייל אין אונדזערע יאָרן איז די קראַפט פון די עלטערן אמשוואַכסטן, און די מיידלעך האָבן נאָך נישט איבער אונדז די שליטה. אויסער דעמדאָזיקן איז דאָך ביי אונדז כמעט מער גאָרנישט געווען; א ביסל [illegible]

טאָזיע, עטלעכע ליבעס־געשיכטן אין דער שולע. ווייטער האט אונדזער לעבן נישט דערגרייכט. און דערפון איז גאָרנישט געבליבן.

קאנטארעק האָט געזאָגט, אַז מיר זענען טאקע גראָד געשטאנען אויף דער שוועל פון דער עקזיסטענץ. אזוי איז עס אויסגעפעלן. מיר זענען נאָך נישט געווען איינגעוואָרצלט. דער קריג האָט אונדז אָפּגעשוועמט. פאר די אנדערע, די עלטערע, איז ער אַן הפסקה. זיי קאָנען איבער אים אריבערטראכטן. מיר אָבער זענען פון אים פארכאפט געוואָרן און ווייסן נישט, ווי ס'דארף זיך ענדיקן. וואָס מיר ווייסן איז פאָרלויפיק נאָר דאָס, אַז מיר זענען אויף א משונהדיקן און שווער־מוטיקן אופן פאַרגרעבט געוואָרן, כאָטש מיר זענען זיך אפילו וועגן דעם נישט שטאַרק מצער.

אויב מילערן ווילט זיך אזוי שטארק האָבן קעמעריכס שטיוול, פילט ער אים אָבער נישט ווייניקער מיט ווי יעדער איינער פון אונדז, וואָס וואַגט נישט, דורכגעדרינגען מיטן טיפן שמערץ, וועגן דעם צו טראכטן. ער אָריענטירט זיך בלויז בעסער פון אונדז. ווען די שטיוול וואָלטן נאָך קעמעריכן עפּעס גוצן, וואָלט מילער בעסער געלאָפן א באָרוועסער איבער שטעכעדיקע דראָט, איידער זיך קלִיגן ווי אזוי זיי צו באקומען. איצט אָבער האָבן דאָך די שטיוול מיט קעמעריכס צושטאַנד קיין שום שייכות נישט, בעת מילערן קאָנען זיי זייער גוט צונוץ קומען. פארוואָס זאָל זיך טאקע דעריבער מילער מיט דעם נישט אינטערעסירן, לכל הדעות האָט ער דאָך אויף זיי מער רעכט ווי עפּעס א סאניטאַר! אַז קעמעריך וועט שוין זיין טויט, וועט דאָך שוין זיין צו שפּעט. דעריבער גיט טאקע מילער איצט דערויף אַכטונג.

מיר האָבן לגמרי פארלאָרן דעם חוש פאר וועלכע נישט איז אנדערע צוזאמענהאַנגען, ווייל זיי זענען קינסטלעך. נאָר די

פאַקטן זענען פאר אינדז ריכטיק און וויכטיק. און גוטע שטייל זענען אַ זעלטענע זאַך.

פריער איז דאָס גופא אויך געווען אַנדערש. בעת׳מיר זענען אַוועק אין באַצירקס-קאָמאַנדע, זענען מיר נאָך געווען אַ קלאַס פון צוואַנציק יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך, עטלעכע צום ערשטן מאָל, האָפערדיק געלאָזן געמיינזאַם ראַזירן, אייזער זיי האָבן איבערגעטרעטן דעם קאַזאַרמע-הויף. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום פעסטע פּלענער פאַר דער צוקונפט, טון געדאַנקען וועגן קאַריערע און באַרוף, וואָס שאַפן פּראַקטישע, באַשטימטע עקזיסטענץ-פאָרמען — זענען מיר מיט קליינע אויסנאַמען, געווען גאַנץ ווייט;—דערפאַר זענען מיר אָבער געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרנעפּלטע אומקלאָרע אידעען, וואָס האָבן אין אונדזערע אויגן צוגעגעבן דעם לעבן און אפילו דעם קריג עפּעס אַ מין אידעאַליזירנדיקן און כמעט ראָמאַנטישן כאַראַקטער.

בלויז צען וואָכן האָט מען אונדז אויסגעבילדעט מיליטעריש, אָבער אין דער דאָזיקער קורצער צייט האָבן מיר זיך פּאַקטיש פיל מער אומגעביטן ווי אין משך פון די גאַנצע צען יאָר שול-צייט. מיר האָבן געלערנט, אַז אַ געפּוצטער קנאָפּ איז אַ סך וויכטיקער ווי פיר בענדער שאָפּענהויער. לכתחילה דערשטוינט, שפּעטער פאַרביטערט און ענדלעך גלייכגילטיק, זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז דעצידירן נישט דער גייסט, נאָר די פּוצבאַרשט, נישט דער געדאַנק, נאָר דער סיסטעם, נישט די פרייהייט, נאָר די מיליטערישע איבונגען. מיט באַגייסטערונג און גוטן ווילן זענען מיר זעלנער געוואָרן; מ׳האָט אָבער געטאָן אַלץ, כדי דאָס אין אונדז צו פאַרניכטן. נאָך די ערשטע דריי יאָרן האָבן מיר שוין באַגריפן, אַז אַ בריוו-טרעגער מיט שליפעס האָט איבער אונדז אַ גרעסערע מאַכט ווי אונדזערע עלטערן, אונדזערע דערציער און אַלע קולטור-קרייזן פון פּלאַטאָן ביז געטהע צוזאַמענגענומען. מיט אונדזערע יונגע, וואַכזאַמע אויגן האָבן מיר געזען, אַז דער קלאַסישער פאַטערלאַנדס-באַגריף פון אונדזערע

לערער, האָט זיך דאָ פּאָרלויפיק רעאַליזירט אין אַ מין אַנולירן יעדע פּערזענלעכקייט, וואָס אַזוינס האָט מען נישט געפאָדערט אפילו פון דער דינערשאַפט. גריסן, גלייכשטיין, פּאַראַדמאַרשן, געווער-פּרעזענטירן, רעכטס, לינקס, פּערמאַכטע רייען, זלזולים און טויזנטער שיקאַנעס: מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט אונדזער אויפגאַבע לגמרי אויף אַן אַנדערן אופן און באַלד האָבן מיר דערשפּירט, אַז צום העלדנטום גרייט מען אונדז נישט מער ווי פּשוטע צירק-פערד. מיר האָבן זיך אָבער דערצו גיך צוגעוווינט. מיר האָבן אפילו פאַרשטאַנען, אַז אַ טייל פון דידאַקטיקע מעשים זענען זאָגאַר נויטווענדיק, אַ סך אָבער לחלוטין איבעריק. דער זעלנער האָט פאַר אַלץ אַ גוטן חוש.

צו דריי און צו פיר האָט מען אונדזער קלאַס פאַנאַנדער-געשיקט אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען, צוזאַמען מיט פריזישע פישערס, פויערים, אַרבעטער און האַנטווערקער, מיט וועלכע מיר זענען גאַנץ גיך געוואָרן גוטע פריינט. קראָפּ, מילער, קעמעריך זענען אַריין אין דער נײַנטער אָפּטיילונג, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט דער אונטעראָפיציר הימלשטאָס.

ער איז געווען באַוווסט אַלס דער ערגסטער שינדער פון קאַזאַרמע-הויף און דערמיט האָט ער שטאָלצירט. אַ קליינער דיקער יאַט, וואָס האָט צוועלף יאָר געדינט, מיט פוקסישע שטעכעדיקע וואָנסן, אין ציוויל-באַרוף אַ בריווטרעגער. אויף קראָפּן, טיאַדען, וועסטהוזן און מיר, האָט ער ספּעציעל געהאַט אַן אויג, ווײַל ער האָט געשפּירט אונדזער שטילן חוזק.

אין פרימאָרגן האָב איך גאַנצע פערצן מאָל איבערגעבעט זײַן געלעגער. ס׳איז אים כסדר נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט עס צעוואָרפן. אין משך פון צוואַנציק שעה אַרבעט — נאַטירלעך מיט הפסקות — האָב איך אַ פאָר אַלטע שטיינהאַרטע שטיוול אַזוי לאַנג געשמירט און געריבן ביז זיי זענען געוואָרן ווייך ווי פוטער, אַז אפילו הימלשטאָס גופא האָט שוין נישט געהאַט אויף זיי וואָס אויסצושטעלן; — איך האָב לויט זײַן בא

פעל, מיט אַ צאָן-בערשטל רייַן געשייערט די אונטער-אָפּיצירנס שטוב; — קראַפּ און איך האָבן זיך אונטערגענומען מיט אַ האנטבאַרשט און אַ קער-בלעך אָפּצוּרייניקן דעם קאַזאַרמע-הויף פון שניי, און מיר וואָלטן דורכגעהאַלטן ביז געפרוירן צו ווערן, ווען נישט אַ לייטענאַנט, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעגאַנגען, האָט אונדז משלח געווען און געגעבן הימלשטאָסן אַ געהעריקן חלק. די קאָנסעקווענצן דערפון האָבן מיר, נאַטירלעך, געטראָגן. הימלשטאָס האָט אונדז איצט נאָך שטאַרקער פאַרפאָלגט. איך בין פיר וואָכן נאָכאַנאַנד יעדן זונטיק געשטאַנען אויף דער וואַך און דערצו נאָך געטון אַלע שטוב-אַרבעטן; — איך האָב אין פולער אַמוניציע מיט געווער אין האַנט, זיך געמוזט איבן אויף אַ נאַסן, ווייכן באָדן אין „שפרינג אויף, מאַרש, מאַרש, און אַוועקלייגן", ביז איך האָב זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק בלאָטע און בין אַנידערגעפאַלן. — אין פיר שעה שפּעטער האָב איך אָבער הימלשטאָסן געוויזן מיינע זויבער גערייניקטע זאַכן, אמת מיט שטאַרק צעבלוטיקטע הענט; — איך האָב צוזאַמען מיט קראָפּן, וועסטהוזען און טיאַדען אין אַ שטאַרקן פראָסט, אָן הענטשקעס, געאיבט „שטילגעשטאַנען" די בלויזע פינגער אויפן געווער, אונטער דער לויערנדיקער שמירה פון הימלשטאָסן, וואָס האָט געוואַרט אויף דער קלענסטער באַוועגונג כדי צו געפינען עפּעס אַ חטא; — איך בין צוויי אַ זייגער ביינאַכט, אין איין העמד, אַראָפּגעלאָפן אַכטמאָל נאָכאַנאַנד פון אויבערשטן שטאָק אויפן הויף, ווייל מיינע אינטערהויזן האָבן אַריבערגעהאָנגען אויף איין סענטימעטער איבערן ראַנד פון בענקל, וווּ יעדער איינער האָט געמוזט איינלייגן זיינע זאַכן. נעבן מיר איז געלאָפן דער אונטעראָפיציר אין דינסט, הימלשטאָס, און האָט מיר געטרעטן אויף די שפּיץ פינגער. ביים באַיאָנעטירן, האָב איך שטענדיק געמוזט פעכטן מיט הימלשטאָסן, דערביי האָב איך געהאַט אַ שווערן אייזנגעשטעל און ער — אַ הילצערנעם האַנטגעווער, אַזוי אַז ער האָט מיר נישט איינמאָל געמאַכט די הענט ברוין און בלוי. איינמאָל בין איך פון דאָזיקן שפּיל געוואָרן אַזוי צעקאָכט, אַז איך האָב מיט אַ כּיוון איבערגעיאָגט און דערלאַנגט אים אזא זעץ

אין בויך, אז ער איז אומגעפאַלן. אז ער איז אוועק זיך באַקלאָגן אויף מיר פאַרן קאָמפּאַניע-פירער, האָט זיך יענער פון אים אויסגעלאַכט און אים געראָטן ער זאָל זיין פאָרזיכטיקער; ער האָט הימלשטאַסן גוט געקענט און האָט הנאה געהאַט פון זיין מפּלה. — איך האָב זיך אויסגעאַרבעט אַלס אַן אויסגעצייכנטער קלעטערער אויף שטריק; ביסלעכווייז בין איך אויך געוואָרן אַ גרויסער מומחה אין קני-בויגן. פאַר הימלשטאַסן האָבן מיר געציטערט, דערהערנדיק בלויז זיין קול; פּאַקן אונדז איז אָבער דעמדאָזיקן ווילד געוואָרענעם פּאָסט-פערד נישט געלונגען.

איינמאָל, אין א זונטיק, האָב איך און קראָפּ געשלעפּט א'ן באַראַקן-לאַגער אויף אַ שטעקן איבערן הויף דעם לאַטרינען-עמער. הימלשטאַס, אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען, איז שטיין געבליבן און א פרעג געטאָן, ווי ס'געפעלט אונדז די אַרבעט.

מיר האָבן דערשפּירט א ציטער אין גאַנצן קערפּער און אויסגעגאָסן אים דעם עמער אויף די פיס. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן צאָרן, אָבער די מאָס איז געווען פול.

— דאָס שמעקט מיט תפיסה, האָט ער געדונערט. פאַר קראָפּן איז עס געווען גענוג.

— די זאַך מוז אָבער קודם-כל אויסגעפאָרשט ווערן און דאַן וועלן מיר אַלץ אויפדעקן, האָט ער געזאָגט.

— ווי אַזוי רעדט איר מיט אַן אונטער-אָפיציר! האָט הימלשטאַס געליאַרמט, צי זענט איר פון זינען אַראָפּ? וואַרט ביז מ'וועט אייך פרעגן! וואָס ווילט איר טאָן?

— אָנהויבן דערציילן וועגן הער אונטעראָפיציר, האָט א זאָג געטאָן קראָפּ, מיט א חוצפּהדיקן זשעסט.

הימלשטאַס האָט פאַרשטאַנען, אז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. איידער ער איז פאַרשוואונדן געוואָרן האָט ער נאָך אפילו געברומט: „איך וועל זיך מיט אייך אָפּרעכענען, — אָבער זיין מאַכט איז שוין געווען קאַפּוט. ער האָט זיך נאָך געפּרוווט בעת די איבונגען מיט „אַוועקלייגן" "שפּרינג אויף, מאַרש, מאַרש". מיר האָבן אפילו אויסגע-

פירט יעדן באַפעל; ווייל באַפעל איז באַפעל, און מוז אויס-
געפירט ווערן. מיר האָבן אים אָבער אַזוי פאַמעלעך אויסגעפירט,
אַז הימלשטאָס פלעגט אַרויס פון די כלים. געמיטלעך זענען מיר
געקראָכן אויף די קני, דערנאָך אויף די הענט; מיטאַמאָל גיט
ער פלוצלונג אַן אַנדער קאָמאַנדע. איידער מיר האָבן געשוויצט,
איז ער שוין געוואָרן הייזעריק.

ערשט דאַן האָט ער אונדז אָפּגעלאָזן. אמת, ער האָט
אונדז נישט גערופן אַנדערש ווי כלבים. אָבער דערין איז געלעגן
אַכטונג.

ס׳זענען געווען אַ סך אַנשטענדיקע אונטעראָפיצירן, און
קליגערע פון אים; די אַנשטענדיקע זענען אפילו געווען אין דער
מערהייט. אָבער קודם-כל האָט יעדער איינער געשטרעבט צו
בלייבן אויף זיין פּאָסטן דאָ אינדערהיים, אַזוי לאַנג ווי מעגלעך,
און דאָס האָט ער געקאָנט דערגרייכן נאָר אין דעם פאַל, אויב
ער איז געווען שטרענג צו די רעקרוטן.

דעריבער האָבן מיר טאַקע געמוזט אויספירן אַלע מעגלעכע
אַרבעטן ביזן רייניקן דעם קאַזאַרמע-הויף, און גאַנץ אָפט פלעגן
מיר טאַקע קריצן מיט די ציין פאַר כעס און פאַרביטערונג.
עטלעכע פון אונדז זענען דערפון קראַנק געוואָרן, וואָלף איז
זאָגאַר געשטאָרבן פון אַ לונגען-אָנצינדונג. מיר זענען געוואָרן
האַרט, אומצוטרוילעך, אומברחמנותדיק, נקמה-דורשטיק, גראָב, — און
דאָס איז טאַקע געווען גוט, ווייל דווקא דידאָזיקע אייגנשאַפטן
האָבן אונדז געפעלט. ווען מ׳זאָל אונדז האָבן געשיקט אין די
שוץ-גראָבנס אָן דערדאָזיקער פאָרבערייטונג, וואָלטן זיכער ס׳רוב
פון אונדז משוגע געוואָרן. אַזוי זענען מיר אָבער געווען צוגע-
גרייט צו דעם, וואָס ס׳האָט אויף אונדז געוואַרט.

מיר האָבן זיך נישט געבראָכן, מיר האָבן זיך צוגעפאַסט;
אונדזערע צוואַנציק יאָר, וואָס האָבן אונדז אַ סך זאַכן שווער
געמאַכט, האָבן אונדז דערצו שטאַרק צוגעהאָלפן. ס׳וויכטיקסטע
איז אָבער געווען דאָס, וואָס אין אונדז האָט אויפגעוואַכט אַ
פעסטער, פּראַקטישער געפיל פון סאָלידאַריטעט, וועלכער איז

אויפן שלאַכטפעלד דערגאַנגען צו זיין העכסטער מדרגה, — צו דער בעסטער זאַך, וואָס די קריג האָט געשאַפן — צו חברשאַפט.

איך זיץ נעבן קעמעריכס בעט. ער גייט אויס פון מינוט צו מינוט. אַרום אונדז איז אַ שטאַרקער טומל. אַ לאַזאַרעט־צוג איז אָנגעקומען און מ'זוכט אויס די טראַנספּאָרט־פעיִקע פאַרוווּנדעטע. דער דאָקטאָר גייט פאַרביי פאַר קעמעריכס בעט און טוט אפילו אויף אים קיין קוק נישט.

— ס'צווייטע מאָל, פראַנץ, זאָג איך.

ער הייבט זיך העכער אויף די עלנבויגנס.

— זיי האָבן מיך אַמפּוטירט.

איצט ווייסט ער עס שוין. איך שאָקל צו מיטן קאָפּ און ענטפער.

— זיי צופרידן, וואָס דו האָסט יוצא געווען דערמיט.

ער שווייגט.

איך רעד ווייטער.

— פריי זיך וואָס נישט ביידע פיס, פראַנץ. וועגעלער האָט פאַרלאָרן די רעכטע האַנט. דאָס איז אַ סך ערגער. איצט וועסטו דאָך אַהיים גיין.

ער קוקט מיר אָן.

— דו מיינסט עס ערנסט?

— פאַרשטייט זיך.

ער חזרט איבער:

— דו מיינסט עס באמת?

— גאַנץ זיכער, פראַנץ. קודם־כל מוזטו אָבער קומען צו זיך נאָך דער אָפּעראַציע.

ער ווינקט מיר איך זאָל צוגיין נענטער. איך בייג זיך צו צו אים און ער פּליסטערט:

— איך דעם בין איך שטאַרק מסופק.

— רייד נישט קיין נאַרישקייט, פראַנץ, אין אַ פּאָר טעג

אַרום וועסטו זיך אַליין איבערצייגן. אַ גרויסע זאַך, אַן אַמפּוטיר־טער פוס. דאָ ווערן וויכטיקערע זאַכן צונויפגעשטוקעוועט.

ער הויבט אויף זיין האַנט.

— נאַ, קוק זיך נאָר צו צו מיינע פינגער.

— דאָס קומט פון דער אָפּעראַציע. דו דאַרפסט נאָר גוט עסן, וועסטו גיך קומען צו זיך. זעט מען אייך דאָ צו ווי געהעריק?

ער ווייזט אָן אויף אַ שיסל, וואָס שטייט נאָך כמעט אַ פולע. איך ווער אויפגערעגט.

— פראַנץ, דו מוזט עסן. עסן איז דער עיקר. דאָ איז דאָך גאַנץ גוט.

ער פּראָטעסטירט. אין אַ מינוט אַרום זאָגט ער גאַנץ שטיל:

— איך האָב אַמאָל פאַנטאַזירט צו ווערן אַ הויכער וואַלד־בעאַמטער.

— דאָס קאָנסטו נאָך ווערן, — טרייסט איך אים. — איצט זענען פאַראַן גרויסאַרטיקע פּראָטעזן, דו שפּירסט לגמרי נישט, אַז דיר פעלט עפּעס. זיי ווערן צוגעפּעסטיקט צו די מוסקולן. ביי האַנטפּראָטעזן קאָן מען באַוועגן די פינגער, אַרבעטן, אפילו שרייבן. אויסערדעם מאַכט דאָך די טעכניק טאָג־טעגלעך ביי־ע דערפינדונגען.

אַ צייט לאַנג ליגט ער שטיל, דערנאָך זאָגט ער.

— „דו קאָנסט מיינע געשנורעוועטע שטיוול מיטנעמען פאַר מילערן".

איך שאָקל צו מיטן קאָפּ און קלער, ווי געפינט מען עפּעס אַ פּאָר ווערטער, וואָס זאָלן אים קאָנען אויפמונטערן. זיינע ליפּן זענען פאַרברענט, דאָס מויל איז גרעסער געוואָרן, די ציין שטאַרצן אַרויס ווי זיי זאָלן זיין פון קרייד. ס'פלייש ווערט פאַר־ניכטעט, דער שטערן וועלבט זיך שטאַרקער, די באַקן־ביינער זענען משונהדיק פאַרשפּיצט. ס'אַרבעט זיך דורך דער סקעלעט. די אויגן זענען שוין איינגעפאַלן. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט שוין זיין נאָך אַלעמען.

ער איז נישט דער ערשטער, וועלכן איך זע אין אַזאַ צושטאַנד; מיט אים זענען מיר דאָך אָבער צוזאַמען אויסגעוואַקסן, און דער איינדרוק איז דעריבער לגמרי אַן אַנדערער. איך פלעג איבערשרייבן זיינע אויפזאַצן. ער האָט אין שולע מייסטנס געטראָגן אַ ברוינעם אַנצוג מיט אַ פאַסעק, די אַרבל שטאַרק אויסגעריבן. ער איז אויך געווען דער איינציקער פון אונדז, וואָס האָט זייער גוט געקענט די גרויסע ריזן — וועל ביים רעק*) בעת ער פלעגט זיך פאַרקעמען, האָבן זיך אים די האָר געשאָטן איבערן געזיכט ווי זייד. קאַנטארעק האָט דעריבער מיט אים שטאַרק שטאָלצירט. קיין פּאַפּיראָסן האָט ער אָבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. זיין הויט איז געווען זייער ווייס. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס מיידלשעס.

איך וואַרף אַ קוק אויף מיינע שטיוול. זיי זענען גרויס און אומגעלומפּערט, די הויזן זענען אַריינגערוקט, אַז מ׳שטעלט זיך אויף, זעט מען אויס אין דידאָזיקע רערן דיק און קרעפטיק. אָבער קוים גייען מיר זיך באָדן, באַקומען מיר פּלוצלינג צוריק דינע פיס און שמאָלע פּלייצעס. דאַן זענען מיר מער נישט קיין זעלנער, נאָר כמעט יינגלעך. ס׳איז ממש שווער צו גלייבן, אַז מיר זאָלן קאָנען שלעפּן דעם ראַניעץ. ס׳איז באמת אַ זונדערבאַרער אויגנבליק בעת מיר זענען נאַקעט; דעמאָלט זענען מיר ציוויליסטן און פילן זיך כמעט ווי אַזעלכע.

פראַנץ קעמעריך פלעגט ביים באָדן אויסזען קליין און שמאָל פּונקט ווי אַ קינד. און אָט ליגט ער איצט דאָ, און פאַרוואָס אין פאַר ווען? די גאַנצע וועלט וואָלט מען באַדאַרפט פאַרבייפירן פאַר זיין בעט און זאָגן: דאָס איז פראַנץ קעמעריך, אַ יינגל פון ניינצן און אַ האַלב יאָר, ער וויל נישט שטאַרבן. לאָזט אים נישט שטאַרבן!

מיינע געדאַנקען ווערן צוטומלט. דידאָזיקע לופט פון קאַרבאָל און בראַנד פאַרסמט די לונגען, זי איז אַ געדיכטע קאַשע, וואָס שטיקט אין האַלדז.

ס׳ווערט טונקעל. קעמעריכס געזיכט איז טויט-בלייך, ס׳הייבט זיך פון קישן און איז אַזוי ווייס, אַז עס שימערירט. דאָס

*) „וועל ביים רעק“ — אַ געשטעל צו ספּאָרט-איבונגען.

מויל באַוועגט זיך שטיל. איך בויג זיך צו אים אַריבער, ער פליסטערט:

— אַז איר וועט געפינען מיין דייגער, שיקט אים אַפּ אַהיים.

איך פּראָטעסטיר נישט. ס'האָט נישט מער קיין זין. מ'קאָן אים נישט איבערצייגן. איך פיל זיך עלנט ביים געדאַנק וועגן מיין הילפלאָזיקייט. דער דאָזיקער שטערן מיט די איינגעפאַלענע שלייפן, דאָסדאָזיקע מויל, וואָס איז נישט מער ווי אַ געביס, דערדאָזיקער שפּיציקער נאָז! און די דיקע וויינענדיקע פרוי אינדערהיים, וועלכער איך מוז שרייבן. ווי ווער איך שוין פּטור פון דעמדאָזיקן בריוו.

לאַזאַרעט-געהילפן גייען אַרום מיט פלעשער און עמערס. איינער גייט צו נעבנטער, וואַרפט אויף קעמעריכן אַ פאַרשנדיקן בליק און טראָגט זיך אָפּ. מ'זעט, אַז ער וואַרט, וואַרשיינלעך, דאַרף ער דאָס בעט.

איך רוק זיך צו נאָענט צו פראַנצן, הייב אָן ריידן, פּונקט ווי דאָס זאָל אים פלומרשט קאָנען ראַטעווען:

— אפשר וועסטו זיך איבערטראָגן אין דערהאָלונגס-היים ביים קלויסטער-באַרג, פראַנץ, צווישן די ווילעס. דאָרט דורכן פענצטער זעען זיך די ווייטע פעלדער ביז צו די הויכע ביימער ביים האָריזאָנט. דאָרט איז איצט די שענסטע צייט, בעת עס צייטיקט די תבואה; אין אָוונט, ביים זונאונטערגאַנג, זעען אויס די פעלדער ווי פון פּערלמוטער. און די טאָפּאָלן-אַלעע ביים קלויסטער-טייכל, וווּ מיר פלעגן כאַפּן פישלעך, דאָרט קאָנסטו ווידער איינאָרדענען אַן אַקוואַריום און האָדעווען פיש, קאָנסט שפּאַצירן, דאַרפסט זיך ביי קיינעם נישט פרעגן, און אַפילו שפּילן אויפן קלאַוויר ווען און וויפל דו ווילסט.

איך בייג זיך אַריבער איבער זיין געזיכט וואָס ליגט אין שאָטן. ער אָטעמט נאָך, אָבער גאַנץ שוואַך. זיין געזיכט איז נאַס. ער וויינט. אָט וואָס איך האָב אָנגעמאַכט מיט מיינע קלוגע דבורים!

— אָבער פראַנץ — איך נעם אים אַרום און לייג צו מיין געזיכט צו זיינעם. אפשר ווילסטו איצט אַביסל שלאָפן?

ער ענטפערט נישט. די טרערן שטרוימען איבער די באַקן. איך וויל זיי אָפּווישן, אָבער מיין נאָזטיכל איז צו שמוציק.

ס'גייט אַוועק א שעה. איך זיץ געשפּאַנט און באַטראַכט גענוי יעדע מינע. אפשר וויל ער מיר נאָך עפּעס זאָגן. ווען ער זאָל וויינען, ווייניקסטענס וועלן עפענען ס'מויל און שרייען! אָבער ער וויינט נאָר, דעם קאָפּ אויסגעדרייט אָן א זייט. ער רעדט נישט, נישט פון זיין מאַמען נישט פון זיין שוועסטער און ברו-דער, ער זאָגט גאָרנישט, אַלץ ליגט שוין, ווי ס'ווייזט אויס, הינטער אים. — ער איז איצט אַליין מיט זיין ניינצניעריק לעבן און וויינט, וויל ס'פּאַרלאָזט אים.

דאָס איז דער שרעקלעכסטער און שווערסטער אָפּשייד, וואָס איך האָב ווען ס'איז געווען, כאָטש ביי טיאַדען איז אויך געווען גענוג שלעכט, ער האָט אויפן קול געקלאָגט נאָך זיין מאַמען, דער דאָזיקער בערן-שטאַרקער יאָט און האָט מיט אויסגע-גלאָצטע אויגן אַוועקגעיאָגט פון זיין בעט מיט א זייטיק געווער דעם דאָקטאָר, אים נישט צוגעלאָזן צו זיך ביז ער איז אַוועק-געפאַלן.

פלוצלינג קרעכצט קעמעריך און הויבט אָן צו גוסטן.
איך שפּרינג אויף, לויף אַרויס און פרעג:
— וווּ איז דער דאָקטאָר? וווּ איז דער דאָקטאָר?

דערזעענדיק דעם ווייסן קיטל, כאַפּ איך אים און לאָז אים נישט אָפּ.

קומט געשווינט. פראַנץ קעמעריך שטאַרבט.

ער רייסט זיך אַרויס און פרעגט ביי א דערביישטייענדיקן לאַזאַרעט-געהילף:

— וואָס איז עס אַזוינס?
יענער טוט א זאָג:
— „ס'בעט נומער 26, אמפּוטירט א פוס".
ער כעסט זיך:

— „פונוואַנען זאָל איך וועגן דעם עפּעס וויסן? איך האָב היינט אַמפּוטירט פינף פיס".

ער שטופּט מיך אָפּ, זאָגט צום לאַזאַרעט-געהילף:

— „גייט, זעט, וואָס דאָרט איז". און לויפט צום אָפּעראַציע-זאַל.

איך ציטער איינגאַנצן פון ווילדן צאָרן, בעת איך גיי מיטן סאַניטאַר. דער מענטש קוקט מיך אָן און זאָגט:

— איין אָפּעראַציע נאָך דער אַנדערער פון פינף א זייגער פאַרטאָג אָן — משוגע צו ווערן זאָג איך דיר, בלויז היינט ווידער גאַנצע זעכצן טויטפאַלן — דיינער איז דער זיבעצעהנטער. ביז צוואַנציק וועט זיכער דער .. —

מיר ווערט נישט גוט, איך שפּיר אַז לענגער וועל איך נישט אויסהאַלטן. איך וויל זיך שוין מער נישט זידלען, ס'האָט נישט קיין זין, איך וואָלט געוואָלט אַנידערפאַלן און מער נישט אויפשטיין.

מיר גייען צו צו קעמעריכס בעט — ער איז טויט. דאָס פּנים איז נאָך נאַס פון טרערן. די אויגן זענען האַלב אָפן. זיי זענען געל ווי אַלטע ביינערנע קנעפּ. —

דער סאַניטאַר האַקט מיר אין די זייטן:

— זיינע זאַכן נעמסטו צו?

איך שאָקל מיטן קאָפּ.

ער רעדט ווייטער:

— מיר מוזן אים שוין צונעמען, מיר דאַרפן ס'בעט. אין דרויסן וואַלגערן זיי זיך פּשוט אויף דער ערד.

איך נעם צו די זאַכן און קנעפּל אָפּ קעמעריכן די דער-קענונגס-מאַרקע. דער סאַניטאַר פרעגט וועגן לוין-בוך. ס'איז נישטאָ. איך זאָג, עס געפינט זיך זיכער אין שרייב-טיש, און גיי אַוועק. הינטער מיר שלעפּן זיי שוין פראַנצן אויף אַ וועגל.

פאַר דער טיר פיל איך שוין ווי א דערלייזונג די טונקעלקייט און דעם ווינט. איך אָטעם מיט אַלע כחות און שפּיר, ווי נאָך קיינמאָל נישט, די וואַרעמע, ווייכע לופט אויף מיין געזיכט. געדאַנקען וועגן מיידלעך, וועגן בליענדיקע לאָנקעס

און ווייסע וואָלקנס פליען פלוצלינג דורך מיין קאָפּ. מיינע פיס אין די שטיוול באַוועגן זיך פּאָרויס, איך גיי גיכער, איך לויף. זעלבער גייען פאר מיר פאַרביי זייערע שמועסן דענערווירן מיך, כאָטש איך ווייס אפילו נישט וואָס זיי ריידן. די ערד איז דורכגעגנו־מען מיט קרעפטן, וואָס גיסן זיך אריין אין מיר דורך מיינע פּאָדעשוועס. די נאַכט קנאַקט עלעקטריש, דער פראָנט שטורעמט טעמפּ ווי א טרומייטער־קאָנצערט. מיינע גלידער באַוועגן זיך בויגזאַם. איך שפּיר מיינע שטאַרקע ביינער, איך אָטעם האַסטיק און אויפן קול. די נאַכט לעבט, איך לעב. איך שפּיר הונגער, אַ גרעסערן ווי בלויז פון מאָגן. —

מילער שטייט נעבן באַראַק און וואַרט מיך אָפּ. איך דער־לאַנג אים די שיך. מיר גייען אריין און ער מעסט זיי אָן. זיי פּאַסן אים אויסגעצייכנט.

ער זוכט אין זיין עסנוואַרג און דערלאַנגט מיר אַ היב־שע שטיק וווּרשט. דערצו האָבן מיר הייסן טיי מיט ראָם.

III

מיר באַקומען ערזאַץ. די ליידיקע ערטער ווערן גיך באַזעצט, און די שטרוי-זעק אין די באַראַקן זענען באַלד ווידער פול. ס'רוב זענען עס אַלטע לייט, מ'שיקט אונדז אָבער אויך אַריין פינפאונצוואנציק מאַן יונגן ערזאַץ פון לאַגער פּאַר פעלד-רעקרוטן. זיי זענען כמעט מיט אַ יאָר ייִנגער פון אונדז.

קראָפּ שטעלט מיך אָפּ.

— צי האָסטו געזען די קינדער?

איך שאָקל צו מיטן קאָפּ. מיר טוען זיך אַ לאָז, ראַזירן זיך געשווינט אָפּ, שטעקן אַריין די הענט אין די הויזן-קעשענעס און גייען אָנקוקן די רעקרוטן; מיר פילן זיך ווי שטיינאַלטע מיליטער.

קאַטשינסקי גייט מיט אונדז מיט. מיר שפּאַצירן דורך די פערד-שטאַלן און קומען צו די ערזאַץ-לייט, וואָס קריגן גראָד גאַז-מאַסקן און קאַווע. קאַט פרעגט איינעם פון די יונגסטע: „איר האָט שוין געוויס גאַנץ לאַנג נישט באַקומען ווי געהעריק אָפּצועסן, וואָס?

יענער מאַכט עפּעס אַ משונהדיקע מינע.

— אינדערפרי שטעקריבן-ברויט, צו מיטאָג שטעקריבן-געקעכץ, אין אָוונט שטעקריבן-קאָטלעטן און שטעקריבן-סאַלאַטע.

קאַטשינסקי פייפט פאַכמעניש.

— ברויט פון שטעקריבן? האָט איר נאָך געהאַט גליק.

זיי באַקען עס אויך פון פגעכץ. וואָס האַלטסטו אָבער וועגן ווייסע בעבלעך, ווילסטו אַ פּאָרציע?

דאָס ייִנגל ווערט רויט: „חוזק מאַכן פון מיר דאַרפסטו נישט“.

קאַטשינסקי טוט בלויז אַ זאָג:

— נעם דיין קאָך־געשיר.

ניייגעריק גייען מיר אים נאָך. ער פירט אונדז צו צו אַ פעסל נעבן אַ שטרוי־זאַק. עס איז פאַקטיש פול מיט ווייסע בעבלעך און רינד־פלייש. קאַטשינסקי שטייט פאַר אים ווי אַ גענעראַל און זאָגט:

— ס'איז אָפן, די פינגער לאַנג! דאָס איז דער לאָזונג פון די פרייסן.

מיר זענען איבערראַשט. איך פרעג:

— קאַט, דו פרעסער איינער, וו האָסטו עס געפאַקט?

דער פּאָמידאָר איז געווען צופרידן, אַז איך האָב אים באַפרייט. איך האָב דערפאַר געגעבן דריי שטיק זיידנס אויף פּאַלשירעמס. יאָ, ווייסע בעבלעך זענען קאַלטע אויך זייער געשמאַק.

ער דערלאַנגט דעם ייִנגל אַ פּאָרציע און זאָגט:

— אַז דו וועסט נאָכאַמאָל קומען אַהער מיט דיין קאָך־געשיר, זאָלסטו האָבן אין דער לינקער האַנט אַ ציגאַר. פאַרשטייסט צי נישט?

דערנאָך ווענדט ער זיך צו אונדז:

— איר קריגט אַזוי.

אָן קאַטשינסקין קאָן מען זיך פשוט נישט באַגיין, ווייל ער האָט דעם זעקסטן חוש. אומעטום זענען דאָ אַזעלכע מענטשן, אָבער קיינער זעט נישט לכתחילה, אַז ס'איז אַזוי. יעדע קאָמפּאַניע פאַרמאָגט אַזוינע איינעם אָדער צוויי. פון פאַך איז ער, שיינט מיר, אַ שוסטער, אָבער דאָס האָט מיטן ענין קיין שייכות נישט. ער פאַרשטייט יעדע מלאכה. ס'איז גוט מיט אים צו זיין באַנט, מיר זענען עס, קראָפּ און איך, אויך האַיע וועסטהוז געהערט

האלב און האלב דערצו. ער איז שוין לכל הדעות א מער אויס־פירנדיקער אָרגאַן, ווייל ער אַרבעט אונטער קאַטס קאָמאַנדע, איבערהויפּט ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַן ענין, ווו מ׳דאַרף האָבן פויסטן.

מיר קומען, למשל, ביינאַכט אין אַ לגמרי אומבאַקאַנטן אָרט, אַ פינצטער לאָך, ווו מ׳זעט גלייך, אַז מ׳האָט עס אויסגעליידיקט, אויסגערויבט ביז צו די ווענט. די קוואַרטיר איז אַ קליינער, טונקעלער פאַבריק־בנין, ערשט איצט צו דעם צוועק איינגעאָרדנט. ס׳שטייען בעטן, ריכטיקער נאָר בעט־געשטעלן, אַ פּאָר הילצערנע סטאָליגעס, אויף וועלכע ס׳ליגן דראָט־מאַטראַצן.

דער דראָט־מאַטראַץ איז האַרט. קיין דעקע אויף אונטערלייגן האָבן מיר נישט, מיט אונזערע מונדירן מוזן מיר זיך צודעקן, דאָס געצעלט־לייוונט איז צו דין.

קאַט באַטראַכט די געלעגערס און זאָגט צו וועסטהוזן:

„קום נאָר מיט מיר”.

זיי לאָזן זיך אַוועק אין דעם לחלוטין אומבאַקאַנטן אָרט. אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי דאָ צוריק פול אָנגעלאָדן מיט שטרוי. קאַט האָט געפונען אַ פערד־שטאַל פול שטרוי. איצט וואָלטן מיר געקאָנט גאַנץ גוט זיך אויסשלאָפן, ווען נישט דער קוילן־דאַמף.

קראָפּ פרעגט אַן אַרטילעריסט, וואָס געפינט זיך שוין אַ לענגערע צייט אין דערדאָזיקער געגנט:

— צי איז דאָ פאַראַן ערגעץ ווו אַ קאַנטינע?

יענער צולאַכט זיך:

— יאָ, ס׳איז פאַראַן! אָבער מיט ליידיקע פּאָליצעס, קיין פּיצל ברויט וועסטו דאָ נישט קריגן.

— צי דען זענען דאָ גאָר קיין איינוווינער מער נישטאָ?

ער שפּייט אויס:

„יאָ, פאַראַן עטלעכע, אָבער זיי דרייען זיך אַליין אַרום יעדן קאָך־קעסל און בעטלען”.

— דאָס איז אַ שלעכטע מעשה. אויב אַזוי מוזן מיר, הייסט עס, פעסטער צושנאָלן דעם לעדערנעם פּאַסעק און וואַרטן ביז מאָרגן, ביז מ׳וועט ברענגען פּוראַזש.

— איך זע אָבער ווי קאַט טוט אָן אַ היטל און פרעג:

— וווּהין קלויבסטו זיך, קאַט?

— מען מוז דאָך אָבער עפּעס געפינען. — און ער שלעפּט זיך אַוועק.

דער אַרטילעריסט ברומט איראָניש:

— גיי זוך, וועסט אַ סך געפונען! גיב אַכטונג זאָלסט זיך נישט איבערעסן.

אַנטוישטע לייגן מיר זיך אַוועק און ישובן זיך צי זאָלן מיר אָנרירן די אייזערנע פּאָרציעס צי נישט. ס'איז אָבער צו ריזיקאַ־פיש. און מיר פּרוּוון זיך איינצושלאָפן.

קראָפּ ברעכט איבער אַ פּאַפּיראָס און גיט מיר אַ האַלבן. טיאַדען דערציילט וועגן זיין נאַציאָנאַלן געריכט, גרויסע באָבעס מיט פעטס. אים געפעלן נישט די בעבלעך און קרויט. קודם־כל, מיינט ער, דאַרף מען שטעלן קאָכן אַלץ צוזאַמען, נישט חס־וחלילה די קאַרטאָפל, די בעבלעך און דאָס פעטס באַזונדער. אימיצער ברומט, אַז ער וועט תיכף צוברעכן טיאַדענען אויף קרויט, אויב ער וועט נישט אויפהערן ריידן, באַלד ווערט אין גרויסן צימער לגמרי רויק, בלויז אַ פּאָר ליכטלעך פלאַקערן אין די פלעשער־העלדזלעך, און דער אַרטילעריסט האַלט כסדר אין איין שפּייען.

מיר דרימלען שוין, ווי ס'טוט זיך פלוצלינג אַן עפן די טיר און ס'באַווייזט זיך קאַט. מיר דוכט זיך, אַז איך זע עס אין חלום. ער טראָגט אונטערן אָרעם צוויי ברויטן און אין האַנט אַ פּאַר־בלוטיקט זאַמדזעקל מיט פלייש.

ביים אַרטילעריסט פאַלט אַרויס די פּיפּקע פון מויל. ער טאַפּט ס'ברויט.

— פאַקטיש, אמתע ברויט, און אפילו נאָך וואַרעם.

קאַט רעדט נישט קיין וואָרט. ער האָט דאָך ברויט, און ס'איבעריקע איז שוין נישט וויכטיק. איך בין איבערצייגט, אַז ווען ער פאַלט אַריין אין אַ מדבר, וואָלט ער אין משך פון איין שעה צו־ברויפגעשטעלט אַן אָוונט־עסן פון טייטלען, געבראָטנס און וויין.

קורץ טוט ער אַ זאָג צו האַיען:

— האַק האָלץ!

דערנאָך שלעפּט ער אַרויס פון אונטערן ראָק אַ בראָטפאַן און פון קעשענע אַ פולע האַנט זאַלץ און אַפילו אַ היבש שטיקל חזיר פעטס; אַלץ האָט ער געדענקט. האַיע מאַכט פייער אויף דער פּאַדלאָגע. ס׳קנאַקט אין דער ליידיקער פאַבריק־האַליע. מיר קריכן אַרויס פון די בעטן.

דער אַרטילעריסט וואַקלט זיך. ער ישובט זיך צי זאָל ער דערלויבן כּדי אויך עפּעס צו באַקומען... אָבער קאַט זעט אים גאָר ניט, ער איז פאַר אים נישט מער ווי לופט. פלוכנדיק, טראָגט ער זיך אָפּ.

קאַט ווייסט דעם סוד ווי צו בראָטן פערד־פלייש, ס׳זאָל ווערן ווייך. מ׳דאַרף עס נישט אַרייַנלייגן גלייך אין פּענדל אַריין, ווייל דעמאָלט ווערט עס האַרט ווי שטיין. לכתחילה מוז מען עס אונטערקאָכן אין אַביסל וואַסער. מיר צוזעצן זיך אין אַ קרייז מיט די מעסערס אין די הענט און פּאַקן אָן אונדזערע מאָגנס.

דאָס איז קאַט. ווען ס׳זאָל בלויז אין איין יאָר אין אַן איינ־איינציקער געגנט, נאָר אין אַ באַשטימטער שעה מעגלעך זיין צו געפינען עפּעס עסנוואַרג, וועט ער פּונקט אין יענער שעה — ווי געטריבן דורך אַ מין נביאה־געפיל — אָנטאָן דאָס היטל, אַוועקגיין מיט אַ גלייכן וועג, ווי נאָך אַ קאָמפּאַס, און עס געפינען.

ער געפינט אַלץ; — בעת ס׳איז קאַלט, קליינע אויוועלעך און האָלץ, היי און שטרוי, טישן, שטולן—קודם־כּל אָבער פרעסן. ס׳איז ממש אומפאַרשטענדלעך, צייטנווייז דוכט זיך, אַז עפּעס כּשופט ער עס אַרויס פון דער לופט.

זיין גרעסטער אויפטו איז געווען — פיר פּושקעס גרויסע ים־ראַקעס. מיר, פאַרשטייט זיך, וואָלטן צופרידענער געווען, ווען ער ברענגט אונדז אַנשטאַט דעם שמאַלץ.

מיר האָבן זיך צעלייגט אויף דער זונען־זייט פון די באַראַקן. ס׳שמעקט מיט שמיראייל, זומער און פוס־שווייס.

קאַט זיצט נעבן מיר, ווייל ער האָט ליב צו כאַפּן אַ שמועס. היינט נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך אַ שעה נאָכאַנאַנד געאיבט אין

ערן־באַצייכנונגען", ווייל טיאַדען האָט נאָכלעסיק באַגריסט אַ מאַ־
יאָר. דאָס גייט קאַטן פּשוט פון זינען נישט אַרויס. ער פאַר־
זיכערט:

— ווערסט זען, מיר וועלן פאַרלירן דעם קריג, ווייל מיר
קאָנען צו גוט גריסן.

קראָפּ שפּרינגט אונטער נענטער אַ באַרוועסער, די הויזן
אויפגעקנעפּלט. ער לייגט אַוועק זיינע אויסגעוואַשענע זאָקן אויפן
גראָז טרוקענען. קאַט קוקט צום הימל אַרויף, לאָזט אַרויס אַ
שטאַרקן טאָן און זאָגט פאַרטראַכט:

ס'קלענסטע קערנדל גיט אַרויס אַ טאָן.

ביידע הייבן אָן צו דיספּוטירן. גלייכצייטיק וועטן זיי זיך
אין אַ פלאַש ביר, אַז ס'גרייט זיך אויף אונדז אַ העפטיקער פלי־
ער־קאַמף.

קאַט האַלט זיך שטאַרק ביי זיין מיינונג, און אַלס אַלטער
פראָנט־חזיר, גיט ער זי תיכף איבער אין פערזן:

גלייכע באַלוינונג, גלייכעס עסן;
וואָלט שוין דער קריג געווען לאַנג פאַרגעסן. —

קראָפּ, להיפּוך, איז אַ דענקער. ער שלאָגט פאָר, אַז אַ קריגס־
דערקלערונג זאָל ווערן אַן אַרט פאָלקס־יום־טוב מיט איינטריטס־
קאַרטן, און מוזיק ווי ביי אָקסן־קאַמפן. דאַן וואָלטן די מיניסטאָרן
און גענעראַלן פון ביידע לענדער געמוזט אַרויסטרעטן אויף דער
אַרענע אין באָד־הויזן און באַוואָפנט מיט גראָבע שטעקנס זיך
וואַרפן איינער אויפן צווייטן. ווער ס'בלייבט גאַנץ, יענעמס לאַנד
האָט מנצח געווען. דאָס וואָלט געווען אַ סך פּשוטער און בעסער
ווי איצט דאָ, ווו דער פאַלשער עולם באַקעמפט איינער דעם
אַנדערן.

דער פאָרשלאַג געפעלט. באַלד גייט איבער דאָס געשפּרעך
אויפן קאַזאַרמע־לייוונט.

דאָ דערמאָן איך זיך פּלוצלינג אָן אַזאַ בילד: אַ ברענע־
דיק הייסער נאָכמיטאָג אויפן קאַזאַרמע־הויף. די היץ שטייט שטיל
איבערן פּלאַץ. די קאַזאַרמעס מאַכן אַן איינדרוק פון אויסגעשטאָר־

בענע. אַלץ שלאָפט. מ'הערט נאָר די איבונגען פון טויקערס. זיי האָבן זיך ערגעץ ווו פאַרקליבן און איבן אומגעשיקט, מאַנאַטאָן, טעמפּ. ס'אַרא משוגעדיקע דרייקלאַנגען! נאָכמיטאָג — היץ, קאַזאַרמע-הויף און פויקן-איבונגען!

די פענצטער פון דער קאַזאַרמע זענען ליידיק און טונקל. אויף עטלעכע הענגען פייכטעדריי-לך-ווינדמיט בענקשאַפט קוקט מען אַהין אַריבער. אין די שטיבן איז קיל. —

אָ, איר טונקעלע, פאַרשימלטע אונטעראָפיציר-שטובן מיט די אייזערנע בעטגעשטעלן, מיט די קאַנטיקע בעטן און וועש-שענק מיט פיסבענקעלעך נעבן זיי! אפילו איר קאָנט ווערן דער ציל פון פאַרלאַנגען; דאָ אויפן פראָנט זענט איר פשוט אַ לע-גענדאַרער אָפּגלאַנץ פון דער היים, איר ירושה פול מיט ריחות פון איבערגעשטאַנענע שפייזן, שלאָף, רויך און קליידער.

קאַטשינסקי באַשרייבט זיי מיט פּרעכטיקע פאַרבן און גרוי-סער אויפרעגונג. וואָס וואָלטן מיר נישט אָפּגעגעבן, כּדי קאָנען צו זיי צוריק קומען! ווייל ווייטער גרייכן שוין גאָרנישט אונ-זערע געדאַנקען —

איר, אינסטרוקציע-שעהן באַגינען — „אויף וואָס פאַר אַ חלקים טיילן זיך די פאַכט און גיינציקער? — איר — ספּאָרט-שעהן נאָכמיטאָג — „קלאַווירשפּילער פאָרויס. רעכטס, פאָרווערטס געשווינד אין קיך אַריין, צום קאַרטאָפל-שיילן."

מיר צוגיסן זיך פון שמחה ביי דידאָזיקע דערינערונגען. קראָפּ צולאַכט זיך פלוצלונג און זאָגט: „אין לאָהנען זיך איבערזעצן."

דאָס איז געווען ס'ליבסטע שפּיל ביי אונדזער קאַפּראַל. לאָהנע איז אַ באַן-סטאַציע, ווו מ'דאַרף זיך איבערזעצן. כּדי אונ-דזערע חברים, וואָס גייען אין אורלויב, זאָלן זיך דאָרט נישט טועה זיין, האָט הימלשטאָס אונדז געלערנט איבערזעצן אין קאַ-זאַרמע-שטוב. מיר האָבן געדאַרפט איינחזרן, אַז אין לאָהנע קומט מען צום צווייטן צוג דורך אַן אונטערשטן גאַנג. די בעטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם אריבערגאַנג און יעדערער האָט זיך פאַרפעסטיקט אויף זייער לינקער זייט. דערנאָך איז געקומען די קאָמאַנדע: „אין לאָהנע זיך איבערזעצן!" און ווי דער בליץ זענען

אַלע דורך אונטער זיי בעטן, אַריבערגעקראָכן אויף דער אַנדע־רער זייט. דאָס האָט מען געאיבט שעהן נאָכאַנאַנד.

ב״נז לבינו איז די דייטשע לופט-שיף אָפּגעשאָסן געוואָרן. ווי אַ קאָמעט איז זי אין אַ געדיכטן רויך-זאַל אַראָפּגעפאַלן אָן אַ זייט. קראָפּ האָט צוליב דעם פאַרשפּילט אַ פלאַש ביר און ציילט אין אַ שלעכטער שטימונג זיין געלט.

— הימלשטאָס איז אַלס בריוטרעגער זיכער אַ באַשיידענער מענטש — האָב איך אַ זאָג געטון, נאָכדעם ווי ס׳איז אַריבער אַלבערטס אַנטוישונג, היינט ווי קומט עס, וואָס ער איז אַלס אונטעראָפיציר אַזאַ מין שינדער?

די־דאָזיקע פראַגע מאַכט קראָפּן ווידער באַוועגלעך.

— דאָס איז נישט בלויז הימלשטאָס אַליין, אַזוינע ווי ער זענען דאָ זייער אַ סך. קוים באַקומען זיי נאָר שליפּעס אָדער אַ שווערד, ווערן זיי לגמרי אַנדערע מענטשן, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעפרעסן מיט בעטאָן.

— דאָס מאַכט דער מונדיר, גיב איך צו.

— אַזוי איז עס אומגעפער, זאָגט קאַט און גרייט זיך צו אַ גרויסער רעדע; דער גרונט ליגט אָבער גאָר אַנדערשוו, מיינט ער. קוק זיך, למשל, צו, אַז דו פאַרמשפּטסט אַ הונט אויף קאַר־טאָפל־פרעסן און דערנאָך לייגסטו אים אַוועק אַ שטיק פלייש, וועט ער זיך דווקא וואַרפן דערויף, ווייל דאָס ליגט אין זיין נאַ־טור. און גיבסטו אַ מענטשן אַ שטיקל מאַכט, געשעט מיט אים פונקט דאָס זעלבע: ער וואַרפט זיך דערויף מיט אַלע פיר. דאָס קומט אויטאָמאַטיש, פון זיך אַליין, ווייל דער מענטש, אַן און פאַר זיך, איז קודם כל אַ חיה, אפשר שפּעטער, מיט דער צייט ווערט ער ביסלעכווייז אָנשטענדיקער, געשליפענער. די גאַנצע קונץ ליגט אין דעם, וואָס שטענדיק האָט איינער איבערן אַנ־דערן די מאַכט. ס׳ערגסטע איז אָבער, וואָס יעדער איינער האָט צופיל מאַכט; דער אונטעראָפיציר מעג מאַטערן צום טויט דעם פשוטן זעלנער, דער לייטענאַנט ווידער—דעם אונטעראָפיציר, און דער הויפּטמאַן—דעם לייטענאַנט. און ווייל ער ווייסט עס, דערי־בער איז אים גאַנץ לייכט דערצו זיך צוצוגעוווינען, נעם, למשל,

אַזאַ פּשוטע זאַך! מיר קומען פֿון איבונגס־פּלאַץ און זיצן טויט־מיד. ס'קומט אַ באַפֿעל: זינגען. נו, ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ שוואַכער געזאַנג, ווייל יעדער איז צופֿרידן וואָס ער קאָן נאָך שלעפֿן זיין געווער. די גאַנצע קאָמפּאַניע ווערט אָבער דערפֿאַר באַשטראָפֿט, מוז זיך גלייך אומקערן און אַ גאַנצע שעה מאַכן איבונגען. ביים צוריקמאַרש באַפֿעלט מען ווידער „זינגען", און איצט ווערט געזונגען. וואָס האָט די גאַנצע מעשה פֿאַר אַ זין? דער קאָמפּאַניע־פֿירער האָט דורכגעפֿירט זיין עקשנות, ווייל ער האָט דערויף די מאַכט. קיינער וועט אים קיין וואָרט נישט זאָגן, פּונקט פֿאַרקערט, ער גילט אַלס פֿעסטער כאַראַקטער. און דאָס זענען דאָך, אייגנטלעך, קליייניקייטן, ס'זענען פֿאַראַן אַ סך אַנדערע זאַכן, מיט וועלכע זיי שינדן די הויט. און דעריבער פֿרעג איך אייך: זאָל דער מאַן אין ציוויל זיין וואָס ער וויל, און וואָס פֿאַר אַ באַרוף קאָן ער זיך אַזוינס דערלויבן און נישט כאַפּן דערפֿאַר אַ ביטערן פּסק? דאָס קאָן ער נאָר אויספֿירן מיטן זעלנער! און דעריבער טאַקע יאָגן זיי זיך אַזוי נאָכן מיליטער־דינסט! און וואָס ווייניקער ער האָט צו זאָגן אַלס ציוויליסט, אַלץ שטאַרקער איז אין אים דער דראַנג צום מיליטער.

— ס'הייסט דעריבער, אַז דיסציפּלין מוז זיין אומבאַדינגט

— באַמערקט קראָפּ אונטערטעניק.

— מאָטיוון — כּעסט זיך קאַט — האָבן זיי שטענדיק, זאָל זיין אַזוי. קיין שיקאַנעס דאַרפֿן דאָך אָבער נישט זיין. און היינט גיי דערקלער עס אַ שלאָסער אַ קנעכט אָדער אַן אַרבעטער, אָדער אפֿילו אַ פּרייסישן אינפֿאַנטעריסט, און זיי זעבען דאָך דאָ די מערהייט; ער זעט נאָר, אַז ער ווערט געשונדן, געשיקט אויפֿן פֿראָנט, און ער ווייסט גאַנץ גענוי, וואָס ס'איז נויטווענדיק און וואָס נישט. איך זאָג אייך דעריבער, אַז דאָס, וואָס דער פּשוטער זעלנער האַלט אויס דאָ, פֿאָרנט, דאָס איז דער עיקר! טאַקע נאָר דאָ איז דער עיקר!

יעדערער איז דערמיט מסכּים, ווייל יעדער איינער ווייס, אַז נאָר אין שיס־גראָבן הערט אויף ס'פּייניקן, אָבער בלויז עטלעכע קילאָמעטער הינטערן פֿראָנט — הייבט זיך עס ווידער אָן,

און מיטן גרעסטן אַבסורד, מיט גריסן און פּאַראַדמאַרשן; ווייל ס'איז אַן אײַזערנער געזעץ: דער זעלנער מוז אויף יעדן אופן זיין באַשעפטיקט.

אָבער אַט באַווייזט זיך טיאַדען מיט רויטע פלעקן אויפן פּנים. ער איז אַזוי אויפגערעגט, אַז ער שטאַמלט. שטראַלנדיק אַקצענטירט ער אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— הימלשטאָס איז אונטערוועגס אַ הער. ער קומט אויפן פראָנט.

טיאַדען ברענט אויף הימלשטאָסן די פייער, ווייל אין באַראַקן-לאַגער האָט ער אים דערצייגן זיין שטייגער. טיאַדען איז אַ בעטנעצער, ביינאַכט, בעתן שלאָף פּאַסירט עס מיט אים. הימלשטאָס איז פעסט איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט מער ווי פוילקייט און זוכט אויס אַ מיטל פאַר אים, זייער אַ כאַראַקטעריסטישן. טיאַדענען צו היילן.

ער האָט געבראַכט צו פירן פון די שכנישע באַראַקן אַ צווייטן בעטנעצער, וואָס האָט געהייסן קינדערפאַטער, און האָט אים איינגעקוואַרטירט מיט טיאַדענען צוזאַמען. אין די באַראַקן זענען די טיפּישע בעטגעשטעלן געשטאַנען צוויי בעטן איינע איבער דעם אַנדערן, די מאַטראַצן דראָטענע. הימלשטאָס האָט ביידע אַוועקגעלייגט אויף אַזאַ אופן, אַז איינער האָט פאַרנומען ס'אויבערשטע, דער צווייטער ס'אונטערשטע בעט. דער אונטערשטער. פאַרשטייט זיך, האָט זיך געפונען אין אַ ביטערער לאַגע. אויפן צווייטן אָוונט אָבער האָט ער געביטן דעם סדר, דער אונטערשטער איז אַרויף אויבן, און האָט באַקומען זיין קאָמפּענסאַטע. אָט אַזוי האָט אויסגעזען הימלשטאָס דערציונג.

דער איינפאַל איז געווען געמיין, און די אידעע אָבער גוט. ליידער האָט ער נישט געבראַכט דעם געהעריקן רעזולטאַט, ווייל די השערה איז געווען אַ פאַלשע: ביי בײדן איז עס נישט געווען קיין פוילקייט. דאָס האָט געקאָנט באַמערקן יעדערער, ווער ס'האָט זיך צוגעקוקט צו זייער אַש-פאַרביקער הויט. געענדיקט האָט זיך

דער איינפאַל דערמיט, וואָס איינער פון זיי פלעגט שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך לייכט געקאָנט פאַרקילן. —

האיצ האָט זיך אויך דערווייל אָוועקגעזעצט נעבן אונדז. ער ווינקט מיר צו און רייבט שטאַרק די הענט. מיר האָבן צוזאַמען איבערגעלעבט דעם שענסטן טאָג פון אונדזער זעלנער־לעבן. ס'איז געווען דער אָוונט איידער מיר זענען אַוועק אויפן שלאַכטפעלד. אונדז האָט מען טראַנספּאָרטירט אין איינעם פון די רעגימענטן מיט אַ הויכן הויז־נומער פריער האָט מען אונדז אָבער משלח געווען אין אַ גאַרניזאָן זיך באַקליידן, נישט חלילה אין קיין רעקרוטן־דעפּאָ, נאָר אין אַן אַנדער קאַזאַרמע. אויפן צווייטן טאָג באַגינען האָבן מיר געזאָלט אָפּפאָרן. אין אָוונט האָבן מיר זיך אָפּצורעכענען מיט הימלשטאָסן. נאָך מיט וואָכן צוריק האָבן מיר דערויף געשוואָרן. קראָפּ איז אפילו אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך פאָרגענומען נאָכן קריג צו לערנען ס'פּאָסט־פאַך, כדי שפּעטער, ווען הימלשטאָס וועט צוריק זיין אַ בריוו־טרעגער, צו ווערן זיין עלטסטער. ער האט אָנגעקוואָלן פון נחת זיך פאָרשטעלנדיק ווי ער וועט מיט אים לערנען בלק. דאָס איז טאַקע געווען די מעשה, וואָס ער האָט אונדז נישט געקאָנט פאַקן; מיר האָבן זיך תמיד גערעכנט דערמיט, אַז פון אונדזערע הענט וועט ער זיך שוין נישט אַרויסדרייען, אויב נישט איצט, איז שפּעטסטענס ביים סוף פון קריג.

דערווייל האָט זיך אונדז געגלוסט ווי געהעריק אים אָנבויקערן די ביינער. וואָס אַזוינס קאָן דען מיט אונדז פּאַסירן, אויב ער וועט אונדז נאָר נישט דערקענען, און סיי־ווי־סיי פאָרן מיר דאָך שוין מאָרגן אַוועק.

מיר האָבן געוווסט אין וועלכער קנייפּע ער זיצט יעדן אָוונט. פון דאָרט אין קאַזאַרמע האָט ער געמוזט דורכגיין דורך אַ פינצטערע נישט פאַרבויטע גאַס. דאָרט האָבן מיר אויף אים געלויערט פון אונטער אַ באַרג שטיינער. איך האָב געהאַט ביי זיך אַ בעטציך. מיר האָבן געציטערט ביים געדאַנק טאָמער גייט ער נישט אליין. ענדלעך האָבן מיר דערהערט זיין גאַנג, וועלכן

מיר האָבן גוט געקענט, ווייל מיר פלעגן אים הערן יעדן פרימאָרגן, ווי נאָר ס׳פלעגט זיך אָן עפן טאָן די טיר מיטן ווילדן געשריי: „אויפשטיין״.

— אַליין? — האָט קראָפּ געפּליסטערט.

· אַליין!

מיר זענען מיט טיאַדען אַרויסגעקראָכן פון אונטערן שטיינערנעם בערגל.

באַלד האָט אַ בליץ געטאָן דער שלאָס פון זיין לעדערגאַרטל. הימלשטאָס איז געווען גוט געשטימט; ער האָט אונטערגעזונגען. נישט ריכטענדיק זיך אויף קיין זאַך, איז ער רויִק פאַרביי־געגאַנגען.

מיר האָבן אַ נעם געטאָן ס׳בעט־ציך, געמאַכט אַ שטילן שפּרונג, אַ וואָרף געטאָן עס פון הינטן אים איבערן קאָפּ, אַ ריס אויף אונטן, אַזוי אַז ער איז שטיין געבליבן ווי אָנגעטאָן אין אַ ווייסן זאַק, נישט קאָנענדיק רירן מיט קיין האַנט. ס׳זינגען איז אָפּגעשטאָרבן.

אין זעלבן מאָמענט האָט זיך באַוויזן האַיע וועסטהוז. מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס האָט ער אונדז אַ שליידער געטאָן אויף צוריק, וועלנדיק דווקא זיין דער ערשטער. אַ שטאַרק צופרידענער האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן הינטער אים, אַ הויב געטאָן דעם אָרעם ווי אַ סיגנאַל־שטעקן, די האַנט ווי אַ קוילןשופלע און דערלאַנגט אַ קנאַל אין ווייסן זאַק מיט אַזאַ האַסט, אַז ער וואָלט געקאָנט אַוועקלייגן אויפן אָרט אַן אָקס.

הימלשטאָס האָט זיך געריסן, איז אָפּגעלאָפן אַ פינף מעטער ווייטער און אָנגעהויבן שרייען. אָבער אויך דערויף האָבן מיר זיך געריכט און געהאַט גרייט אַ קישן. האַיע האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ לייג געטאָן דאָס קישן אויף די קני, אַ נעם געטאָן הימלשטאָסן ביים קאָפּ און אַ וואָרף געטאָן אויפן קישן. זיין קול איז תיכף געוואָרן פאַרשטיקטער. האַיע האָט אים פון צייט צו צייט געלאָזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. באַלד האָט זיך דערהערט אַ פּראַכטפולער הילכיקער געשריי, וואָס איז אָבער גלייך ווידער געוואָרן צאַרט.

איצט האָט טיאַדען אָפּגעשפּילעט ביי הימלשטאָסן די שעלי־קעס און אַראָפּגעצויגן די הויזן. דעם קאַנטשיק האָט ער בעת מעשה געהאַלטן מיט די ציין. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן.

ס'איז געווען אַ ווונדערבאַר בילד: הימלשטאָס אויף דר'ערד איבער אים אַריבערגעבויגן, יענעמס קאָפּ אויף זיינע קני, האיע מיט אַ טייוולאָניש פאַרקרימטן פּנים און פון גרויס הנאה מיט אן אָפענעם מויל, דאן הימשטאסנס ציטערנדיקע, געשטרייפטע אונטערהויזן מיט די פאַר־לייגטע פיס, וואָס האָבן, אין די אַראָפּגערוקטע הויזן, ביי יעדן קלאַפּ געמאַכט אָריגינעלע באַוועגונגען, און איבער זיי ווי אַ האָלצהעקער דער אומדערמידלעכער טיאַדען. מיר האָבן אים כוף־כל־סוף געמוזט מיט געוואַלד אָפּרייסן, כדי כאָטש אויך צו גע־מען וועלכן נישט איז אָנטייל.

ענדלעך האָט אים האיע אַוועקגעשטעלט צוריק אויף די פיס און צום שלוס געגעבן אַ פּריוואַט־פאָרשטעלונג. ווי ער זאָל וועלן כאַפּן שטערן, אַזוי האָט ער אויפגעהויבן זיין רעכטע האַנט צו אַ פּאַטש. הימלשטאס איז אומגעפאלן. האיע האָט אים ווידער אויפגעהויבן, אַוועגעשטעלט גלייך און האָט אים דערלאַנגט אַ צווייטן, מיט דער לינקער האַנט אַן ערשטקלאַסיק געצילטן פּליאַסק.

הימלשטאס האָט געוואָיעט און איז אַנטלאָפן אויף אַלע פיר. זיין געשטרייפטער בריווטרעגער־הינטן האָט געלויכטן אין לבנה־שיין.

מיר זענען אין גאַלאָפּ פאַרשוונדן.

האיע האָט זיך נאך אַ מאָל אומגעקוקט און אַ פאַרצאָרג־טער, אַ געזעטיקטער, אַ זאָג געטאָן: „נקמה איז בלוטדורשט".

אייגנטלעך האָט הימלשטאס געקאָנט זיין צופרידן; ווייל זיין וואָרט, אַז איינער דעם אַנדערן מוז תמיד ערציען, האָט פאַר אים גופא געבראַכט נוצן. מיר זענען געוואָרן פעיקע תלמידים פון זיינע טעאָריעס.

ער איז בשום אופן נישט דערגאַנגען ווער ס'איז געווען דער איניציאַטאָר פון דער דראָזיקער עקזעקוציע. לכל הדעות האָט

ער אָבער דערביי פאַרדינט אַ בעט־דעקע; אַז מיר האָבן איר־אין עטלעכע שעה שפּעטער געזוכט, איז זי טאַקע נישט געווען.

דערדאָזיקער אָוונט האָט געבראַכט דערצו, אַז מיר זענען אויפן צווייטן טאָג אין אַ געוויסער מאָס רויִק אָפּגעפאָרן. אַ לאַנגע, זיך שאָקלענדיקע באָרד האָט אונדז דעריבער, זייער געצירט, געשילדערט אַלס העלדן־יוגנט.

IV

מיר מוזן זיך איבערטראָגן פאָרנט צו, צום שוצוואַל. פאַר־נאַכט פאָרן אָן די משא־וועגענער. מיר קלעטערן אַרויף. ס׳איז אַ פֿאַרשמערטער אָוונט, און דער בין־השמשות זעט אונדז אויס ווי אַ טוך, וואָס אונטער איר שוין פּילן מיר זיך אויסגעצייכנט. זי בינדט אונדז צונויף; אפילו דער גייציקער טיאָדען שענקט מיר אַ פּאַפּיראָס און גיט מיר פייער.

מיר שטייען איינער נעבן אַנדערן חי צוגעשמידט. זעצן זיך קאָן מען נישט. דערצו זענען מיר שוין געוווינט. מילער איז סוף־כל־סוף גוט געשטימט, ער טראָגט זיינע נייע שטיוול.

די מאָטאָרן הויבן אָן ברומען, די וועגענער האַקן און טראַסקען. די שאָסיען זענען אויסגעפאָרן און פול מיט לעכער. מ׳טאָר נישט מאַכן ליכטיק, דעריבער פאָרט מען אַריין אין די גריבער און יעדן מאָמענט דראָט אַראָפּצושעדיקן זיך פון וואָגן. אָבער דאָס באַאומרויקט אונדז שוין נישט. וואָס קאָן דען געשען; אַ צעבראָכענע האַנט איז דאָך נאָך אַלץ בעסער ווי אַ לאָך אין בויך, און נישט איינער ווינטשט זיך צו באַקומען אויף אַזאַ אופן די מעגלעכקייט אַוועק צו גיין אַ היים.

נעבן אונדז פאָרן אין אַ לאַנגער רייע די מוניציע־קאָלאָ־נעס. זיי איילן זיך שטאַרק און יאָגן אונדז כסדר איבער. מיר וואַרפן פון ווייטנס מיט וויצן, און זיי ענטפערן.

פון ווייטנס דערזעט זיך עפּעס אַ וואַנט פון אַן איינגע־פאַלענעם הויז, וואָס שטייט אָן אַ זייט פון שאָסיע. איך שטעל

פלוצלונג אָן די אויערן. צי בין איך זיך טועה? איך הער נאָך אַ מאָל גאַנץ דייטלעך קולות פון געגנז. אַ בליק צו קאַטשינסקען — אַ בליק פון אים צו מיר; מיר פאַרשטייען זיך.

— קאַט, איך הער דאָ עפּעס אַן אַספּיראַנט פון קאָכגעשיר.

ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— ס'וועט זיין געמאַכט, צוריקוועגס. איך אָריענטיר זיך דאָ גענוי.

פאַרשטייט זיך, אַז קאַט אָריענטירט זיך. ער קען באַשטימט יעדעס געגנזן־פיסל אויף אַ שטח פון 20 קילאָמעטער אַרום.

די וועגענער דערגרייכן דעם געביט פון דער אַרטילעריע. די קאַנאָנען־געשטעלן זענען קעגן די פליער־אויגן אַרומגעדעקט פון אַלע זייטן מיט גריגע צווייגן ווי בעת אַ מיליטערישן יום־טוב־סכות. דידאָזיקע גרינע בוימעלאַך וואָלטן אויסגעזען לוסטיק און פרידלעך, ווען אונטער זיי זאָלן זיך נישט בעהאַלטן קיין קאַנאָנען.

די לופט ווערט געדיכט פון קאַנאָנען־רויך און נעפּל. אויפן צונג שפירט זיך דער ביטערער פולווער־רויך. די שאָסן קנאַקן, אַזוי, אַז אונדזער וואָגן טרייסלט זיך, דער ווידערקויל פאַרהילכט די לופט, אַלץ וואַקלט זיך.

אומבאַמערקט פאַרענדערן זיך אונדזערע געזיכטער. מיר גייען, אמת, נישט אין די גראָבנס, נאָר צו די שאַנצן, אָבער אויף יעדן פּנים איז איצט אויסגעשריבן: דאָ איז דער פראָנט, מיר געפינען זיך אויף זיינע גרענעצן.

דאָך האָבן מיר נאָך נישט שטאַרק מורא. ווער ס'פאָרט, אַזוי אָפט ווי מיר, צו די פאָדערשטע פּאָזיציעס, דער ווערט גראָבהויטיק. נאָר די יונגע רעקרוטן זענען אויפגערעגט. קאַט גיט זיי אַ לעקציע, איז זיי מחנך אין הלכות קאַמפן:

— דאָס איז געווען אַ 30,5, איר הערט עס לויטן שאָס; — באַלד קומט דער קלאַפּ.

דער פאַרטויבטער הילך פון די קלעפּ דרינגט אָבער נישט אַריבער. ער ווערט דערטרונקען אין ליאַרם פון פראָנט. קאַט הערט זיך צו:

— היינטיקע נאַכט וועט זיין שטורעמדיק.

מיר הערן זיך אַלע צו. דער פראָנט איז אומרויק, קראַ־זאָגט: „די טאָממס*) שיסן שוין".

די שאָסן הערן זיך דייטלעך. דאס זענען די ענגלישע באַ־טעריעס, הארט נעבן אונדזער פראָנט־טייל. זיי הויבן אָן מיט אַ גאַנצער שעה פריער. ביי אונדז פלעגט מען געוויינלעך אָנהייבן פונקט צען אַ זייגער.

— וואָס איז מיט זיי געשען — שרייט מילער — זייערע זייגערס לויפן, ווארשיינלעך. ס'ווערט פריילעך, זאָג איך אייך, איך שפיר עס אין די ביינער.

קאַט קוועטשט מיט די פלייצעס.

נעבן אונדז הילכן דריי שאָסן. דער פייערשטראַל שיסט קרום אין נעפל אריין, די קאַנאָנען ברומען און ווילדעוועך. מיר טרייסלען זיך און זענען צופרידן, וואָס מאָרגן פרי וועלן מיר זיין צוריק אין די באַראַקן.

אונדזערע פנימער זענען נישט בלייכער און נישט רויטער ווי תמיד; זיי זענען אויך נישט געשפאַנטער אָדער רויקער און דאָך זענען זיי לגמרי אַנדערש. מיר שפירן, אַז אין אונדזער בלוט וועבט זיך אַ קאָנטאַקט. ס'זענען נישט קיין פראַזן, ס'איז אַ פאַקט. דער פראָנט איז עס, ס'באַוווסטזיין פון פראָנט, וואָס רופט אַרויס דעמדאָזיקן קאָנטאַקט. אין מאָמענט, ווען ס'פייפן די ערשטע גראַנאַטן, ווען די לופט צערייסט זיך אונטערן קלאַנג פון די שאָסן, כאַפט זיך פלוצלונג אריין אין אונדזערע אָדערן, אין אונדזערע הענט, אין אונדזערע אויגן אַ מין געשפאַנט וואַרטן, אַ לויערן, אַ שטאַרקער וואַכזיין, אַ מאָדנע עלאַסטיש־קייט פון די חושים. דער קערפער איז מיט איין קלאַפּ פול גרייטקייט.

אָפטמאָל דוכט זיך מיר, אַז ס'איז די דערשיטערטע, וויב־רירנדיקע לופט, וואָס שפרינגט אַריבער אויף אונדז מיט שטי־לע פליגלען, אָדער גאָר דער פראָנט גופא, פון וועלכן ס'שטראַלט אויס אַן עלעקטריציטעט, וואָס מאָביליזירט די אומבאַקאַנטע נערוון־שפיצן.

---

*) די טאָממס — די ענגלענדער.

יעדעס מאָל קומט פאַר דיזעלבע זאַך: מיר פאָרן אַוועק און זעען אַנמצופרידענע אָדער גוטגעשטימטע זעלנער; — דערנאָך קומען די ערשטע קאַנאָנען-געשטעלן, און יעדעס וואָרט פון אונדזער שמועס האָט אַ פאַרענדערטן קלאַנג. —

בעת קאַט שטייט פאַר די באַראַקן און זאָגט: „ס'ווערט שטורמדיק" — איז עס בלויז זיין מיינונג, נישט מער; ווען ער זאָגט עס אָבער דאָ, באַקומט דערדאָזיקער זאַץ אַ שאַרפקייט פון אַ באַיאָנעט אין דער נאַכט ביים לבנה־שיין, ער שניידט גלאַט דורך די געדאַנקען, ער איז נעענטער און רעדט צום דאָזיקן אומבאַוווסטן, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין אונדז מיט אַ פאַרנעפּלטער באַדייטונג, „ס'ווערט שטורמדיק" — אפשר איז עס אונדזער אינערסטע און געהיימסטע לעבן, וואָס ווערט פאַרציטערט און שטעלט זיך אַנטקעגן.

פאַר מיר איז דער פראָנט אַ מוראדיקער וואַסער־שטראָם. ווען מ'איז נאָך גאַנץ ווייט פון זיין צענטער אין שטילן וואַסער, שפירט מען שוין די קראַפט, מיט וועלכער ער ציט צו זיך, לאַנגזאַם, אומפאַרמיידלעך, אָן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד.

פון דער ערד אָבער, פון דער לופט שטראָמען אונדז אַנטקעגן פאַרשידענע ווידערשטאַנדס-קרעפטן, — אַממיינסטן פון דער ערד. פאַר קיינעם איז די ערד נישט דאָס, וואָס פאַרן זעלבער. בעת ער דריקט זיך צו איר צו, לאַנג, העפטיק, בעת ער גראָבט זיך איין אין איר טיף מיטן פנים אין טויטאַנגסט פאַרן פייער, דאַמאָלט איז זי זיין איינציקער פריינד, זיין ברודער, זיין מוטער; ער וויינט אַריין זיין מורא און זיינע קולות אין איר שווייגן, אין איר באַהעלטעניש, זי נעמט זיי אויף און לאָזט אים ווידער אָפּ אויף נייע צען סעקונדן־לויף אין לעבן, טוט אים צוריק אַ נעם, און אָפטמאָל אויף שטענדיק.

ערד — ערד — ערד – !

דו ערד, מיט דיינע באָדן-קנייטשן און לעכער און פאַרטיפונגען, וווהין מ'קאָן זיך אַריינוואַרפן, זיך איינהויקען!

ערד, אין קראמף פון הילדן גרויל, אין אויפשפריצן פון די פארניכטונג, אין טויטליארם פון די עקספלאזיעס, האסטו אונדז געגעבן די אומגעהויערע ווידערשטאנדס-ווילן פון געווינענעם לעבן! דער פארבלאנדזשעטער שטראם פון כמעט צעפליקטן לעבן איז אין צוריק-שטראם פון דיר געפלאסן דורך אונדזערע הענט, אזוי אז מיר האבן די געראטעוועטע אין דיר פארגראבן און אין שטומען אנגסטגליק פון די איבערגעקומענע מינוטן האבן מיר דיך געקיסן מיט אונדזערע ליפן! —

ביים ערשטן קנאל פון די גראנאטן שפרינגען מיר אפ מיט איין רוק אין א טייל פון אונדזער זיין אויף טויזנטער יארן צוריק. ס'איז דער אינסטינקט פון דער חיה, וואס כאפט זיך אין אונדז אויף, וואס פירט און באשיצט אונדז. ער איז נישט באוווסטזיניק, איז אבער א סך געשווינטער, זיכערער, אומפעלבארער ווי ס'באוווסטזיין. ס'לאזט זיך נישט דערקלערן. מ'גייט און מ'קלערט נישט וועגן קיין שום זאך — פלוצלונג ליגט מען אין א לאך און איבערן קאפ שפריצן די קוילן-שטיקלעך; — מ'קאן זיך אבער נישט דערמאנען, צי האט מען זיך צוזעקגעלייגט, הערנדיק דעם פייף פון די קוילן, אדער שוין פריער וועגן דעם געטראכט. ווען מ'זאל זיך פארלאזן אויף דעם, וואלט מען שוין זיכער געווען א הויפן צעריבן פלייש. ס'איז טאקע געווען דער צווייטער געפיל, דערדאזיקער נבואה-חוש אין אונדז, וואס האט אונדז א שליידער געטון און געראטעוועט, מיר האבן אליין נישט געוווסט ווי אזוי. ווען נישט דידאזיקע אינטואיציע, וואלט פון פלאנדריען ביז צו די וואגעזן שוין לאנג נישט געווען קיין איינציקער מענטש.

מיר פארן אוועק ווי בייזע אדער גוטגעשטימטע זעלנער— מיר קומען אויפן שטח. ווי ס'הויבט זיך אן דער פראנט און זענען מיר געווארן מענטשן-חיות.

מיר פארקלויבן זיך אין א שיטערן וואלד און גייען פארביי די גולאש-קאנאנען. הינטערן וואלד גייען מיר ארא, די

וועגענער פארן צוריק. מארגן באגינען דארפן זיי אונדז קומען אפנעמען.

נעפל אין קאנאנען-רויך באדעקן די לאנקעס ביז דער הייך פון א מענטשן. די לבנה באשיינט זיי. איבערן שאסיי ציען זיך ארמיי-טרופן. די קעפ און ס׳געווער שטארן ארויס דורכן ווייסן נעפל, די קעפ שאקלען זיך, ס׳געווער וואקלט זיך.

ווייטער פארנט פארשווינדט דער נעפל. די קעפ פארוואנדלען זיך אין געשטאלטן: — רעק, הויזן און שטיוול קריכן ארויס פון נעפל ווי פון א מילך-טייך. זיי פארמירן זיך אין א קאלאנע. די קאלאנע מארשירט פאראויס, די געשטאלטן שליסן זיך אין א האלבקרייז. קיין איינצעלנע זעט מען נישט מער, בלויז א טונקער האלבקרייז רוקט זיך פאראויס, משונהדיק דערגענצט דורך די קעפ און ס׳געווער, וואס שווימען כסדר ארויס פון נעפל-טייך.

אויף א קווערגאס פארן לייכטע קאנאנען און אמוניציע-וועגענער. די פערד האבן, אונטערן לבנה-שיין, גלאנצנדיקע רוקנס, זייערע באוועגונגען זענען שיין. זיי ווארפן מיט די קעפ, מ׳זעט ווי ס׳בליצן זייערע אויגן. די קאנאנען און וועגענער לויפן פארביי דעם פארשווימענדיקן הינטערגרונט פון דער לבנה-לאנדשאפט, די רייטער מיט זייערע שטאלהיטלען זעען אויס ווי ריטער פון א פארגאנגענער צייט, עפעס איז עס גאר שיין און רירנד.

מיר ציען זיך צום פאראדפארק. א טייל פון אונדזערע לאדעווען אן אויף די אקסלען געבויגענע, שפיציקע אייזן-שטאבעס, די איבעריקע שטעקן ארייך גלאטע אייזן-שטאבעס אין די ראלקעס דראט און מארשירן דערמיט ווייטער. די משאות זענען אומבאקוועם און שווער.

דער שטח ווערט צעריסענער — פון פארנט רייסן זיך אדורך מעלדונגען: „פארזיכטיק, לינקס א טיפער גראנאט-גראבן!"

אונדזערע אויגן זענען געשפאנט, אונדזערע פיס און שטעקענס שפירן פאראויס גאך איידער זיי דערפילן די לאסט פון קערפער, מיט אמאל בלייבט דער צוג שטיין: מ׳קנעקט מיטן

געזיכט אָן די דראַטראָלקעס פֿון די פֿאָדערשטע רייען און מ׳זידלט זיך.

אויפֿן וועג ליגן עטלעכע צעשאָסענע וועגענער. אַ בייער באַפֿעל: „אויס פּאַפּיראָסן און פֿייקעס״. — מיר זענען האַרט נעבן די גראָבנס.

דערווייל איז געוואָרן גאַנץ טונקל. מיר מיידן אויס אַ וועלדל און האָבן פֿאַר זיך דעם גאַנצן פֿראָנט-טייל.

אַן אומזיכערע, רויטלעכע העלקייט טראָגט זיך אויפֿן האָריזאָנט פֿון איין עק ביזן צווייטן. זי איז אין שטענדיקער באַוועגונג, אויפֿגעציטערט פֿון אומאויפֿהערלעכן באַטאַרייען-פֿייער. לייכט-קוילן שטייגן אויף אינדערהויך, זילבערנע און רויטע פּילקעס, וואָס פּלאַצן אויף און גיסן זיך פֿאַנאַנדער ווי אַ רעגן פֿון ווייסע, גרינע און רויטע שטערנס. ס׳שיסן פֿראַנצויזישע ראַקעטן, וואָס וויקלען פֿאַנאַנדער אין דער לופֿט אַ זיידנשירעם און שוועבן זייער פּאַמעלעך אַרונטער. זיי באַלויכטן אַלץ ווי אין מיטן טאָג ביז צו אונדז דרינגט זייער שיין, מיר זעען אונדזערע שאָטנס, דייטלעך אויפֿן באָדן. מינוטן-לאַנג שוועבן זיי איידער זיי ווערן אויסגעברענט. תּיכּף שטייגן אויף נייע, אומעטום, און ווידעראַמאָל די גרינע, רויטע און בלאָע.

— שלימזל! — זאָגט קאַט.

דער קאַנאָנען-שטורם פֿאַרשטאַרקט זיך אין איין הילכיקן ליאַרם און צעפֿאַלט דערנאָך ווידער אויף גרופּן-שאָסן. די טרוקענע זאַלפֿן פֿון קוילנוואַרפֿערס קנאַקן. די לופֿט איבער אונדז איז אָנגעפֿילט מיט אַן אומזיכטבאַרן יאָגן, וואָיען, פֿייפֿן און קוויטשען. ס׳זענען קלענערע שיסערייען; — אָבער אויך די גרויסע קוילן-קאַסטנס שיטן דורך דער נאַכט די גאַנץ שווערע שטיקער און שטייען ווייט הינטער אונדז. זיי גיבן אַרויס פֿון זיך אַ פֿאַרשטיקטן, הייזעריקן, ווייטן געשריי, ווי הירשן אין דער תּאווה-צייט, און פֿאַרהילכן דאס וואָיען און פֿייפֿן פֿון קלענערע קוילנוואַרפֿערס.

די שיינוואַרפֿערס (רעפֿלעקטאָרן) הויבן אָן אָפּצוזוכן דעם שוואַרצן הימל. זיי רוקן זיך איבער אים ווי ריזיקע, צום סוף

דינער ווערנדיקע ליניעס. אײַנער שטייט שטיל און ציטערט בלויז. תּיכּף באַווייזט זיך נעבן אים אַ צווייטער, זיי קרייצן זיך, אַ שוואַרצע פֿליג טראָגט זיך צווישן זיי ביידן און פּרוּווט אַנטלויפֿן: דער פֿליער. ער איז פֿאַרבלענדט, וואַקלט זיך, פֿאַרלירט ס׳גלייכגעוויכט.

מיר האַקן אַרײַן אין דר׳ערד אין רעגלמעסיקע הפסקות אײַזערנע זײַלן. יעדע צוויי מאַן האַלטן אַ ראָלקע, און די איבעריקע וויקלען פֿאַנאַנדער ס׳שטעכעדיקע דראָט. ס׳איז דער עקלהאַפֿטער דראָט מיט געדיכטע, לאַנגע שטעכעדיקע שפּיצן. איך בין צו דערדאָזיקער אַרבעט נישט געוווינט און צערײַס זיך די הענט ביז בלוט.

אין עטלעכע שעה זענען מיר מיט דער אַרבעט פֿאַרטיק. מיר האָבן נאָך אָבער צײַט ביז ס׳וועלן קומען די משא-וועגענער. דער גרעסטער טייל לייגט זיך אַוועק און שלאָפֿט. איך פּרוּוו עס אויך, אָבער ס׳ווערט צו קיל. מ׳שפּירט, אַז מ׳געפֿינט זיך נאָענט פֿון ים, און פֿון קעלט כאַפּט מען זיך כּסדר אויף.

איינמאָל בין איך שטאַרק אײַנגעשלאָפֿן. אַז איך שפּרינג פּלוצלונג אויף מיט איין רוק, ווייס איך לגמרי נישט ווו איך בין. איך זע די שטערנס, איך זע די ראַקעטן און אַ מאָמענט האָב איך דעם אײַנדרוק, אַז איך בין אײַנגעשלאָפֿן ערגעץ אין אַ גאָרטן בעת אַ יום-טובֿ. איך ווייס נישט צי איז איצט טאָג צי נאַכט, איך ליג אין דער בלייכער וויג פֿון בין-השמשות און וואַרט אויף צאַרטע ווערטער, וואָס מוזן קומען, ווייך און אין דער שטיל — צי דען ווײַן איך? איך טאַפּ מײַנע אויגן, אַ וווּנדערלעכע זאַך, צי בין איך אַ קינד? אַ צאַרטע הויט; בלויז איין סעקונדע דויערט עס, און איך דערקען קאַטשינסקיס סילועט. ער זיצט רויִק, דער אַלטער זעלבער, און רויכערט אַ פּייקע, אַ דעקלפּייקע, נאַטירלעך. באַמערקנדיק, אַז איך בין וואַך, זאָגט ער:

— דו האָסט זיך גוט דערשראָקן. ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ צינדער, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן דאָ צווישן די קוסטעס.

איך זעץ זיך אויף; איך פיל זיך שרעקלעך איינזאַם. גוט נאָך וואָס קאַט איז דאָ. א פאַרטראַכטער קוקט ער זיך צו צום פראָנט און זאָגט:

— „גאַנץ שיינע פייערווערק, ווען ס'זאָל נאָר נישט זיין אַזוי געפערלעך".

הינטער אונדז קנאַקן שאָסן. אַ פּאָר רעקרוטן שפּרינגען אויף, צעשראָקענע, פון זייערע ערטער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום הויבט עס ווידער אָן צו בליצן, נענטער ווי פריער. קאַט שאָקלט אויס זיין פייקע.

— ס'קומען אָן צינדער.

און גלייך הייבט זיך עס אָן. מיד טראָגן זיך אָפּ ווי ס'לאָזט זיך אין גרויס איילעניש. דער נאָענטסטער שאָס פאַלט שוין זיכער צווישן אונדז.

אַ פּאָר מענטשן שרייען. אויפן האָריזאָנט הויבן זיך אויף גרינע ראַקעטן. דער שמוץ פליט אינדערהויך, ס'רוישן די קוילן-שטיקער. מ'הערט נאָך ווי זיי טראַסקען, ווען דער ליאַרם פון דער שיסעריי איז שוין לאַנג שטום געוואָרן.

נעבן אונדז ליגט א דערשראָקענער רעקרוט, אַ פלאַקס-קאָפּ. ס'פּנים האָט ער אַריינגערוקט אין די הענט; זיין היטל איז אַוועקגעפלויגן. איך טו עס אַ כאַפּ און וויל עס אים אַרויפזעצן אויפן קאָפּ, ער הויבט אויף די אויגן, טוט אַ וואָרף ס'היטל און קריכט ווי אַ קינד מיטן קאָפּ אונטער מיין אָרעם, האַרט נעבן מיין ברוסט. די שמאָלע פלייצעס ציטערן. פלייצעס, פונקט ווי קעמעריכס. איך גיב אַלץ נאָך. כדי דאס היטל זאָל נאָך אַמוויי-ניקסטנס צו עפּעס נוצן, פּאַק איך עס אים אַרויף אויפן הינטן, נישט מחמת מיר ווילט זיך אַ שטיף טאָן, נאָר פּראָסט פּשוט מיט דער אויסרעכנונג, אַז דאָס איז דער העכסטער אָרט. כאָטש דאָס איז גראָבע פלייש, רופן דאָך אַרויס די קוילן אויף דעם אָרט אוממענטשלעכע יסורים; אויסערדעם מוז מען חדשים לאַנג ליגן אויפן בויך אין לאַזאַרעט און דערנאָך ערשט זיכער הינקען.

פון ערגעץ ווו האָט זיך נאָך אַלץ געטראָגן אַ שיסעריי פון צווישן די שאָסן הערן זיך געשרייען.

ענדלעך ווערט רויק. ס׳פייער איז איבער אונדז אַריבער־געשפּרונגען און ליגט איצט אויף די לעצטע רעזערוו־גראָבנס, מיר ריזיקירן מיט אַ בליק. רויטע ראַקעטן פלאַטערן אונטערן הימל. ווי ס׳שיינט קומט אַן אָנגריף.

ביי אונדז בלייבט רויק. איך זעץ זיך אוועק און טרייסט דעם רעקרוט ביי די אַקסלען:

— ס׳איז אַריבער, קליינער! האָסט נאָך גוט אָפּגעשניטן.

אַ צעטראָגענער קוקט ער זיך אַרום. איך טרייסט אים: „דו וועסט זיך שוין צוגעוווינען".

ער באַמערקט זיין היטל און טוט עס אָן אויפן קאָפּ. ביס־לעכווייז קומט ער צו זיך. פּלוצלונג ווערט ער רויט ווי פייער און שטאַרק פאַרשעמט. פאָרזיכטיק דערלאַנגט ער מיטן האַנט אויפן הינטן און קוקט מיך אָן שטאַרק צערודערט. איך פאַר־שטיי תיכף: קאַנאָנען־פיבער. דערצו האָב איך אים אייגנטלעך דאָס היטל גראָד נישט אַהין אַרויפגעפּאַקט, — אָבער איך טרייסט אים ווידער:

— ס׳איז נישט קיין חרפּה; ס׳האָבן שוין גאַנץ אַנדערע לייט, נישט בלויז אַזעלכע ווי דו, נאָכן ערשטן פייער־איבערפאַל געהאַט פולע הויזן. גיי אַהין אונטער די קוסטעס און האַרף אַוועק דיינע אונטערהויזן. דערליידיקט. —

•

•

ער טראָגט זיך אָפּ. ס׳ווערט שטילער, אָבער דאָס שרייען הערט נישט אויף.

— וואָס איז געשען, אַלבערט? — טו איך אַ פרעג.

— אויף יענער זייט זענען אַ פּאָר קאָלאָנעס איינגאַנצן צע־שאָסן געוואָרן.

ס׳שרייען דו׳ערט ווייטער. ס׳זענען נישט קיין מענטשלעכע קולות, מענטשן קאָנען אַזוי שרעקלעך נישט שרייען

קאָט טוט אַ זאָג: „פאַרוואונדעטע פערד".

איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט ווי פערד שרייען און דעריבער קאָן איך נישט גלויבן. ס'איז דער יאָמער פון דער וועלט, די געפייניקטע קרעאַטור, אַ ווילדער, גרוילפולער שמערץ, וואָס קרעכצט. מיר זענען אַלע בלייך. דעטערינג טוט זיך אַ שטעל.

— שינדער, שינדער! דערשיסט זיי ווייניקסטענס!

ער איז אַ גוטבאַזיצער און האָט אַ ידיעה אין פערד. ס'איז אים נאָענט. און ווי אויף להכעיס איז איצט ס'פייער כמעט שטיל געוואָרן. און נאָך דייטלעכער הערט זיך דעריבער ס'שרייען פון די חיות. מ'ווייסט לגמרי נישט פון וואַנען קומט עס אַהער אין דערדאָזיקער איצט אַזוי שטילער, זילבערנער לאַנדשאַפט. ס'איז אומזיכטבאַר, געשפענסט-אַרטיק, אומעטום, צווישן הימל און ערד, ס'געשווילט אומגעהייער — דעטערינג פאַלט אַריין אין אַ ווילדן כעס און ברילט ווי אַ לייב:

— דערשיסט זיי, רוצחים, דערשיסט זיי, פאַרפלוכט זייט נאָך אַ מאָל!

— זיי מוזן דאָך פריהער צונעמען די מענטשן! — זאָגט קאַט.

מיר שטייען אויף און זוכן ווו דאָס אָרט איז. אַז מ'וועט דערזען די חיות, וועט עס זיין לייכטער איבער צו טראָגן. מייַנער האָט ביי זיך אַ פאַרגרעסער-גלאָז. מיר זעען אַ טונקעלע גרופּע סאַניטאַרן מיט טראָגבעטלעך און שוואַרצע גרעסערע קנוילן, וואָס באַוועגן זיך. דאָס זענען די פאַרוווּנדעטע פערד. אָבער נישט אַלע. עטלעכע גאַלאָפּירן ווייטער פון דעם אָרט, פאַלן אַנידער און לויפן ווייטער. ביי איינעם איז אויפגעריסן דער בויך, די געדערם הענגען לאַנג אַרויס. עס פאַרוויקלט זיך אין זיי איין און פאַלט, שטייט אָבער באַלד ווידער אויף.

דעטערינג טוט אַ כאַפּ ס'געווער און צילט. קאַט האַקט עס אים אַרויס פון האַנט.

— משוגע ביסטו, צי וואָס, צום טייוול?

דעטערינג ציטערט און טוט אַ וואָרף דאָס געווער אויף דער ערד.

מיר זעצן זיך אוועק און פֿאַרשטעלן די אויערן. אָבער דידאָזיקע קלאַנגען, קרעכצן און יאָמערן רייסן זיך דורך, זיי רייסן זיך דורך אומעטום.

מיר קאָנען אַלע עפּעס פֿאַרטראָגן. דאָ אָבער באַגיסט אונדז אַ קאַלטער שווייס. ס'ווילט זיך אויפשטיין און אַנטלויפן, אַלץ איינס וווהין, אַבי נישט הערן מער דאָס דאָזיקע שרייען. דערצו זענען עס דאָך נישט קיין מענטשן, נאָר פֿערד.

פֿון טונקעלן קנויל אַרויס באַווייזן זיך ווידער טראָגבעטלעך. דערנאָך קנאַלן פּאַראייצנלטע שאָסן. די קנוילן ציטערן און ווערן פּלאַכער, ענדלעך! אָבער ס'נעמט נאָך נישט קיין סוף. די מענטשן קומען נישט צו צו די פֿאַרוווּנדעטע חיות, וואָס טראָגן זיך אין זייער אַנגסט ווי צעווילדעוועטע, מיטן גאַנצן שמערץ אין די ברייט אויפגעריסענע מיילער. איינע פֿון די געשטאַלטן גייט אויף די קני, אַ שאָס — איין פֿערד פֿאַלט — נאָך איינס דאָס לעצטע טויט, זיך אַ שטעל אויף די פֿאָדערשטע פֿיס און דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד ווי אַ קאַרוזעלע. זיצנדיק דרייט עס זיך אויף די הויך אויפגעהויבענע פֿאָדערשטע פֿיס אין אַ קרייז, ווי ס'זעט אויס, איז ביי דעם פֿערד צעשמעטערט דער רוקן. דער זעלנער לויפט צו און דערשיסט עס. פּאַמעלעך, הכנעהדיק פֿאַלט ער אַנידער אויף דער ערד.

מיר נעמען צו די הענט פֿון די אויערן. דאָס שרייען איז פֿאַרשטומט. בלויז אַ לאַנגער, גוססדיקער זיפֿץ הענגט נאָך אין דער לופֿט!

דערנאָך בלייבן בלויז ווידער די ראַקעטן, דער גראַנאַטן־געזאַנג און די שטערנס, — און ס'זעט עפּעס אויס משונהדיק.

דעטערינג גייט אַוועק און שילט:

— איך וואָלט ווייניקסטענס וועלן וויסן וואָס זענען די חיות שולדיק?

באַלד קומט ער צוריק, זיין שטים איז אויפגערעגט, זי קלינגט כמעט פֿייערלעך בעת ער זאָגט:

— דאָס מוז איך אייך דערקלערן, זאָגט איך וואָס איר

ווילט, ס׳איז נישטאָ קיין גרעסערע געמיינהייט ווי נעמען חיות אויפן קריג.

* *
*

מיר גייען צוריק. ס׳אין שוין צייט צוצוקומען צו אונדזערע וועגענער. דער הימל איז געוואָרן מיט איין שפּור העלער. דריי אַ זייגער באַגינען. דער ווינט איז פריש און קיל, די גרויע שעה מאַכט אונדזערע פּנימער אַש־פאַרביק.

מיר קריכן ווייטער, מאַרשירנדיק דורך די גראָבנס און פאַלן אַריין אין נעפּל־שטח. קאַטשינסקי איז אומרויק. דאָס איז אַ שלעכטער סימן.

— וואָס איז דיר, קאַט? — פרעגט קראָפּ.

— איך וואָלט וועלן מיר זאָלן שוין זיין אינדערהיים — אינדערהיים — מיינט ער די באַראַקן.

— לאַנג וועט עס שוין נישט דויערן.

ער איז נערוועז.

— „איך ווייס נישט, איך ווייס נישט”.

מיר קומען צו די לויפגראָבנס און דערנאָך אויף די לאָנקעס. ס׳באַווייזט זיך דאָס וועלדעלע; דאָ קענען מיר גענוי יעדעס שטיקל באָדן. אָט איז שוין דער יעגער־בית־עולם מיט זיינע קברים און די שוואַרצע צלמים.

אין דעם מאָמענט הערט זיך הינטער אונדז א פייף, ס׳געשווילט, ס׳קנאַקט, ס׳דונערט. מיר האָבן זיך אַ לייג געטאָן — הונדערט מעטער פאַר אונדז הייבט זיך אויף אַ פייער־וואָלקן.

מיט אַ מינוט שפּעטער הויבט זיך לאַנגזאַם, — פון א צווייטן אָנפאַל — אַ שטיק וואַלד איבער די שפּיצן, דריי, פיר ביימער שלעפּן זיך מיט און ווערן צעשעדיקט אויף שטיקלעך. און אָט פייפן שוין ווידער, ווי קעסל־ווענטילאַציעס, נייע גראַנאַטן — אַ שאַרפער פייער. —

— דעקונג! — זיך באַהאַלטן — ברילט אימיצער ווי אַ לייב, דעקונג!

די לאָנקעס זענען גלאַך, דער וואַלד צו ווייט און געפער־

לעך; — ס'איז נישטאָ קיין אַנדער דעקונג ווי דער בית-עולם און די קברים-בערגלעך. מיר קריכן אוועק אַהין און צעשראָקענע, פאַרקלויבט זיך תּיכּף יעדער אייגער הינטער אַ בערגל.

מיט קיין איין מאָמענט נישט צו פרי. דער חושך ווערט משוגע. עס שטורעמט און ווילדעוועט. שוואַרצע פינצטערניש ווי די נאַכט שטורעמט אויף אונדז מיט ריזן הויקערס, איבער אונדז אַריבער. דאָס פייער פון די עקספּלאָזיעס פלאַקערט אויפן בית-עולם.

נישטאָ אין ערגיץ קיין אויסוועג. ביים אויפבליצן פון די גראַנאַטן וואַרף איך אַ בליק אויף די לאָנקעס. זיי זעען ווי אַ שטורעמדיקער ים, די שטיכפלאַמען פון די קאַנאָנען שפּרינגען אַרויס ווי פאָנטאַנען. ס'איז אויסגעשלאָסן, אַז אימיצער זאָל זיך פונדאַנען קאָנען אַרויסראַטעווען.

דער וואַלד פאַרשווינדט, ער ווערט צעטרעטן, צעבראָכן, צעריסן. מיר מוזן בלייבן דאָ אויפן בית-הקברות.

פאַר אונדז פּלאַצט די ערד. ס'רעגנט מיט שטיקלעך ערד. איך שפּיר אַ קלאַפּ. מיין אַרבל איז דורכגעריסן פון אַ גראַנאַט-שפּליטער. איך הויב אויף די פויסט. קיין שום שמערצן. אָבער דאָס באַרויִקט מיך נישט, אין אַזעלכע פאַלן קומען די שמערצן געוויינלעך שפּעטער. איך טאַפּ דעם אָרעם. די הויט איז אָפּגעריבן, אָבער ער איז גאַנץ. אין אָט קנאַלט איבער מיין קאָפּ, אַז איך פאַרליר כּמעט דאָס באַוווּסטזיין. איך האָב אַ בליצאַרטיקן געדאַנק: נישט פאַלן אין חלשות!

איך לאָז זיך אַראָפּ אין דער געדיכטער שוואַרצער ערדקאַשע און טו זיך באַלד ווידער אַ שטעל אינדערהויך. אַ שפּליטער האָט אַ האַק געטאָן אין מיין שטאָלהיטל, ער איז געקומען פון אַזוי ווייט, אַז ער האָט דאָס הימל נישט דורכגעהאַקט. איך וויש אָפּ דעם שמוץ פון די אויגן. פאַר מיר איז אַן אויפגעריסען לאָך. איך דערקען עס נישט דייטלעך. גראַנאַטן טרעפן נישט לייכט אין דעם זעלבן לאָך. דעריבער וויל איך אַהין אַריין. מיט איין שפּרונג צי איך זיך אויס אין מיין גאַנצער לענג, פלאַך ווי אַ פיש, איבערן באָדן און אָט פייפט עס ווידער, געשווינד דריי איך זיך צונויף, זוך וועלכע נישט איז צודעק,

דערפיל עפּעס לינקס, רוק זיך צו אַהין, ס׳גיט נאָך, איך קריכן
די ערד צערייסט זיך, דער לופטדרוק דונערט אין מײַנע אויערן,
איך קריך אונטער דאָס נאָכגיביקע, פּאַרדעק זיך דערמיט, ס׳איז
האָלץ, טוך. דעקונג, דעקונג, אָרימזעליקע דעקונג קעגן אַראָפּ-
פאַלנדיקע שפּליטערן!

איך עפן די אויגן; מײַנע פינגער האַלטן אַרומגענומען אַן
אַרבל, אַן אָרעם. אַ פאַרווונדעטער?

איך שריי צו אים, ער ענטפערט נישט -- אַ טויטער. מײַן
האַנט טאַפּט ווײַטער, אין הילצשפּליטער — דאַ ווייס איך ווי-
דער, אַז מיר ליגן אויפן בית-עולם.

אָבער דאָס פײַער איז שטאַרקער ווי אַלץ אַרום. ס׳פאַר-
ניכטעט דעם באַוווסטזײַן, איך קריך בלויז נאָך טיפער אונטער דער
טרומנע, ווען אפילו דער טויט גופא זאָל אין איר ליגן.

מיטאַמאָל דערזע איך אַן אָפענעם גרוב. איך כאַפּ אים
מיט די אויגן פונקט ווי מיט פויסטן, איך מוז מיט איין שפּרונג
אַהין אַרײַן. און אָט בײַקום איך אַ האַק אין פּנים, אַ האַנט
כאַפּט אַרום מײַנע פּלייצעס, — צי האָט זיך דער טויטער צו-
ריק אויפגעכאַפּט? — די האַנט טרייסלט מיך, איך דריי אויס
דעם קאָפּ, אין דער סעקונדן-קורצער ליכטיקייט דערזע איך קאַט-
שינסקיס געזיכט, ער האַלט אָפן דאָס מויל און ברילט, איך הער
גאָרנישט, ער טרייסלט מיך, דערנענטערט זיך; אין אַ מאָמענט
פון שטילקייט דערגרייכט צו מיר זײַן שטים:

— גאַז—גאַאַז—גאַאַז — ווײַטער זאָגן!—

איך טו אַ ריס צו זיך דאָס גאַז-שיידל. אַ פּאָר טריט פון
מיר ליגט אימיצער. איך קלער נישט מער ווי וועגן דעם: יענער
דאָרט מוז עס וויסן:

— גאַאַז — גאַז!

איך רוף, רוק זיך צו, האַק מיטן שיידל, ער מערקט נישט—
נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל — ער באַוועגט זיך קוים — ס׳איז אַ רעק-
רוט — פאַרצווייפלט זוך איך קאַטן, ער האַלט די מאַסקע —
איך רײַס מײַנע אויך אַרויס, דאָס היטל פליט אין אַ זײַט, עס
באַרירט מײַן געזיכט, איך דערגרייך דעם מאַן, צום נאָענטסטן

ליגט מיר זיין שיידל, איך טו אַ נעם די מאַסקע, שאַר זי אַריבער זיין קאָפּ, ער טוט אַ כאַפּ — איך לאָז נאָך — און פּלוצלונג ליג איך מיט איין שפּרונג אין גראָבן.

דער טעמפּער קנאַל פון די גאַז-גראַנאַטן מישט זיך צו-נויף מיטן טראַסק פון די עקספּלאָדירנדיקע האַרמאַטן. אַ גלאָק הילכט צווישן די עקספּלאָזיעס, כינעזישע בעקנס (גאָנגס), מעטאַל קלאַ-פּערס זאָגן אָן אומעטום — גאַז-גאַז-גאַז-.

הינטער מיר הערט זיך אַ פּלומפּען, איינמאָל, צווייטמאָל. איך ווישׁ אויס זויבער די פּאַדצויגענע אויגן-גלעזער פון מיין מאַסקע. ס'איז קאַט, קראַפּ און נאָך אימיצער. מיר ליגן זאַל-בעפּערט אין שווערער, לויערנדיקער שפּאַנונג און אָטעמען אַזוי שוואַך ווי ס'איז נאָר מעגלעך.

דיראָזיקע ערשטע מינוטן מיט דער מאַסקע באַשליסן איי-בער לעבן און טויט: איז זי געדיכט? איך קען די שרעקלעכע בילדער פון לאַזאַרעט: גאַז-קראַנקע, וואָס שפּייען אויס ביסלעכ-ווייז זייערע פּאַרברענטע לונגען דורך אומאויפהערלעכן ברעכן טעג נאָכאַנאַנד.

פּאָרזיכטיק, דאָס מויל אָנגעשפּאַרט אָן פּאַטראָן, אָטעם איך. איצט קריכט דער דאַמף איבערן באָדן און פּאַלט אַריין אין אַלע פּאַרטיפונגען. ווי אַ ווייכע, ברייטע פּאַרגליווערטע חיה לייגט ער זיך אַוועק אין אונדזער שוץ-גראָבן. איך שטורכע קאַטן:

— ס'איז בעסער אַרויסצוקריכן און ליגן אויבן, איידער דאָ, וווּ דער גאַז זאַמלט זיך אַממייסטן. אָבער מיר קומען נישט דערצו; ס'הייבט זיך אָן אַ צווייטער פייער-האָגל. ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז עס קנאַקן און ברילן נישט די האַרמאַטן, נאָר די ערד גופא ליאַרמט און ווילדעוועט.

מיט אַ מוראדיקן קראַך לאָזט זיך אַראָפּ צו אונדז עפּעס אַ מין שוואַרצער געגנשטאַנד. האַרט נעבן אונדז פּאַלט עס אַראָפּ, אַ טרומנע אָן אַראָפּגעשליידערטע פון אַ הויכן אָרט.

איך זע ווי קאַט באַוועגט זיך און קריך אַריבער. די טרומ נע איז דעם פערטן אין אונזער לאַך אַראָפּגעפאַלן אויפן אויס-

געשטרעקטן אָרעם. דער מאַן פּרוּווט זיך מיט דער צווייטער האַנט אַראָפּצורייסן די גאַז־מאַסקעס. קראַם כאַפּט זיך צו דער רעכטער זייט, דרייט אים אויס די האַנט האַרט אויפֿן רוקן און האַלט זי פֿעסט צו.

קאַט און איך נעמען זיך בעשווינט פֿריי מאַכן דעם פֿאַרוווּנדעטן אָרעם. דאָס טרומנע־דעקל איז לויז און געפּלאַצט. מיר קאָנען עס לייכט אָפּרייסן, דעם טויטן וואַרפֿן מיר אַרויס, ער פֿאַלט אַראָפּ אונטן דערנאָך פּרוּוון מיר זיך לויז מאַכן דעם אונטערשטן טייל.

צום גליק פֿאַרלירט דער מאַן דאָס באַוווּסטזיין, און אַלבערט קאָן אונדז העלפֿן. מיר דאַרפֿן מער נישט זיין אַזוי פֿאָרזיכטיק און אַרבעטן ווי מיר קאָנען, ביז די טרומנע גיט נאָך, מיט אַ שטאַרקן קרעכץ דעם אַרונטערגערוקטן רידעל.

ס'איז ליכטיקער געוואָרן. קאַט נעמט אַ שטיק פֿון דעקל, לייגט עס אונטערן צעשמעטערטן אָרעם, און מיר וויקלען אים אַרום מיט אַלע אונדזערע באַנדאַזשן. מער קאָנען מיר אין איצטיקן מאָמענט נישט טאָן.

מיין קאָפּ רוישט אונטער דער גאַז־מאַסקע, ער האַלט ביים פּלאַצן. די לונגען זענען אָנגעשטרענגט, ווידער האָבן זיי בסדר דעם זעלבן הייסן, קורצן אָטעם, די שלייפֿן־אָדערן װערן געשוואָלן, מ'האָט דעם איינדרוק, אַז מ'ווערט דערשטיקט.

— טראָפּנווייז פֿליסט צו אונדז אַריין אַ גרויע ליכטיקייט. איבערן בית־עולם טראָגט זיך אַ ווינט. איך רוק זיך אַרויס איבערן ראַנד פֿון גראָבן. אין דער שמוציקער דעמערונג ליגט פֿאַר מיר אַן אויפֿגעריסענער פֿוס, דער שטיוול איז לחלוטין גאַנץ, איך זע עס אין דעם אויגנבליק גאַנץ דייטלעך, אָבער איצט שטעלט זיך, עטלעכע מעטער ווייטער פֿון מיר, אימיצער אויף די פֿיס, איך פּוץ די מאַסקע־גלעזער, פֿון אויפֿרעגונג ווערן זיי תּיכּף ווידער פֿאַרצויגן, איך קוק אַריבער, — דער מאַן דאָרט, טראָגט שוין נישט מער קיין גאַז־מאַסקע.

איך וואַרט נאָך אַ פּאָר סעקונדן — ער פֿאַלט נישט אַנידער, זוכנדיק קוקט ער זיך אַרום און מאַכט עטלעכע טריט. —

דער ווינט האָט צעטריבן דעם גאַז, די לופט איז פריי, — און אָט רייס איך אויך, כאָרכלענדיק, אראָפּ די מאַסקע, די לופט שטראָמט אין מיר אַריין ווי קאַלט וואַסער, די אויגן ווילן פּלאַצן, אַ כוואַליע פאַרגיסט מיך און שווענקט מיך אָפּ.

*   *

*

די אָנגריפן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. איך דריי זיך אויס צום גראָבן און ווינק צו די איבעריקע. זיי קלעטערן אַרויף און רייסן אראָפּ פון זיך די מאַסקעס. מיר נעמען אַרום דעם פאַרווונדעטן, איינער האַלט זיין באַנדאַזשירטן אָרעם. אַזוי לויפן מיר האַסטיק פון דאַנען אַוועק.

דער בית-עולם זעט אויס ווי אַ שלאַכט-פעלד. אומעטום וואַלגערן זיך טרומנעס און טויטע קערפערס. זיי זענען נאָכאַמאָל געטויט געוואָרן; אָבער יעדער איינער פון זיי, וואָס איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך, האָט געראַטעוועט איינעם פון אונדז.

דער פאַרקאַן איז צעבראָכן, די שינעס אויף דער פעלד-באַן זענען אַרויסגעריסן, שטאַרן אין דער לופט. אויפן וועג ליגט אימיצער. מיר שטעלן זיך אָפּ, נאָר קראָפּ גייט מיטן פאַרווונדעטן ווייטער.

דער, וואָס ליגט אויף דער ערד איז אַ רעקרוט. זיינע היפטן זענען פאַרשמירט מיט בלוט; ער איז אַזוי שוואַך, אַז איך כאַפּ גלייך אַרויס מיין פעלד-פלאַש, וווּ איך האָב טיי מיט ראָם. קאַט רוקט אָפּ מיין האַנט און בויגט זיך איבער אים אַריבער:

— ווו האָט עס דיך געטראָפן, חבר?

ער באַוועגט די אויגן; ער איז אַזוי שוואַך, אַז ער קאָן נישט ענטפערן.

פאָרזיכטיק שניידן מיר אים אויף די הויזן. ער קרעכצט.

— רויק, רויק, ס'וועט דאָך בעסער — אויב ער האָט אַ בויך-שאָס, טאָר ער קיין זאַך נישט טרינקען. ער האָט נישט געבראָכן, דאָס איז גוט. מיר דעקן אויף די היפטן, אַן אמתע

קאַשע פון פלייש מיט שטיקלעך ביינדלעך. דורכגעשאָסן דאָס געלענק. גיין וועט ער שוין אויף זיין גאַנץ לעבן נישט קאָנען.

איך וויש אים די שלייפן מיט איינגענעצטע פינגער און גיב אים טרינקען. זיינע אויגן הייבן זיך אָן צו באַוועגן. איצט ערשט דערזעען מיר, אז דער רעכטער אָרעם בלוטיקט אויך.

קאַט וויקלט פאַנאַנדער צוויי שטיקלעך באַנדאַזשן, לייגט זיי צונויף אַזוי ברייט, אַז זיי זאָלן קאָנען צודעקן די ווונד. איך זוך אַ שטיקל שטאָף אויף אַרומצובינדן; מיר האָבן אָבער קיין זאַך נישט; איך פאַרשאַר דעם פאַרוואונדעטן ווייטער זיינע הויזן, כדי אָפּצורייסן אַ שטיק לייוונט פון זיינע אונטערהויזן אויף אַ בינדע. ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז ער טראָגט גאָרנישט קיין אונטערהויזן. איך קוק זיך צו צו אים גענויער: ס'איז דער פריערדיקער פלאַקס-קאָפּ.

קאַט האָט דערווייל אַרויסגענומען פון אַ קעשענע ביי א טויטן נאָך א פּאָר פּעקלעך באַנדאַזשן און פאָרזיכטיק פאַרבונדן מיר די ווונד. איך זאָג צום בחורל, וואָס נעמט נישט אַראָפּ פון אונדז די אויגן:

— איצט גייען מיר ברענגען אַ טראָגבעטל.

גלייך טוט ער אָן עפן דאָס מויל און פליסטערט:

— בלייבט דאָ!

קאַט זאָגט:

— מיר קומען תיכף צוריק. מיר ברענגען נאָר פאַר דיר א טראָגבעטל.

מ'קאָן נישט דערקענען צי האָט ער אונדז פאַרשטאַנען צי נישט, ער יאָמערט ווי אַ קליין קינד:

— גייט נישט אוועק —

קאַט קוקט זיך אַרום און פליסטערט:

— צי האָט מען נישט געדאַרפט נעמען פּראָסט פשוט א רע־וואָלווער און מאַכן א סוף?

דער בחור וועט דאס טראַנספּאָרטירן אים קוים אַריבערטראָגן און הכּסטנס קאָן ער אָנציען נאָך עטלעכע טעג. אַלץ וואָס ער האָט אָבער איבערגעלעבט ביז אַהער איז לגמרי גאָרנישט

אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער וועט זיך נאָך אָנליידן ביזן שטאַרבן. איצט איז ער נאָך פאַרשכּורט און פילט נישט, אין א שעה אַרום וועט ער זיך פאַרוואַנדלען אין אַ האַרצרייסנדיק שרייענדיקן קנויל פון אומדערטרעגלעכע יסורים. די טעג, וואָס ער קאָן נאָך לעבן זענען פאַר אים נישט מער ווי משונהדיק ווילדע ליידן. און ווע־מען נוצט עס צי האָט ער זיי נאָך אָדער נישט. —

איך שאָקל צו:

— „יאָ, קאַט, מ'האָט געדאַרפט נעמען אַ רעוואָלווער".

— גיב אַהער, זאָגט ער און בלייבט שטיין.

ער איז דעצידירט, איך זע עס. מיר קוקן זיך אַרום, — אָבער מיר זענען שוין נישט אַליין, ארום אונז זאַמעלט זיך אַ הייפל, פון די טריכטערס*) אין קברים באַווייזן זיך קעפּ.

מיר ברענגען אַ טראָגבעטל.

קאַט שאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַזעלכע יונגע יאַטן — ער חזרט כּסדר:

— אַזוינע יונגע, אוּמשולדיקע יאַטן —

* *

*

אונדזערע פאַרלוסטן זענען קלענערע, ווי מיר האָבן גע־רעכנט: פינף טויטע און אַכט פאַרוואונדעטע. ס'איז געווען נישט מער ווי אַ קורצער פייער־אָנפאַל. צוויי פון אונדזערע טויטע ליגן אין איינעם פון די אויפגעריסענע קברים; מיר דאַרפן זיי נאָר פאַרשיטן.

מיר גייען צוריק, שווייגנדיקע שלעפן מיר זיך איינער הינטערן צווייטן ווי אין א גענדז־מאַרש. די פאַרוואונדעטע פירט מען אוועק אין דער סאַניטאַר־סטאַציע. דער פרימאָרגן איז א טריבער, די קראַנקען־וועכטערס לויפן אַרום מיט נומערן און צעטלען. די פאַרוואונדעטע קרעכצן. ס'הויבט אָן רעגענען.

אין א שעה שפּעטער זענען מיר צוגעקומען צו אונדזערע

---

*) טריכטער — אָקאָפּעס אונטן שמאָל און אויבן ברייט.

וועגענער און קלעטערן אַרויף. איצט איז דאָ מער פּלאַץ ווי פריער.

דער רעגן ווערט שטאַרקער. מיר נעמען פאַנאַנדער די געצעלט־לייוונטן און לייגן זיי אויף די קעפּ. דאָס וואַסער האַקט אין זיי, פון די זייטן רינען אַראָפּ די רעגן־טרערן, די וועגענער פליאַסקען זיך אין די לעכער, און מיר וויגן זיך, דרימלענדיק אַהין און אַהער.

צוויי מאַן פאַרנט אין וואָגן האָבן ביי זיך לאַנגע געפּינ־געוועטע שטעקנס. זיי גיבן אַכטונג אויף די טעלעפאָן־דראָטן, וואָס הענגען קווער איבערן שאָסיי, אַזוי נידעריק, אַז זיי קאָנען אונדז אָפּרייסן די קעפּ. די צוויי מענטשן כאַפּן זיי אויף רעכטצייטיק מיט זייערע געפּינגיצרטע שטעקנס און הויבן זיי איבער אונדז. מיר הערן זייער געשריי:

— פאָרזיכטיק! דראָט.

און דרימלענדיק זעצן מיר זיך אויף די קני און הויבן זיך אויף צוריק.

מאַנאָטאָן קלאַפּן די וועגענער, מאָנאָטאָן זענען די אויס־רופן, מאָנאָטאָן רינט דער רעגן. ער רינט אויף אונדזערע קעפּ און אויף די קעפּ פון די טויטע פאַרנט, אויפן קערפּער פון קליינעם רעקרוט מיט דער וווּנד, וואָס איז צו גרויס פאַר זיין היפּט, ער רינט אויף קעמעריכס קבר, ער רינט אויף אונדזערע הערצער.

ערגעץ ווו הילכט אַ שאָס. מיר ווערן פאַרציטערט, די נערוון זענען געשפּאַנט, די הענט ווידער גרייט צו וואַרפן די קערפּערס, איבער די ווענט פון וואָגן, אין שאָסיי־גראָבן אַריין.

ס׳הערט זיך נישט מער — מאַנאָטאָן בלויז די אויסרופן:

— פאָרזיכטיק — דראָט! — מיר שטעלן זיך אויף די קני. ווידער פאַלט אויף אונדז אַ דרימל.

V

ס'איז שווערלעך צו הרגענען אַן איינצלנע לויז, ווען מ'האָט גאַנצע הונדערט. די חיהלעך זענען האַרטלעך, און דאָס שטענדיקע קניקן מיט די פינגער-נעגל ווערט לאַנגווייליק. דע־ריבער האָט טיאַדען אָנגעבינדן אויף אַ דראָט איבער אַ ברענע־דיקער שטיקל ליכט אַ דעקל פון אַ שוואַקס-פּושקע — און אין דעם דאָזיקן קליינעם פענדל ווערן די לייז פּראָסט פּשוט אַריינגעוואָרפן. — ס'קנאַקט און זיי זענען דערליידיקט.

מיר זעצן זיך אַרום, די העמדער אויף די קני, דער אויבער-קערפּער נאַקעט אין דער וואַרעמער לופט, די הענט ביי דער אַרבעט. האַיע האָט אַ באַזונדערס פיינעם מין לייז; אויפן קאָפּ האָבן זיי אַ רויטן צלם. ער פאַרזיכערט דעריבער, אַז ער האָט זיי מיטגעבראַכט פון לאַזאַרעט אין טהוירהויט, זיי שטאַמען פון אַ הויכן שטאַב-דאָקטאָר פּערזענלעך. ס'ווילט זיך אים אויך באַנוצן דאָס פעטס, וואָס זאַמלט זיך אָן לאַנגזאַם אין בלעכע־נעם דעקל, צום שמירן די שטיוול. אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד קייכט ער פון געלעכטער איבער זיין וויץ.

היינט האט ער אָבער ווייניק דערפאָלג, מיר זענען צו שטאַרק פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

די ידיעה איז געוואָרן אַ פאַקט. הימלשטאס איז דאָ. נעכטן האָט ער זיך באוויזן, מיר האָבן שוין געהערט זיין גוט באַקאַנט קול. מ'שמועסט, אַז אינדערהיים זאָל ער בעת אַ מיליטע־רישער איבונג האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס מיט צוויי יונגע רעקרוטן.

ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז בעת־מעשה איז דערביי געווען דער זון פון קאַנצלער. א דאַנק דערדאָזיקער געשיכטע האָט ער געבראָכן האַלדז און נאַקן.

דאָ וועט ער זיך וואונדערן. טיאַדען איז זיך שוין שעהן לאַנג מתוכח וועגן אַלע מעגלעכקייטן ווי אַזוי ער וועט אים ענט־פערן.

האַיע, פאַרטיפט אין געדאַנקען, באַטראַכט זיין גרויסע שווימפּעדער און מאַכט מיר צו איין אויג. דאָס אָנקיילן די זייטן איז געווען דער שווערפּונקט פון זיין עקזיסטענץ; ער האָט מיר דערציילט, אַז גאַנץ אָפט חלומט ער וועגן דעם.

* *

*

קראַפּ און מילער כאַפּן אַ שמועס. קראַפּ האָט דער איינ־ציקער געפּאַקט א קאָן־געשיר פול לינדזן, וואַרשיינלעך אין דער סאַפּערן־קיך. מילער וואַרפט אַהין גיריקע בליקן, באַהערשט זיך אָבער און פרעגט:

— אַלבערט, וואס וואָלסטו, למשל, געטאָן, ווען ס׳איצט ווערט מיט איין מאָל שלום?

— קיין שלום וועט מער נישט זיין! — מאַכט אַלבערט בקצור.

— נו, אָבער ווען — עקשנט זיך מילער — וואָס וואָלסטו געטאָן?

— אָפּהאַקן! ברומט קראַפּ.

— ס׳איז קלאָר. און דערנאָך?

— זיך אָנשכורן, זאָגט אַלבערט.

— רעד נישט קיין נאַרישקייט. איך מיין עס ערנסט. —

— איך אויך, זאָגט אַלבערט, וואס בלייבט דען אַנדערש צו טאָן?

קאַט אינטערעסירט זיך מיט דער פראַגע. ער פּאָדערט פון קראַפּן אַ שטייער־אָפּצאָל פון די לינדזן, באַקומט עס, באַ־טראַכט זיך און זאָגט:

— אָנשכורן וואָלט מען זיך טאַקע געמעגט, דערצו אָבער

תיכף אויפן נאָנטסטן צוג — און היידא אהיים. מענטש, שלום, אלבערט —

ער שלעפט ארויס פון אַ בריוועש א פאָטאָגראַפיע און ווייזט זי שטאָלץ יעדן באַזונדער.

— מיין אַלטיטשקע!

דערנאָך באַהאַלט ער זי צוריק און שילט:

— פאַרפלוכטער לויז־קריג!

— דיר איז לייכט צו רעדן, זאָג איך, דו האָסט דיין קינד און דיין ווייב.

— ס'שטימט. שאָקלט ער צו, איך מוז טאַקע זאָרגן, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס צו עסן.

מיר לאַכן.

— דאָס וועט נישט פעלן, קאַט, אין ערגסטן פאַל וועסטו עפּעס רעקוויזירן.

מילער איז הונגעריק און כסדר אומצופרידן. ער רייסט ארויס האַיע וועסטהוזן פון זייַנע חלומות וועגן פאַרשמייסן.

— האַיע, וואָס וואָלסטו, למשל, געטאָן, ווען עס וואָלט איצט שלום?

— ער האָט דיר געדאַרפט אָנברעכן די ביינער דערפאַר, וואָס דו רעדסט בכלל וועגן אַזעלכע זאַכן, טו איך אַ זאָג, פון וואַנען נעמט עס זיך אייגנטלעך?

— ווי קומט, אַ קו געפלויגן איבערן דאַך? — ענטפערט מילער לאַקאָניש און ווענדעט זיך ווידער צו האַיע וועסטהוז.

פאַר האַיען איז עס אויף איין מאָל צו שווער. ער שאָקלט מיטן קאָפּ און פרעגט:

— דו מיינסט ווען ס'וועט מער קיין קריג נישט זיין?

— ריכטיק. דו באַמערקסט אויך אַלץ.

— דאַן וועלן דאָך ווידער זיין ווייבער, וואָס, ניין? האַיע כאַפּט די סלינע און באַלעקט זיך.

— דאָס אויך.

— מיין פרעס נאָכאַמאָל, זאָגט האַיע, און זיין פּנים צינדט זיך אָן, קודם־כל וואָלט איך זיך ווי געהעריק אָנפרעסן און דער־

נאָך גלייך אין בעט אריין! שטעל זיך נאָר פאָר, אמתע בעטן מיט שפּרינגמאַטראַצן, און אַכט טעג נאָכאַנאַנד טו איך זיך נישט אָן.

אַלץ שווייגט. דאָס בילד איז וווּנדערבאַר. אַ שוידער נעמט דורך אונדזערע גלידער. מילער קומט ענדלעך צו זיך און פרעגט:

— און דערנאָך?

הפסקה. דערנאָך דערקלערט האַיע אַביסל פאַרדרייט:

— ווען איך װעל אַן אונטעראָפיציר, וואָלט איך נאָך פרי־ער געבליבן אַ ביסל ביי די פרייסן און דאַן קאַפּיטולירן.

— האַיע, דו ביסט גוט משוגע, לויט מיין מיינונג.

געמיטלעך פרעגט ער ווידער:

— דו האָסט שוין אַמאָל געשטאָכן טאָרף? פּרווו עס נאָר!

מיט די ווערטער ציט ער אַרויס פון שטיוול זיין לעפל און נעמט זיך צו אַלבערטס שיסל.

— ערגער ווי שאַנצן אויפן שלאַכט-פעלד קאָן עס דאָך נישט זיין, ענטפער איך.

האַיע קייט און כעסט זיך:

— „עס דויערט אָבער לענגער און די קאָנסט נאָר נישט פּאַכן".

— אָבער, מענטש, אינדערהיים איז דאָך בעסער, האַיע.

— נישט שטענדיק, זאָגט ער, און פאַרטראַכט זיך מיט אַן אָפענעם מויל.

מ׳קאָן לייענען אויף זיין פּנים וועגן װאָס ער קלערט. דאָ איז אַ זומפּיקער באָדן, דאָ שווערע אַרבעט ביי דער שטאַרקער חמימה אין סטעפּ, פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט, דערצו אַ קנאַפּער אַרבעטס־לוין, אַ שמוציקער קנעכט־אַנצוג. —

— אין פרידנס-צייט האָסטו ביים מיליטער־דינסט אַ רויק לעבן, אָן שום דאגות, — רעדט ער ווייטער, יעדן טאָג באַ־קומסטו דיין עסן, אויב נישט מאַכסטו סקאַנדאַל. האָסט דיין בעט, יעדע וואָך ריינע וועש ווי אַ קאַוואַליער, מאַכסטו דיין אונטער־

אָפיציר־דינסט, האָסטו שיינע קליידער; און אָוונט ביסטו אַ פריי־ער מענטש, גייסט אין קנייפּע אַריין.

האַיע איז אומגעהייער שטאָלץ אויף זיין אידעע. ער פאַר־ליבט זיך ממש אין איר:

און אַז דו האָסט אָפּגעאַרבעט דיינע צוועלף יאָר, קריגסטו דיין פאַרזאָרגונגס־שיין און ווערסט לאַנד־יעגער. דעם גאַנצן טאָג קאָנסטו דאַן אַרומגיין שפּאַצירן.

ער שוויצט איצט פון נחת ביים געדאַנק וועגן דער שיי־נער צוקונפט.

— שטעל דיר פאָר ווי דו ווערסט דעמאָלט טראַקטירט, דאָ אַ קאָניאַק, דאָרט אַ האַלבן ליטער. מיט אַ לאַנדיעגער וויל דאָך יעדער איינער שטיין אין גוטע באַציונגען.

— דו וועסט דאָך אָבער קיינמאָל קיין אונטעראָפיציר נישט ווערן, וואַרפט אַריין קאַט.

האַיע קוקט אים פאַרוווּנדערט אָן און שווייגט. אין זיינע געדאַנקען טראָגן זיך איצט די קלאָרע אָוונטן אין הערבסט, די זונטיקן אין סטעפּ, די דאָרפס־גלאָקן, די נאָכמיטאָגן און די נעכט מיט די מיידלעך, די קאָרענע פּיינקוכנס מיט די גרויסע שמאַלץ־אויגן, די זאָרגלאָז פאַרבראַכטע שעהן אין קריג. —

מיט אַזוי פיל פאַנטאַזיעס קאָן מען אַזוי געשווינט נישט פאַרטיק ווערן, דעריבער ברומט ער און כעסט זיך:

סאַראַ נאַרישע קשיות איר שטעלט אַלע.

ער וואַרפט אַריבער דאָס העמד איבערן קאָפּ און קנעפּלט צו זיין לייבראָק.

— וואָס וואָלסטו געטאָן, טיאַדען? פרעגט קראָפּ.

טיאַדען ווייסט בלויז איינס: אַכטונג געבן, אַז הימלשטאָס זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פון זיינע הענט.

צום בעסטן וואָלט ער אים, וואַרשיינלעך, געוואָלט פאַר־שפּאַרן אין אַ שטייג און יעדן פרימאָרגן מכבד זיין מיט אַ גוטן קאַנטשיק.

קראָפּן ענטפערט ער:

— אויף דיין אָרט וואָלט איך זיך באמת צו ווערן אַ

לייטענאַנט, דעמאָלט וועסטו אים קאָנען פּאַסעווען וויפיל ס'וועט אַריין.

— און דו, דעטערינג? — פאָרשט מילער ווייטער.

— ער איז אַ געבוירענער לערער מיט זיינע אומאויפהערלעכע פראַגן.

דעטערינג איז וואָרט-קאַרג, אָבער אויף דער דאָזיקער טעמע גיט ער אַן ענטפער.

ער קוקט אין דער לופט אריין און זאָגט נאָר איין זאַץ:

— איך וואָלט נאָך פונקט באַוויזן צום תבואה-שניט.

דערמיט שטייט ער אויף און גייט אַוועק.

ער איז שטארק פארדאגהט. זיין ווייב מוז אליין פירן די גאַנצע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעט. דערצו האָבן זיי אָפּגענומען ביי איִם נאָך צוויי פערד. יעדן טאָג לייענט ער די צייטונגען, כדי זיך צו דערוויסן צי אין זיין אָלדענבורגישן נעסט גיסט נישט קיין רעגן, ווייל ביי רעגנוועטער וואָלטן זיי נישט אַראָפּגעפירט דאָס היי.

אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך הימלשטאָס. ער גייט צו דירעקט צו אונדזער גרופּע. טיאַדענס געזיכט באַדעקט זיך מיט פלעקן. ער ציט זיך אויס ווי לאַנג ער איז אויפן גראָז און פאַרמאַכט די אויגן פון גרויס אויפרעגונג.

הימלשטאַס וואַקלט זיך, זיין גאַנג ווערט לאַנגזאַמער. דער-נאָך מאַרשירט ער אָבער דאָך דירעקט צו אונדז. קיינער האָט נישט בדעה אויפצושטיין. קראָפּ קוקט אים נייגעריק אָן.

איצט שטייט ער נעבן אונדז און וואַרט. אַזוי ווי קיינער רעדט נישט קיין וואָרט, וואַרפט ער אַ „נאַ"?

ס'גייען פאַרביי אַ פּאָר סעקונדן, הימלשטאָס איז דענער-ווירט, ווייסט נישט ווי זיך צו האַלטן. ווי גערן וואָלט ער אונדז איצט אַלע צעפּאַסעוועט. ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז דער פראָנט איז נישט קיין קאַזאַרמע-הויף. ער פּרוּווט זיך נאָכאַמאָל און ווענדט זיך מער נישט צו אַלע, נאָר צו איינעם, ער האָפט אויף דעם אופן גיכער צו באַקומען אַן ענטפער. קראָפּ איז אים בענטער פון אַלע. אים באַערט ער דעריבער מיט די ווערטער:

— נאַ, דו ביסט אויך דאָ?
אַלבערט איז אָבער נישט זיין פריינט. ער ענטפערט קורץ א ביסל לענגער פון אייך, גלויב איך.
די דיטלעכע וואָנסען ציטערן.
— ווי איך זע קענט איר מיך נישט מער, וואָס?
טיאַדען הייבט איצט אויף די אויגן:
— „דאָך".
הימלשטאָס דרייט זיך אויס צו אים:
— דאָס איז דאָך טיאַדען, יאָ?
טיאַדען הויבט אויף דעם קאָפּ.
— און ווייסטו, וואָס דו ביסט?
הימלשטאָס איז פאַרבליפט:
— פונוואַנען אָן דוצן מיר זיך דען? מיר זענען נאָך דעת-עתה נישט געלעגן צוזאַמען אין „שאָסיי-גראָבן.
ער ווייס לגמרי נישט ווי זיך אַרויסצודרייען פון דער מיזיקער שווערער סיטואַציע. אויף אַזאַ אָפענער שנאה האָט ער זיך נישט געריכט. דערווייל היט ער זיך נאָך אָבער. ווי עס שיינט האָט אים שוין אימיצער אויסגערעדט מכח דעם אַבסורד פון שיסן אין רוקן.
פון דער פראַגע וועגן שאָסיי-גראָבן ווערט טיאַדען פון ווילדן צאָרן אפילו וויציק.
— הם, דאָס ביסטו אליין.
איצט ווערט אויך הימלשטאָס אָן אויפגעקאָכטער.
טיאַדען איז זיך אָבער געשווינט מקוים. ער מוז אים אַרויסזאָגן, וואָס ער טראָגט אין זיין האַרצן.
וואָס דו ביסט, ווילסטו וויסן? דו ביסט א שמוציקער חזיר, א שווייַן-הונט, דאָס ביסטו! דאָס האָב איך דיר שוין לאַנג געהאַט בדעה צו זאָגן.
די סאַטיספאַקציע, אויף וועלכער ער האָט חדשים לאַנג געוואַרט, לויכט איצט אַרויס פון זיינע בלאַנקע אויגן, בשעת ער וואַרפט דאָס וואָרט.
— „שווייַן-הונט!"

הימלשטאס גייט איצט אויך ארויס פון די כּלים

– וואָס ווילסטו, דו מיסט-הונט, דו דרעקיגער טאָרף-טייוול שטייט אויף, דרך-ארץ. אָפשר, בעת ס'רעדט צו אייך אן אפי-ציר!

טיאַדען ווינקט גרויסאַרטיק:

– איר קאָנט זיך אָפּטראָגן, הימלשטאס, אַוועקגיין.

הימלשטאס איז איצט אַ ווילדער עקזערציר-רעגולאַמין. דער קייזער האָט שוין נישט געקאָנט זיין מער באַליידיקט, ער ברילט:

– טיאַדען, איך באַפעל אייך דינסטלעך: „שטייט אויף!"

– און אויסער דעם, וואָס נאָך? פרעגט טיאַדען.

– צי וועט איר דערפילן מיין באַפעל צי נישט

טיאַדען ענטפערט געלאַסן און קאַטעגאָריש, נישט וויסנדיק דאָס אַליין, מיטן פּאָפּולערסטן קלאַסיקער-ציטאַט און גלייכצייטיק דרייט ער זיך אויס צו אים מיטן הינטן.

הימלשטאס אנטלויפט מיט א ווילדן צאָרן:

– איך שטעל אייך פאַרן קריגס-געריכט.

מיר זעען ווי ער פאַרשווינדט אין דער ריכטונג צו דער קאַנצעלאַריע.

האַיע און טיאַדען הויבן אויף אַ געוואַלדיקן ליאַרם. האַיע צעלאַכט זיך אַזוי שטאַרק, אז ער לינקט אויס זיין קינבאַק און בלייבט פלוצלונג הילפלאָז מיט אן אָפענעם מויל. מיט דער פויסט שטעלט עס אים אַלבערט קוים צוריק אויפן אָרט.

קאַט איז פאַרזאָרגט.

– אויב ער וועט דיך אָנקלאָגן, איז עס אַ שלעכטע מעשה.

– דו מיינסט, אַז ער וועט עס טון? פרעגט טיאַדען.

– גאַנץ באַשטימט, זאָג איך.

דאָס מינדסטע, וואָס דו וועסט כאַפּן איז פינף טעג זיצן.

דערפון ווערט טיאַדען נישט שטאַרק נתפעל.

– פינף טעג זיצן איז פינף טעג רו.

— און אויב מ׳וועט דיך משלח זיין אין פעסטונג אריין? פרשט מערער דער חקרן.

— דאן בין איך דערוויילּ פטור פון קריג.

טיאדען איז א גליקלעכער נפש. נישטא פאר אים קיין דאגות. ער טראגט זיך אפ צוזאמען מיט האיע און לעערן, כדי מען זאל אים ניט פאקן בעת דער ערשטער אויפרעגונג.

* * *

מילער האט נאך אלץ נישט געענדיקט. ער נעמט זיך ווידער צו קראפן.

— אלבערט, ווען דו זאלסט איצט פאקטיש אהיים גיין, וואס וואלסטו געטאן?

קראפ איז איצט זאט און דעריבער טאקע נאכגיביקער.

וויפיל מאן וואלטן מיר אייגנטלעך געווען אין קלאס?

מיר רעכענען: פינפאונצוואנציק, — זענען זיבן טויט, פינף פארוואונדעט, איינער אין א משוגעים-הויז, צוזאמען וואלטן מיר הייסט עס געווען העכסטנס צוועלף מאן.

דריי פון זיי זענען לייטענאנטן, זאגט מילער; צי גלויבסטו, אז זיי וועלן צוגעלאזן, אז קאנטארעק זאל אויף זיי רייטן.

מיר גלויבן עס נישט. מיר וואלטן אויך מער נישט צולאזן אז מ׳זאל אויף אונדז רייטן.

וואס האלטסטו אייגנטלעך מכוח דער דרייפאכער האנדלונג אין ווילהעלם טעל? דערמאנט זיך פלוצלינג קראפ און צעלאכט זיך אויפן קול.

— וואס זענען געווען די צילן פון געטינגער וואלד-בונד? פרשט אויך מילער פלוצלונג זייער שטרענג.

— וויפיל קינדער האט געהאט קארל דער דרייסטער? פרעג איך רויק.

— פון אייך וועט אין לעבן גאר נישט ארויסקומען, בוימער, שרייט מילער.

— ווען איז געווען די שלאכט ביי זאמע? וויל קראפ וויסן.

— אייך פעלט דער מאראלישער ערנסט, קראפ, זעצט זיך, דריי מינוס — טו איך א זאג.

פ

— וועלכע אויפגאַבן האָט ליקורג*) געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע אין דער מלוכה? פליסטערט מילער, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, ווי ער זאָל רוקן זיינע ברילן.

— הייסט עס: מיר דייטשן—?" האָבן מורא פאַר גאָט, און מער קיינער נישט אויף דער וועלט, אָדער מיר דייטשן? — וואָלט איך נאָך צוגעבן צו באַקלערן.

— וויפיל איינוווינער האָט מעלבורן? — ענטפערט מילער צוריק.

— ווי וואָלט איר גאָר דורכהאַלטן אין לעבן אויב איר ווייסט עס נישט? פרעג איך אין עמפערונג ביי אַלבערטן.

— וואָס פאַרשטייט מען אונטער קאָהעזיאָן?**) טוט איצט יענער טריומפירנדיק אַ פרעג.

— פון דעמדאָזיקן גאַנצן קראַם ווייסן מיר קיינער נישט צו פיל. ער האָט אונדז באמת קנאַפּ וואָס גענוצט. אָבער קיינער האָט אונדז אין שולע נישט געלערנט ווי אָנצוצינדן אַ פּאַפּיראָס בעת אַ רעגן און אַ שטורם, וויאַזוי מ'קאָן מאַכן פייער מיט נאַסע האָלץ—אָדער, אַז אַ באַיאָנעט דאַרף מען צום בעסטן אַריינרוקן אין בויך, ווייל דאָרט פאַרטשעפּעט עס זיך נישט ווי ביי די ריפּן.

מילער זאָגט פאַרדאַגהט:

— וואָס טויג עס. מיר וועלן דאָך זיך ווידער מוזן אַוועקזעצן צוריק אויפן שול-באַנק.

— איך האַלט עס פאַר אויסגעשלאָסן. „מיר וועלן אפשר מאַכן אַ נויט-עקזאַמען".

דערצו מוז מען זיך צוגרייטן. און אַז דו וועסט שוין אויסהאַלטן, טאָ וואָס וועט זיין? זיין אַ סטודענט איז נישט קיין סך בעסער. אויב דו האָסט נישט קיין געלט, מוזטו אויך אַרבעטן איבער די כחות.

— אַ ביסל בעסער איז עס. אָבער דאָס וואָס מ'האַקט אייך

---

*) ליקורג — אַ האַלב-מיסטישער געזעצגעבער אין ספּאַרטע.

**) קאָהעזיאָן — דער צוזאַמענהאַנג צווישן די קלענסטע קערפּערטיילן, דאָס צוזאַמענשטרעבן.

דאָ אַריין אין די קעפּ איז אויך נישט מער ווי קוואַטש, ווי שטות.

קראַפּ כאַפּט אויף גוט אונדזער שטימונג.

— ווי אַזוי קאָן מען דאָס אַלץ נעמען ערנסט, אויב מ'איז געווען דאָ אויפן פראָנט.

— דו מוזט דאָך אָבער האָבן א באַרוף, עקשנט זיך מילער, פּונקט ווי ער זאָל זיין קאָנטאָרעק גופא.

אַלבערט רייניקט זיך מיטן מעסער די נעגל. מיר זענען נתפּעל פון זיין חשק זיך צו פּוצן. פּאַקטיש איז עס אָבער זיין שוואַכקייט זיך אַריינצוטראַכטן. ער רוקט אָפּ דאָס מעסער און דערקלערט:

— אַזוי איז עס. קאַט און דעטערינג וועלן זיך נעמען צוריק צו זייער פאַך, ווייל זיי האָבן אים שוין פריער געהאַט. הימלשטאָס אויך. מיר אָבער האָבן קיין פאַך נאָך נישט געהאַט. ווי אַזוי זאָלן מיר זיך איצט נאָך דעם אַלעם דאָ — ער מאַכט אַ באַוועגונג אין דער ריכטונג צום פראָנט — צו עפּעס צוגעוווינען.

— מ'האָט געדאַרפט זיין אַ רענטיער, כדי קאָנען דערנאָך לגמרי אַליין וווינען אין אַ וואַלד — טו איך אַ זאָג. פאַרשעם זיך אָבער באַלד מיט דערדאָזיקער מאַניע פון גרויסקייט.

— וואָס וועט באמת פון אונדז ווערן, אַז מיר וועלן אַ היים קומען? זאָגט מילער, און אפילו ער איז צערודערט.

קראַפּ הויבט מיט די פּלייצעס.

— איך וויל נישט קלערן. לאָמיר נאָר קודם־כל זיין אין דער היים, וועט מען שוין געפינען אַן עצה.

— אייגנטלעך זענען מיר דאָך אַלע צעבראָכן.

— וואָס וועט מען טאַקע טאָן — טו איך אַ פרעג.

— איך האָב צו קיין שום זאַך קיין חשק נישט,—ענטפערט קראַפּ פאַרמאַטערט. סוף־כל־סוף ביזטו דאָך טויט, הייסט וואָס האָסטו צו קלערן? איך גלויב בכלל נישט, אַז מיר זאָלן צוריק קומען.

— אַז איך קלער וועגן דעם, אַלבערט, — זאָג איך אין אַ ווײַלע אַרום, און טו זיך אַ וואָרף אויפן רוקן — ווילט זיך מיר, דערהערנדיק דאָס וואָרט שלום — און ווען ס'זאָל ווירקלעך אַזוי

זיין — אויפטאָן עפּעס אַ מין אומגעווײנלעכע זאַך, אַזוי האַקט עס מיר אין קאָפּ. עפּעס אַזוינס זאָג איך דיר, וואָס ס'זאָל באַפרי־דיקן דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיך דאָ אָנגעוואַלגערט אין שלימזל. איך קאָן זיך מיר עס גאָרנישט פאָרשטעלן. וואָס איך געפין פאַר מעגלעך, די גאַנצע מעשה מיטן באַרוף און שטודיום און געהאַלט און אַזוי ווייטער — דאָס אַלץ עקלט מיך, ווייל דאָס איז דאָך שוין געווען פון שטענדיק אָן און איז נודנע. איך געפין גאָרנישט, איך געפין גאָרנישט, אַלבערט. מיט איין מאָל זעט מיר אַלץ אויס צוועקלאָז און פאַרצווייפלט.

קראָפּ פאַרטראַכט זיך אויף וועגן דעם. ס'וועט בכלל מיט אונדז אַלע זיין אַ שווערער ענין. ווער ווייס צי קלערן זיי גאָר אַמאָל אינדערהיים מכוח דעם? צוויי יאָר שיסן און האַנט־גראַ־נאַטן — דאָס קאָן מען דאָך שפּעטער נישט אַראָפּוואַרפן מיט איין מאָל, ווי למשל, אַ זאָק. —

אַלע זענען מיט מיר מסכּים, אַז יעדער איינער לעבט איצט אי־בער דאָס זעלבע; נישט נאָר מיר דאָ, גאָר אומעטום, יעדערער, וואָס געפינט זיך אין אָן ענלעכער לאַגע, איינער מער, דער אַנ־דערער ווייניקער. ס'איז דער געמיינזאַמער גורל פון אונדזער גע־נעראַציע.

אַלבערט זאָגט עס אַרויס:

— „דער קריג האָט ביי אונדז אַוועקגערויבט דעם זין פאַר אַלץ".

ער איז גערעכט. מיר זענען נישט מער קיין יוגנט. מיר ווילן מער נישט שטורמען די וועלט. מיר אַנטלויפן פון זיך גופא, פון אונדזער לעבן. מיר זענען געווען אַכצניעריקע און האָבן אָנ־געהויבן ליב צו קריגן די וועלט און די עקזיסטענץ; מיר האָבן אויף איר געשאָסן. דער ערשטער גראַנאַט, וואָס איז געפאַלן, האָט געטראָפן אין אונדזער האַרצן. מיר זענען אָפּגעריסן פון אַקטיווי־טעט, פון שטרעבן, פון פּראָגרעס. מיר גלויבן נישט מער אין דעם מיר גלויבן אין קריג.

די שרייבשטוב ווערט לעבעדיק. הימלשטאס האָט זי, ווי ס׳ווייזט אויס, אַלאַרמירט. אָן דער שפּיץ פון דער קאָלאָנע מאַרשירט דער דיקער פעלדפעבל. ס׳איז קאָמיש, וואָס אַלע עטאַטמעסיקע פעלדפעבלס זענען דיק.

נאָך אים גייט דער בקמהדורשטיקער הימלשטאס. זיינע שטיוול גלאַנצן אויף דער זון.

מיר שטייען אויף. דער שפּיז אָטעמט שווער און אויפן קול.

— ווו איז טיאַדען?

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער ווייסט עס נישט. הימלשטאס גלאָצט אויף אונדז זיינע בייזע אויגן.

— איר ווייסט עס זייער גוט. איר ווילט עס בלויז נישט זאָגן. אַרויס מיטן לשון.

דער שפּיז קוקט זיך, זוכנדיק, אַרום; טיאַדען זעט זיך נישט אין ערגעץ. ער פּרוּווט עס אויף אַן אַנדער אופן.

— אין צען מינוט אַרום זאָל זיך טיאַדען מעלדן אין קאַנצעלאַריע.

דערמיט טראָגט ער זיך אָפּ, הימלשטאס מיט זיין גרים־צאָרן.

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז ביים נאָענטן שאַנצן וועט מיר פון הימלשטאָסן אַראָפּפאַלן אַ דראָטראָלקע אויף די פיס, באַמערקט קראָפּ.

— מיר וועלן נאָך פון אים געננוג חוזק מאַכן — לאַכט מילער.

דאָס איז איצט אונדזער אַמביציע; אָנווייזן אַ בריוו־טרעגער, ווו זיין אָרט איז —

איך גיי אין באַראַק, גיב איבער טיאַדענען. ווי ס׳האַלט און הייס אים פאַרשווונדן.

דערנאָך בייטן מיר איבער אונדזער פּלאַץ און לייגן זיך אַוועק, כדי צו שפּילן אין קאָרטן. ווייל דאָס קאָנען מיר: שפּילען, שעלטען און קריג פירן. נישט פיל פאַר צוואַנציק יאָר — צו פיל פאַר צוואַנציק יאָר.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז הימלשטאָס ווידער ביי אונדז. קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט אים. ער פרעגט זיך אויף טיאַדענען. מיר קוועטשן מיט די אַקסלען.

איר מוזט אים אויפזוכן — עקשנט ער זיך.

— וועמען מיינט איר דאָס, איר?— אינפאָרמירט זיך קראָפּ.

— נו, איר דאָ אַלע. —

— איך וויל אייך בעטן איר זאָלט אונדז נישט דוצן, — מאַכט קראָפּ ווי אַ גענעראַל.

הימלשטאָס גיט זיך אַ כאַפּ ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן:

— הער דוצט אייך דען?

— איר!

— איך?

— יאָ.

ס'קאָכט אין אים ווי אין אַ קעסל. אומצוטרויליך קוקט ער קרוּם אויף קראָפּן. ווייל ער האָט לגמרי קיין אַנונג נישט, וואָס יענער מיינט. לכל הדעות טרויט ער זיך אַליין נישט אין דעם מאָמענט און קומט אונדז אַנטקעגן.

— צי זענט איר שוין געווען אַמאָל דאָ, אויפן פראַנט?

— דאָס איז נישט אייער זאַך — זאָגט הימלשטאָס קאַ־טעגאָריש — איך פאַרלאַנג אַן ענטפער.

— געמאַכט — ענטפערט קראָפּ און טוט זיך אַ הויב. — קוקט זיך נאָר צו אַהין פון וואַנען ס'זעען זיך די קליינע וואָל־קענדלעך דאָס זענען די קאַנאָנען פון די ענגלענדער. דאָרט זענען מיר נעכטן געווען, פינף טויטע, אַכט פאַרוווּנדעטע. דער־צו איז עס אייגנטלעך בלויז געווען אַ שפּאַס. אַז איר וועט קורצ־לעך מיט אונדז צוזאַמען אַרויסטרעטן, וועלן די זעלנער, איידער זיי שטאַרבען, זיך פאַר אייך אַוועקשטעלן, דערנאָך פאַלן אויף די קני און חכנעהדיק זאָגן: „מיר בעטן, דערלויבט אונדז אָפּ־צוטרעטן! מיר בעטן, דערלויבט אונדז אויסצושיסן! אויף אזעל־כע מענטשן ווי איר האָבן מיר דאָ טאַקע געוואַרט.

ער זעצט זיך צוריק, און הימלשטאָס פאַרשווינדט ווי אַ קאָמעט.

— דריי טעג אַרעסט — מיינט קאַט.

— ס'אַנדערע מאָל וועל איך אים אָפּפּאַרטיקן — זאָג איך צו אַלבערטן.

ס'איז אָבער געענדיקט. דערפאַר קומט פאַר אין אָוונט, בעתן קאָנטראָל, אַ געגוויע אויספאָרשונג. אין שרייבשטוב זיצט אונדזער לייטענאַנט בערטינק און רופט אַריין איינעם נאָכן אַנדערן.

איך מוז אויך אַרויסטרעטן אַלס עדות און דערקלער פאַר־וואָס טיאַדען האָט ווידערגעשפּעניקט. די מעשה מיט די בעט־געצער מאַכן אַן איינדרוק. מ'ברענגט אַריין הימלשטאָסן, און איך חזר איבער מיין עדות־זאָגן

— צי איז עס ריכטיק? — פרעגט בערטינק ביי הימל־שטאָסן.

יענער דרייט זיך, מוז זיך אָבער סוף־כל־סוף מודה זיין, בעת קראָפּ גיט אויך איבער פונקט דאָס זעלבע.

— פאַרוואָס האָט דעמאָלט קיינער וועגן דעם נישט גע־מאָלדן? — פרעגט בערטינק.

מיר שווייגן. ער דאַרף דאָך אַליין וויסן וואָס פאַר אַ צוועק ס'האָט פאַרן זעלנער די אָנקלאָגע וועגן אַזעלכע קליינ־קייטן. צי קאָן זיך דער זעלנער בכלל אויף עפּעס באַקלאָגן? ער פאַרשטייט עס גוט און פאַרטיקט קודם־כל אָפּ הימלשטאסן און גיט אים נאָך אַמאָל ענערגיש צו פאַרשטיין, אַז דער פראָנט איז נישט קיין קאַזאַרמע־הויף. דערנאָך נעמט ער זיך צו טיאַדענען און איז אים מכבד מיט אַן אימפּראָוויזירטער מוסר־דרשה און מיט דריי טעג מיליטער־אַרעסט. קראָפּן דיקטירט ער מיט אַ ווונק איין טאָג אַרעסט.

— אַנדערש גייט עס נישט — זאָגט ער מיט אַ געוויסן באַדויערן. ער איז אַ קלוגער יאַט.

מיטלאַרעסט איז אָנגענעם. דער אַרעסט־לאָקאַל איז אַ געווע־זענער הינערשטאַל; דאָ קאָנען ביידע אויפנעמען געסט, מיר פאַר־שטייען זיך שוין ווי אַזוי דאס איינצואָרדענען. אַ דיקער אַרעסט וואָלט געווען אין קעלער. פריער פלעגט מען אונדז אויך צו־

בינדן צו אַ בוים, אָבער איצט איז עס פאַרבאָטן. צייטנווייז באַהאַנדלט מען אונדז דאָך ווי מענטשן.

אין אַ שעה אַרום, נאָכדעם ווי טיאַדען און קראָפּ באַזעצן זיך הינטער זייערע דראָטקראַטעס, זעגען מיר שוין ביי זיי.

טיאַדען פאַגריסט אונדז קריייענדיק. דערנאָך שפּילן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט סקאַט. טיאַדען האַלט, פאַרשטייט זיך, אין איין געווינען, די מיאוסע נבלה.

* *

*

פאַרן אַוועקגיין פרעגט מיך קאַט:

— ווי איז דיין מיינונג מכח אַ געבראָטן גענדזל?

— ס'איז גאָרנישט שלעכט — געפינען איך.

מיר קלעטערן אַרויף אויף אַן אַמוניציע-קאָלאָנע. די נסיעה קאָסט צוויי פּאַפּיראָסן. קאַט האָט גאַנץ גענוי אָנגעמערקט דאָס אָרט. די שטאַל געהערט אַ רעגימענטס-שטאַב. איך באַשליס צו ברענגען די גאַנדז און הער אויס אויפמערקזאַם די אינסטרוקציעס.

די שטאַל איז הינטער דער וואַנט, פאַרשלאָסן בלויז מיט אַ פלאָקן.

קאַט שטעלט מיר אונטער די הענט, איך שטעק אַריין די פיס און קלעטער אַריבער איבער דער וואַנט. קאַט שטייט אויף דער שמירה.

עטלעכע מינוט בלייב איך שטיין, כדי צוצוגעוווינען די אויגן צו דער טונקלקייט, דערנאָך דערקען איך די שטאַל. שטיל גנבע איך זיך הינטער, נעם אַראָפּ דעם פלאָקן, שטעל אים אַוועק און עפן די טיר.

איך באַמערק דייטלעך צוויי ווייסע פלעקן, צוויי גענדז, אַ שלעכטע מעשה; נעמט מען איינע, שרייט די צווייטע. מיז מען הייסט עס נעמען ביידע — אויב איך בין אַ בריה, וועט עס שוין קלאַפּן.

מיט איין שפּרונג בין איך נעבן זיי. איינע כאַפּ איך תיכף, מיט אַ מאָמענט שפּעטער די צווייטע. ווי אַ משוגענער טראַסקע

איך מיט זייערע קעפּלעך אין וואַנט, כּדי זיי צו ממיתן. ווי עס שיינט בין איך נאָך אָבער אַ צו קליינער אכזר. די בעסטיעס אַמפּערן זיך און האַקן מיט די פיס און מיט די פליגלען. איך קעמף פאַרביטערט, אָבער דאָנערוועטער, ס'אַראַ קראַפט עס שטעקט אין אַזאַ מין גאַנדז! זיי רייסן פון מיר שטיקער אַזוי, אַז איך האַלט זיך קוים אויף די פיס. אינדערפינצטער זענען דידאָזיקע ווייסע בעסטיעס ממש שרעקלעך, מיינע אָרעמס האָבן באַקומען פליגלען, איך ציטער, אַז איך זאָל זיך נישט אויפהייבן צום הימל אַרויף, פּונקט ווי איך זאָל האָבן אין די הענט אַ פּאָר לופטבאַלאָנען.

און אָט ברעכט טאַקע אויס דער ליאַרם; איינע פון די העלדזער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אָנגעהויבן האַקן ווי אַ וועקזייגער. איידער איך קוק זיך אַרום, קריכט אימיצער אַריין פון דרויסן. איך כאַפּ אַ קלאַפּ, טו אַ פאַל אויף דער ערד און הער אַ ווילד בילן.

אַ הונט. איך דריי זיך אויס אָן אַ זייט, און אָט קלייבט ער זיך שוין צו צו מיין האַלדז. איך ליג גאַנץ שטיל און שטעל קודם כּל אויף דעם קראַגן.

ס'איז אַ גאַנץ גרויסער דאָג-הונט. נאָך אַ קורצער ווײַלע וואָס איז פאַר מיר אַן אייביקייט, רוקט ער אָפּ דעם קאָפּ און זעצט זיך נעבן מיר אַוועק. אָבער קוים פּרוּוו איך זיך אַ ריר צו טאָן, וואָרטשעט ער תּיכּף. איך בין פאַרצווייפלט. דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן טאָן, איז אַרויסצוקריגן מיין קליינעם רעוואָלווער. אָפּטראָגן זיך פונדאַנען מוז איך לכל הדעות איידער עס קומען אָן מענטשן. זייער פאָרזיכטיק, צענטימעטער-ווייז רוק איך מיין האַנט.

איך האָב דעם איינדרוק, אַז עס געדויערט שעהן לאַנג. כּסדר אַ שטילע באַוועגונג און אַ געפערלעך בורטשן; ליגן שטיל און אַ נייער פּרוּוו. אַז איך האָב שוין דעם רעוואָלווער אין האַנט, הייבט אָן דער הונט צו ציטערן. איך דריק אים צו צום באָדן און טראַכט: אַ הויב טאָן דעם רעוואָלווער, שיסן, איידער ער כאַפּט מיך אָן, און פליטה.

ביסלעכווייז כאַפּ איך אָפּ דעם אָטעם און ווער רויקער.

דערנאָך פּאַרהאַלט אײַך ווידער דעם אָטעם, טו אַ צי דעם רעוואָלווער אינדערהויך, ס'קנאַקט, דער הונט פאַלט וואָיענדיק אַנידער, איך געפין די טיר פון שטאַל און טאַנץ אַרויס איבער איינער פון די אנטלאָפענע געגנדז.

לויפנדיק, טו איך זי א נעם, וואַרף זי אַריבער מיט איין קלאַפּ איבער דער וואַנט און קלעטער אַליין אַרויף אינדערהויך. איך האָב נאָך נישט באַוויזן אַריבערצוקלעטערן און אָט איז דער הונט צוריק לעבעדיק און שפּרינגט מיר נאָך. געשווינט וואַרף איך זיך אַראָפּ. צען טריט פאַר מיר שטייט קאַט מיט דער גאַנדז הינטערן אָרעם. ווי ער דערזעט מיך מאַכן מיר ביידע פיס.

ענדלעך קאָנען מיר אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די גאַנדז איז טויט, קאַט האָט עס דערליידיקט אין איין מאָמענט. מיר ווילן זי תיכף אָפּבראָטן, כדי קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. איך ברענג פון באַראַק טעפּ און האָלץ, און מיר קריכן אַריין אין אַ קליינער ליידיקער שאָפּע, וואָס דינט אונדז ספּעציעל פאַר אַזעלכע צוועקן. דאָס איינציקע פענצטער־לאָך ווערט געדיכט פאַרהאָנגען. ס'איז פאַראַן איין פּליטע, אויף באַקשטיינער ליגט אַן אייזערנער פּלאַט. מיר מאַכן פייער.

קאַט פּליקט די גאַנדז און גרייט זי צו. די פעדערן לייגן מיר פאָרזיכטיק אָן אַ זייט. מיר ווילן דערפון מאַכן צוויי קליינע קישעלעך מיט אַן אויפשריפט: „שלאָף רויק אין פויקן־פייער!"

דאָס אַרטילעריע פייער פון פראָנט רוישט גאַנץ דייטלעך אַרום אונדזער מקום־מקלט. אַ ליכטשיין פלאַקערט איבער אונדזערע פנימער, שאָטנס טאַנצן אויף דער וואַנט. צייטנווייז אַ טעמפּער קראַך, דאַן ציטערט די שאָפּע פליער־באָמבעס. איינמאָל הערן מיר פאַרהילכטע געשרייען. זיכער געטראָפן אין איינעם פון די באַראַקן.

פלימאַשינען רוישן; ס'הערט זיך דער טאַק—טאַק פון די האַרמאַטן. פון אונדז אָבער דרינגט נישט אַרויס קיין שום שיין, וואָס מ'זאָל אים זען.

אַזוי זיצן מיר זיך איינער אנטקעגן אַנדערן, קאַט און איך, צוויי זעלנער אין אויסגעריבענע מונדירן, בראָטנדיק אַ גאַנדז

אינמיטן נאַכט. מיר רעדן נישט קיין סך, אָבער מיר זענען פיל מיט צערטלעכקייט איינער פארן צווייטן, פיל מער לויט מיין מיינונג, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל. מיר זענען צוויי מענטשן, צוויי קליינע פונקן־לעבנס, אין דרויסן איז די נאַכט און דער קרייז פון טויט. מיר זיצן האַרט ביי זייער גרענעץ, אין סכנה און באַהאַלטן, איבער אונדזערע הענט טריפט פעטס, מיר זענען זיך גאָנץ מיט אונדזערע הערצער און די שעה איז ווי דער שטח: איבערן פלאַקער פון אַ רויקן פייער טראָגן זיך אַהין און אַהער די ליכט און די שאָטנס פון די עמפּינדונגען, פון די עמאָציעס. וואָס ווייס ער פון מיר — וואָס ווייס איך פון אים, פריער וואָלט קיין איינציקער פון אונדזערע געדאַנקען נישט געווען ענלעך — איצט זיצן מיר נעבן אַ גאַנדז און פילן אונדזער עקזיסטענץ און זענען זיך אַזוי נאָענט, אַז מיר ווילן גאָר וועגן דעם נישט רעדן.

עס דויערט לאַנג, ביז מען בראָט אָפּ אַ גאַנדז, אפילו ווען זי איז יונג און פעט. מיר בייטן זיך דעריבער. איינער באַגיסט זי, בעת דער אַנדערער שלאָפט דערווייל. ביסלעכווייז פאַרשפּרייט זיך אַ געשמאַקער ריח.

די גערוישן אין דרויסן ווערן אַמין קייט, אַ חלום, וואָס פאַרלירט אָבער נישט אינגאַנצן די דערינערונג. אין מיין דרימלען זע איך, ווי קאַט הייבט און לאָזט אַראָפּ די לעפל, איך האָב אים ליב, איך האָב ליב זיינע פּלייצעס, זיין שפּיציקע, איינגעבויגענע געשטאַלט — אין דערזעלבער צייט זע איך הינטער אים וועלדער און שטערן, און אַ גוטע שטים זאָגט ווערטער, וואָס גיבן מיר רויקייט, מיר אַ זעלנער, וואָס מיט זיינע גרויסע שטיוול און זיין אַמוניציע־פּאַסעק און זיין ברויט־טאָרבע גייט ער קליין אונטערן הויכן הימל דעם וועג, וואָס ליגט פאַר אים, אַ זעלנער, וואָס פאַרגעסט געשווינט און איז נאָר זעלטן טרויעריק, וואָס גייט תמיד ווייטער אונטערן גרויסן נאַכט־הימל.

אַ קליינער זעלנער און אַ גוטע שטים, און אַז מ׳זאָל אים אַ גלעט טאָן, וואָלט ער עס אפשר נישט געקאָנט פאַרשטיין, דער זעלנער מיט די גרויסע שטיוול און דאָס פאַרשאָטענע

האַרץ, וועלכער מאַרשירט, ווייל ער טראָגט שטיוול, און האָט לגמרי אַלץ פאַרגעסן אויסער דעם מאַרשירן. צי דען זענען היגטערן האַריזאָנט נישטאָ קיין בלומען און קיין לאַנדשאַפט, וואָס איז אַזוי שטיל, אַז ער וואָלט וועלן וויינען, דער זעלנער? צי שטייען דאָרט נישט קיין בילדער, וואָס ער האָט נישט פאַרלוירן, ווייל ער האָט זיי קיינמאָל נישט פאַרמאָגט, פאַרפירערישע, אָבער פאַר אים אויף אייביק פאַרלאָרענע? צי שטייען דאָרט נישט זיינע צוואַנציק יאָר?

איז מיין פנים נאַס, און וווּ בין איך? קאַט שטייט פאַר מיר, זיין ריזיקער איינגעהויקערטער שאָטן פאַלט אויף מיר און באַשיצט מיך. ער רעדט שטיל, ער שמייכלט און גייט צוריק צום פייער.

דערנאָך זאָגט ער:

— ס'איז פאַרטיק.

— יאָ, קאַט.

איך שאָקל זיך. אינמיטן חדר לויכט דער ברוינער בראָטן. מיר נעמען אַרויס אונדזערע צעגויפלייגבאַרע גאָפלען און אונדזערע טאַשן-מעסערס און יעדערער שניידט זיך אָפּ אַ שטיק. דערצו עסן מיר זעלנעריש-ברויט, וואָס מיר טונקען אין בראָטיוך. מיר עסן פּאַמעלעך מיט גרויס הנאה.

— ווי שמעקט עס דיר, קאַט?

— גוט! דיר אויך?

— גוט, קאַט.

— מיר זענען ברידער און רוקן אונטער איינער דעם אַנדערן די בעסטע שטיקער. דערנאָך רויכער איך אַ פּאַפּיראָס, קאַט אַ פּאַפּיראָס. ס'איז נאָך אַ סך איבערגעבליבן.

— וואָס זאָגסטו, קאַט, אפשר וואָלטן מיר אַוועקגעטראָגן אַ פּאָר שטיקלעך קראָפּן און טיאַדענען?

— געמאַכט, — זאָגט ער. מיר שניידן אָפּ אַ פּאָרציע און וויקלען זי איין פאָרזיכטיק אין צייטונגס-פּאַפּיר. דאָס איבעריקע ווילן מיר, אייגנטלעך, אַוועקטראָגן אין אונדזער באַראַק, אָבער קאַט לאַכט אויף און זאָגט בלויז:

— טיאַדען!

איך בין מסכּים, מיר מוזן דאָס גאַנצע נעמען. אַזוי לאָזן מיר זיך אויפן וועג צום היבער-שטאָל, כּדי ביידע אויפצוּוועקן. פריער פּאַקן מיר נאָך צונויף די פעדערן.

קראָפּ און טיאַדען נעמען אונדז אָן פּאַר אַ פּאַטאַ מאָרגאַ-נאַ*). דערנאָך קנאַקן זייערע מיילער. טיאַדען האַלט אַ פליגל מיט ביידע הענט אין מויל פּונקט ווי אַ מויל-האַרמאָניקע און קייט. ער זויפט דאָס פעטס פון טאָפּ און סמאַקעוועט:

— דאָס וועל איך אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

מיר גייען צוריק אין אונדער באַראַק. און אָט איז ווידער דער הויכער הימל מיט די שטערן און מיט דער מאָרגן-רויט-קייט, און איך גיי אונטער אים, אַ זעלנער מיט גרויסע שטיוול און אַ פולן מאָגן, אַ קליינער זעלנער, באַגינען — אָבער נעבן מיר, איינגעהויקערט און שפּיציק, גייט קאַט, מיין חבר.

די קאָנטורן פון באַראַק דערנעענטערן זיך צו אונדז אין דער טונקלקייט, ווי אַ שוואַרצער, גוטער שלאָף.

*) פּאַטאַ מאָרגאַנאַ — מיראַזש. אַן אָפּטישע דערשיינונג אין דער לופט.

VI

עפּעס מורמלט מען מכּוח אַן אָפּענסיווע.

מיר גייען צום פראָנט מיט צוויי טעג פריער ווי שטענדיק. אויפן וועג גייען מיר פאַרביי אַ צעשאָסענער שול-געביידע. לענגאויס איז אויפגעשטעלט אַ טאָפּעלע הויכע וואַנט פון גאַנץ נייע, העלע, אומגעהיבלעטע טרומנעס. זיי שמעקן נאָך מיט סמאָלע און וואַלד. ס׳זענען זיכער ביי אַ הונדערט שטיק.

— דאָס הייסט באמת זיך גוט צוגעגרייט צו דער אָפּענסיווע, זאָגט מילער דערשטוינט.

— דאָס איז פאַר אונדז, ברומט דעטערינג.

— באָלבע נישט, בייזערט זיך אויף אים קאַט.

— דו דאַרפסט זיין צופרידן, אַז דו קריגסט נאָך אַ טרומנע, כעסט זיך טיאַדען, פאַר דיר, פאַר דיין שיסביידל-פיגור האָבן זיי נישט מער ווי לייוונט-געצעלטן.

אויך די איבעריקע מאַכן וויצן, פוילע וויצן, וואָס האָבן מיר דען מער צו טאָן — די טרומנעס זענען דאָך פאַקטיש פאַר אונדז. אין אַזעלכע זאַכן קלאַפּט די אָרגאַניזאַציע.

פאָרנט רוישט און ברויזט עס אומעטום. אין דער ערשטער נאַכט פרווון מיר זיך צו אָריענטירן. אַזוי ווי עס איז גענוג שטיל קאָנען מיר הערן ווי עס ציען זיך, אומאויפהערלעך ביז פאַרטאָג, די טראַנספּאָרטן הינטערן געגנערישן פראָנט. קאַט זאָגט, אַז זיי טרעטן נישט אָפּ נאָר ברענגען צו מיליטער-מחנות, און אַמוניציע און האַרמאַטן.

די ענגלישע אַרטילעריע איז פֿאַרשטאַרקט, דאָס הערן מיר תּיכּף. רעכטס פֿון דער פֿערמע שטייען מינדעסטנס פֿיר באַטערייען 20,5, און הינטערן גרויסן בוימשטאַם זענען איינגעגראָבן מינען־וואַרפֿערס. אויסערדעם זענען צוגעקומען א געוויסע צאָל פֿון יענע קליינע פֿראַנצויזישע בעסטיעס מיט די צוגאָבציגנדערס.

מיר זענען אין אַ געדריקטער שטימונג. נאָכדעם ווי מיר זענען אָפּגעלעגן גאַנצע צוויי שעה נאָכאַנאַנד אונטער דער ערד, שיסט אונדזער אייגענע אַרטילעריע אין אונדזער שוצגראָבן. ס׳איז שוין דאָס דריטע מאָל אין משך פֿון פֿיר וואָכן. ווען דאָס זאָלן זיין בלויז צילפֿעלער וואָלט, באַטירלעך, קיינער קיין וואָרט נישט געזאָגט, די זאַך איז אָבער די, וואָס די רערען זענען שוין צו אַלט; די שאָסן זענען אַזוי ווייט אומזיכער, אַז זיי צעשיטן זיך ביז אונדזער פּאָזיציע אין דער נאַכט האָבן מיר צוליב דעם געהאַט צוויי פֿאַרוווּנדעטע.

*   *

*

דער פֿראָנט איז א שטייג, וווּ מ׳מוז נערוועז וואַרטן אויף דעם, וואָס ס׳וועט געשען. מיר ליגן הינטער די קראַטעס פֿון די גראַנאַטן־בויגנס און לעבן אין דער שפּאַנונג פֿון אומגעריכטן.

איבער אונדז שוועבט דער צופֿאַל. אַז עס קומט א שאָס, קאָן איך זיך אַנידערלייגן, דאָס איז אַלץ; וווּהין ער וועט פֿאַלן, דאָס קאָן איך געננוי נישט וויסן און זיין לויף נישט באַאיינפֿלוסן.

דערדאָזיקער צופֿאַל מאַכט אונדז טאַקע דעריבער לגמרי גלייכגילטיק. מיט עטלעכע חדשים צוריק בין איך געזעסן אין אַ שוצגראָבן און האָב געשפּילט סקאָט; אין א ווײַלע אַרום בין איך אויפֿגעשטאַנען און אַוועק באַזוכן באַקאַנטע אין אַן אַנדערן גרובן. אַז איך בין צוריקגעקומען, איז שוין פֿון ערשטן קיין זכר נישט געווען, ער איז דורך אַ שווערן טרעפֿער צעשמעטערט געוואָרן. איך בין צוריק אַוועק און אָנגעקומען פּונקט צו דער רעכטער

צייט, כדי מיטצוהעלפן אים אויפצוגראָבן. פאַר דער קורצער צייט איז ער פאַרשאָטן געוואָרן.

פונקט אַזוי צופעליק ווי איך ווער דערשאָסן, בלייב איך לעבן. אין באָמבן-זיכערן שוצגראָבן קאָן איך צעקוועטשט ווערן, און אויפן פרייען פעלד–בלייבן גאַנץ הינטער אַ צען-שעהדיקן פייקן-פייער. יעדער זעלנער בלייבט לעבן נאָר אַ דאַנק טויזנטער צופאַלן. און יעדער זעלנער גלויבט און האָט צוטרוי צום צופאַל.

מיר מוזן זען אַכטונג געבן אויף אונדזער ברויט. פאַר דער לעצטער צייט, זינט די גראָבנס זענען מער נישט אין דער געהעריקער אָרדענונג, האָבן זיך די שטשורעס אומגעהויער פאַרמערט. דעטערינג דערקלערט, אַז דאָס איז דער בעסטער סימן פון פאַרדאָרבענער לופט.

די שטשורעס זענען דאָ באַזונדערס עקלהאַפט, ווייל זיי זענען זייער גרויס. ס'איז יענער מין, וואָס מ'רופט זיי מתים-שטשורעס. זיי האָבן העסלעכע, בייזאַרטיקע, נאַקעטע פרצופים, און ס'כאַפּט ממש אַן אַ נישטגוטקייט, אַז מ'דערזעט זייערע לאַנגע, אויסגעקראָכענע עקן.

זיי ווייזן אויס צו זיין שטאַרק הונגעריק. כמעט ביי אַלע האָבן זיי צעפרעסן ס'ברויט. קראָפּ האָט עס איינגעוויקלט פעסט אין געצעלטלייוונט און אַרונטערגעלייגט צוקאָפּנס, און דאָך האָט ער אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן, ווייל זיי האָבן אים אַרומגעטאַנצט איבערן פנים, כדי צוצוקומען צום ברויט. דעטערינג האָט געוואָלט זיין איבערשפיציק; ער האָט צוגעבונדן צו דיזר דעקע אַ דינעם דראָט און אויפגעהאָנגען אויף אים זיין פעקל ברויט. אָנצינדנדיק אינמיטן נאַכט זיין טאַשנלעמפל, זעט ער ווי דער דראָט שאָקלט זיך אַהין און אַהער. אויפן ברויט זיצט רייטנדיק אַ פעטער שטשור.

ענדלעך פאַלן מיר אויף אַ המצאה. מ'מוז דאָך איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון זיי פּטור ווערן. די שטיקער ברויט, וואָס די חיה-לעך האָבן גענאָגט, שניידן מיר זאָרגפעלטיק אויס; אַוועקוואַרפן ס'ברויט קאָנען מיר בשום אופן נישט, ווייל מאָרגן וואָלטן מיר שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו עסן.

די אָפּגעשניטענע פינגער ליגן מיר צונויף אויפן רעכטן מיטן באָדן. יעדער איינער נעמט אַרויס זיין רידל און ליגט גרייט אויסגעצויגן: דעטעריגג, קראָפּ און קאַט האַלטן אָנגעגרייט זייערע טאַשן-לעמפּלעך.

אין עטלעכע מינוט אַרום דערהערן מיר ס'ערשטע שלינגען און גריזשען. ס'ווערט כסדר שטאַרקער און ס'זעען זיך אַ מאַסע קליינע פּיסלעך. און אַט בליצן אויף די טאַשן-לעמפּלעך, און אַלע וואַרפן זיך אויף דער שוואַרצער מחנה, וואָס טראָגט זיך אָפּ מיט אַ קוויטשעריי. דער דערפּאָלג איז גוט. מיר וואַרפן אַריבער די שטשורעס-טיילן איבערן גראָבן-ראַנד און לויערן ווידער.

די אַטאַקע געלינגט אונדז נאָך עטלעכע מאָל. די חיות האָבן זיך, ווי ס'שיינט, געכאַפּט אָדער דערשמעקט דאָס בלוט, זיי קומען נישט מער. נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי דאָך אויפן צווייטן טאָג אָפּגערוימט פון באָדן ס'איבערגעבליבענע ברויט.

אין שכנישן גראָבן זענען זיי אָנגעפאַלן אויף צוויי גרויסע קעץ און אַ הונט, צעביסן זיי צום טויט און אָנגעהויבן פרעסן.

אויפן צווייטן טאָג טיילט מען עדאַמער קעז; יעדער איינער באַקומט אַ פערט-חלק פון אַ קעז. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס גוט, ווייל עדאַמער קעז איז געשמאַק — אָבער ס'איז אויך אין אַ געוויסן זין נישט פריילעך, ווייל דידאָזיקע רויטע פּילקעס זענען פאַר אונדז אַ צייט נאָכאַנאַנד תמיד געווען דער אָנזאָג פון אַ שווערן שלימזל. אונדזער חשד פאַרשטאַרקט זיך, אַז מ'הויבט אונדז נאָך אָן צו טיילן שנאַפּס. פאָרלויפיק טרינקען מיר, אָבער אויפן האַרצן איז קאַלעמוטנע.

אין משך פון טאָג מאַכן מיר געוועט-שאָסן אויף שטשורעס און שלעפן זיך אַרום. ס'פאַרגרעסערט זיך ס'צוגרייטן פון פּאַטראָנען און האַנט-גראַנאַטן. די באַגנעטן רעווידירן מיר אַליין. ס'זענען נעמלעך פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען פון דער טעמפּער זייט געמאַכט ווי אַ זעג. אַז יענע דאָרט אויבן זענען עמעצן דערמיט מכבד, איז ער אַן אָפּגעקלאָגטער אויף זיין גאַנץ לעבן. אין שכנישן פראָנט-טייל האָבן מיר געפונען אונדזערע מענטשן,

וואָס מיט דירעקציע זעג-זייטנגעווער האָט מען זיי אָפּגעשניטן די נעזער און אויסגעשטאָכן די אויגן. דערנאָך האָט מען זיי אָנגעפילט דאס מויל און די נאָז מיט זעג-שפּענדלעך און אויף אַזאַ אויפן דערשטיקט.

עטלעכע רעקרוטן האָבן נאָך עטלעכע זייטן-געווער; מיר נעמען זיי אָפּ און באַזאָרגן זיי מיט אַנדערע.

ס'זייטן-געווער האָט איצט לכל הדעות אַ שטאַרק קלענערע באַדייטונג. ביים שטורמען איז איצט אין דער מאָדע זיך צו באַנוצן בלויז מיט גראַנאַטן און שפּאַדן. דער אָנגעשאַרפטער שפּאַדן איז אַ לייכטער און פילזייטיקער געווער. מ'קאָן אים נישט בלויז אַרונטערזקן אונטערן מאָרדע, נאָר קודם-כּל דערמיט שלאָגן, דאָס האָט מער געוויכט; איבערהויפּט, אַז מ'טרעפט אין דער קווער, צווישן אַקסל און האַלדז, שפּאַלט מען דורך גאַנץ לייכט ביז צו דער ברוסט. ס'זייטן-געווער בלייבט ביים שטערן גאַנץ אָפט שטעקן, מ'מוז יענעם פריער מ'טן גאַנצן כּוח דערלאַנגען אין בויך, ביז מ'קריגט עס אַרויס צוריק. אויסערדעם ברעכט זיך עס אָפטמאָל אָפּ.

ביי נאַכט ווערט אָנגעבלאָזן גאַז. מיר וואַרטן אויפן אָנגריף און ליגן מיט די מאַסקעס פאַרטיק, גרייט זיי אַראָפּצורייסן ווי נאָר ס'באַווייזט זיך דער ערשטער שאָטן.

ס'טאָגט, אָבער ס'איז נאָך אַלץ קיין זאַך נישט פאָרגעקומען. נאָר כּסדר דער נערוון-צעררייסנדיקער קנאַקן אויבן, צוגן, צוגן, משא-וועגענער, משא-וועגענער. וואָס קאָנצענטרירט זיך דאָרט? אונדזער אַרטילעריע פייערט כּסדר אַריבער, אָבער ס'הערט נישט אויף, ס'הערט נישט אויף. —

מיר האָבן פאַרמאַטערטע פּנימער און קוקן נישט איינער אויפן צווייטן.

— ס'ווערט אַזוי ווי ביי דער סאָמע, ווו מיר האָבן שפּעטער געהאַט זיבן טעג און זיבן נעכט פויקן-פייער — זאָגט קאַט טרויעריק.

ער האָט מער נישט קיין וויצן, זינט מיר זענען דאָ, און דאָס איז שלעכט, ווייל קאַט איז אַן אַלטער פראָנט-חזיר, וואָס

האָט אַ חוש. נאָר טיאַדען פרייט זיך מיט די גוטע פּאַרציעס און מיטן ראָם; ער מיינט אפילו, אַז מיר וועלן זיך גאַנץ רויק אומ־קערן, ס׳וועט קיין זאַך נישט פּאַרקומען,

עס זעט כמעט אַזוי אויס. ס׳גייט פאַרביי אַ טאָג נאָך אַ טאָג. איך זיץ ביי נאַכט אין לאָך אויף דער וואך זיך צו צוהערן. איבער מיר טראָגן זיך אַרויף און אַראָפּ די ראַקעטן און לייכט־שירעמס. איך בין פאַרזיכטיק און געשפּאַנט, מיין האַרץ קלאַפּט. מיין אויג ליגט כסדר אויפן זייגער מיטן לייכטנדיקן ציפערבלאַט; דער ווייזער וויל זיך נישט רוקן. דער שלאָף מאַטערט מיך, איך באַוועג די גראָבע פינגער אין די שטיוול, כדי צו בלייבן וואַ־כעדיק. קיין זאַך געשעט נישט, ביז מ׳קומט מיך פאַרביטן; —

בלויז דאס אומאויפהערלעכע האַקן דאָרט אויבן. מיר ווערן ביסלעכווייז רויק אין שפּילן שטענדיק סקאַט. אפשר האָבן מיר גליק.

דער הימל איז גאַנצע טעג פול באַהאָנגען מיט קייטן־באַלאָנען. מ׳דערציילט, אַז פון אויבן וועלן אַהערגעבראַכט ווערן טאַנקס און, בעתן אָנגריף, — אינפאַנטעריע־פליער. די מעשיות אינ־טערעסירן אונדז אָבער ווייניקער, ווי דאָס, וואָס מ׳דערציילט וועגן נייע פלאַמען־וואַרפערס.

* *

*

אינמיטן נאַכט כאַפּן מיר זיך אויף. ס׳ציטערט די ערד, אַ שווער פייער ליגט איבער אונדז. מיר פאַררוקן זיך אין די ווינקלען. מיר קאָנען אונטערשיידן קוילן מכל המינים.

יעדערער כאַפּט זיך פאַר זיינע זאַכן און וויל יעדן מאָ־מענט וויסן צי זעגען זיי נאָך דאָ. דער שוצגראָבן טרייסלט זיך. די נאַכט איז פול מיט שטורעם און בליצן. ביים סעקונדנלאַנגן שיין קוקן מיר זיך אָן און שאָקלען מיט די קעפּ, מיט בלייכע פנימער און פאַרביסענע ליפּן.

יעדער איינער פילט עס מיט, ווי די שווערע קוילן רייסן אַוועק די נידעריקע גראָבן־ווענט, ווי זיי גראָבן דורך די וואַלן און צעשמעטערן די אויבערשטע בעטאָן־קלעצער. מיר מערקן

דעם טעמפּערן, ווילדן קלאַפּ, וואָס איז ענלעך. ווען דער שאָס פּאַלט אין גראָבן, אויפן קלאָען פון אַ צעווילדעוועטער רויבחיה. אינדערפרי זענען עטלעכע רעקרוטן אינגאַנצן גרין און זיי ברעכן.

פּאַמעלעך רייסט זיך אַריין אין גראָבן אַ נודנער גרויער שיין און מאַכט בלייכער די שאָס-בליצן. ס'קומט דער פרימאָרגן. איצט מישן זיך צונויף מיטן אַרטילעריע-פייער עקספּלאָדירנדיקע מינעס. ס'איז דער העכסטער שגעון פון דערשיטערונג, וואָס דאָ קומט פאָר. דאָרט ווו זיי לאָזן זיך אַראָפּ—איז אַ מאַסן-קבר.

די, וואָס דאַרפן פאַרבייטן, גייען אַרויס, די באַאָבאַכטער שלעפּן זיך אַריין, ציטערנדיקע, באַוואָרפענע מיט שמוץ. אייגער רוקט זיך שווייגנדיק אַריין אין אַ ווינקל און עסט, דער אַנדערער, אַן ערזאַץ-רעזערוויסט כליפּעט; דורכן לופטדרוק פון דער עקספּלאָזיע איז ער צוויי מאָל געפלויגן איבערן אויבערשטן טייל פון פעסטונגס-וואַל און האָט געכאַפּט נישט מער ווי אַ נערוון-דערשיטערונג.

די רעקרוטן קוקן זיך צו אים צו. אַזאַ מין זאַך איז זייער אנשטעקנדיק, מיר מוזן אַכטונג געבן, פאַרשידענע ליפּן הויבן שוין אָן צו פלאַטערן. גוט איז וואָס ס'ווערט טאָג; אפשר קומט דער אָנגריף פאַרמיטאָג.

דאָס פייער ווערט נישט שוואַכער. ס'ליגט אויך הינטער אונדז. ווי ווייט מ'קאָן זען, שפּריצן טינוף — און אייזן-פאָנטאַנען. אַ זייער ווייטער ש[illegible] ווערט באַשמירט.

דער אָנגריף קומט נישט, אָבער די שיסערייי הערט נישט אויף. ביסלעכווייז ווערן מיר טויב. קיינער רעדט שוין כמעט נישט. מ'קאָן שוין אויך איינער דעם אַנדערן נישט פאַרשטיין.

אונדזער גראָבן איז כמעט פאַרשוווּנדן. אויף אַ סך ערטער איז ער בלויז אַ האַלבער מעטער הויך, ער איז דורכגעבראָכן פון לעכער, פּאַסן און ערדבערג. האַרט פאַר אונדזער גראָבן פּלאַצט אַ גראַנאַט. מאָמענטאַל ווערט טונקל. מיר זענען צוגעשאָטן און מוזן זיך אַרויסגראָבן. אין אַ שעה אַרום איז דער אַריינ-

גאַנג צוריק אָפּן, און מיר זײַנען אַביסל געפּאַסטער, ווײַל מיר האָבן געהאַט אַרבעט.

אונדזער קאָמפּאַניעפירער קלעטערט אַרײַן און גיט איבער, אַז צוויי שוצגראָבנס זענען פאַרשוווּנדן. די רעקרוטן באַרויקן זיך, אַז זיי זעען אים. ער זאָגט, אַז הײַנט אין אָוונט וועט מען פּרוּוון אַרײַנברענגען עסן.

דאָס קלינגט ווי אַ טרייסט. קיינער האָט וועגן דעם נישט געקלערט, אויסער טיאַדען. איצט רוקט זיך עפּעס ווידער צו נענטער פון דרויסן; — אויב מ׳זאָל ברענגען עסן, קאָן עס דאָך שוין נישט זײַן אַזוי שלעכט, טראַכטן די רעקרוטן. מיר שטערן זיי נישט, מיר ווייסן, אַז עסן איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי אַמוניציע און מוז דעריבער פאַרשאַפט ווערן.

ס׳גיט זיך אָבער נישט אײַן. אַ צווייטע גרופּע פּרוּווט זיך, קערט זיך אָבער אויך אום מיט ליידיקע הענט. ענדלעך נעמט זיך קאַט דערצו, אָבער אויך ער קאָן גאָרנישט אויפטאָן. קיינער קאָן זיך נישט דורכרייסן, קיין שום הונט-עק איז נישט געניג שמאָל פאַרן דאָזיקן פייער.

מיר פאַרציִען ענגער אונדזערע לעדערנע-פּאַסקעס און קייען יעדן ביסן דריי מאָל אַזוי לאַנג. אָבער ס׳העלפט ווייניק. מיר האָבן פאַרפלוכטע קרויט. איך באַהאַלט אַ שטיקל, דאָס ווײַכע עס איך אויף, דער ראַנד בלײַבט אין ברויט-טאָרבע, פון צײַט צו צײַט בײַס איך אָפּ אַ שטיקעלע.

§ *

*

די נאַכט איז נישט אויסצוהאַלטן. מיר קאָנען נישט שלאָפן, מיר זיצן ווי פאַרחלומטע מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. טיאַדען באַדויערט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוואָרפן פאַר די שטשורעס דאָס אָנגעריבענע ברויט. מיר האָבן עס רויק געדאַרפט אויפהויבן. יעדער איינער וואָלט עס איצט געגעסן. וואַסער פעלט אונדז אויך, אָבער נאָכנישט אַזוי שטאַרק.

באַגינען, ס׳איז נאָך טונקל, הויבט זיך אָן אַן אויפרעגונג. דורכן אַרײַנגאַנג רײַסט זיך אַרײַן אַ מחנה אַנטלויפנדיקע שטשו-

רעס און טאַנצן אַרויף אויף די ווענט. די טאַשן-לאַמפּלעך באַ-
לויכטן די מהומה. אַלע שרייען און שעלטן און שלאָגן. ס'איז
דער אויסברוך פון ווילדן צאָרן, פון לאַנגע שעהן פאַרצווייפלונג,
וואָס פּלאַצט איצט אויף. די פּנימער זענען אָנגעשטעלט, די הענט
שלאָגן, די חיות קוויטשען, ס'איז פּשוט אוממעגלעך אויפצוהערן,
איינער אויפן צווייטן איז כּמעט גרייט אָנצופאַלן.

דער אויסברוך האָט אונדז פאַרמאַטערט. מיר ליגן און
וואַרטן ווידער. ס'איז ממש אַ וווּנדער, וואָס אונדזער אָקאָפּ
האָט נאָך נישט קיין פאַרלוסטן. ער איז איינער פון די ווינצי-
קע טיפע גראָבנס, וואָס זענען נאָך ביז איצט געבליבן.

אַן אונטעראָפיציר קריכט אַריין. ער האָט ביי זיך אַ ברויט.
דריי מענטשן האָט עס אָפּגעגליקט ביינאַכט זיך אַדורכצורייסן
און ברענגען אַ ביסל פּראָוויאַנט. זיי האָבן דערציילט, אַז דאָס
פייער ציט זיך מיט אַן אוממאויפהערלעכער קראַפט ביז צו די
אַרטילעריע-אָפּטיילונגען. ס'איז פּשוט אומפאַרשטענדלעך פון
וואַנען נעמען יענע אויבן אַזוי פיל האַרמאַטן.

מיר מוזן וואַרטן. מיטאָגסצייט פּאַסירט דאָס, אויף וואָס
איך האָב זיך שוין געריכט. איינער פון די רעקרוטן באַקומט
אַן אַטאַק. איך האָב זיך שוין לאַנג צו אים צוגעקוקט, ווי ער
באַוועגט אומרויִק די ציין, עפנט און פאַרמאַכט די פויסטן.
דידאָזיקע ווילדע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן זענען אונדז שוין
גוט באַקאַנט. אין די לעצטע שעהן איז ער נאָר כּלומרשט
שטילער געוואָרן. ער איז צעבראָכן ווי אַ דורכגעפוילטער בוים.
שטיל קריכט ער דורך דעם צימער, פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע
און טוט זיך אַ וואָרף צום אַרויסגאַנג. איך פאַרשטעל אים דעם
וועג און פרעג:

— ווּהין ווילסטו גיין?

— איך קום גלייך צוריק, זאָגט ער און וויל זיך פאַר מיר
אַרויסדרייען.

— וואַרט נאָך צו, דאָס פייער וועט שוין באַלד אויפהערן.
ער הערט זיך צו און דאָס אויג ווערט אויף אַ מאָמענט

קלאָר. באַלד באַקומט עס אַבער צוריק דעם טריבן גלאַנץ, ווי בײַ א משוגענעם הונט, ער שווייגט און שטויסט מיך אַוועק.

— איין מינוט, חבר, שריי איך. קאָט ווערט אויפמערק־זאַם. גראָד אין מאָמענט, ווען דער רעקרוט שטויסט מיך אַוועק, כאַפּט ער אים אָן און מיר האַלטן אים פעסט.

ער הייבט תיכּף אָן צו ווילדעווען: „לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אַרויס, איך וויל אַרויס!"

ער הערט גאָרנישט און האַקט אויף אַלע זייטן. דאָס מויל איז נאַס און וואַרפט ווערטער, האַלב פאַרשלונגענע, זינלאָזע ווערטער. ס'איז אַן אַטאַק פון אָקאָפּעס־שרעק. ער האָט דאָס געפיל, אַז ער ווערט דאָ דערשטיקט, און ער האָט בלויז איין פאַרלאַנג: פון דאַנען זיך אַרויסצורייסן. ווען מ'זאָל אים אַרויסלאָזן, לויפט ער פון דאַנען אָן שום שוץ, וווהין די אויגן וועלן אים טראָגן. ער איז נישט דער ערשטער.

אַזוי ווי ער איז שוין זייער ווילד און די אויגן פאַרדרייען זיך שוין, העלפט שוין נישט קיין שום זאַך; מיר מוזן אים קאַטעווען, כּדי ער זאָל זיך באַרויקן. מיר טוען עס געשווינט און אומבּרחמנותדיק און דערגרייכן, אַז פאָרלויפיק זיצט ער ווידער שטיל. די איבעריקע זענען ביי דער געשיכטע געוואָרן בלייך חי קאַלך; ס'שיינט, אַז דאָס וועט זיי אָפּשרעקן. דערדאָזיקער פויקן־פייער איז צופיל פאַר די עלנטע יאַטן; זיי זענען פון דעפּאָ פאַר פעלד־רעקרוטן דירעקט אַריינגעפאַלן אין דאָזיקן גיהנום, וואָס קאָן אפילו אַן עלטערן מענטשן גראָ מאַכן.

די שטיקנדיקע לופט פאַלט אונדז נאָך דערדאָזיקער מעשה נאָך שטאַרקער אויף די נערוועוּ. מיר זיצן ווי אין אַ קבר און וואַרטן נאָר מ'זאָל אונדז פאַרשיטן.

פּלוצלונג דונערט עס און בליצט אומגעהייער, דער אָקאָפּ קנאַקט פון אַלע זייטן אונטערן שטורם פון אַן אַריינגעטראָפענעם גראַנאַט, צום גליק אַ לייכטן, וואָס די בעטאָן־קלעצער האָבן אים אויסגעהאַלטן. עס קנאַקט מעטאַליש און מוראדיק. די ווענט טרייסלען זיך, ביקסן, היטלען, ערד, מיסט און שטויב, אַלץ פליט אין דער לופטן, ס'רייסט זיך אַריין אַ געדיכטער רויך

פול שוועבל, ווען מיר זאָלן איצט, אנשטאט דעם פעסטן אָקאָפּ, זיך געווען געפונען אין אַ מין לייכטן אָקאָפּ, ווי מען מאַכט עס איצט, וואָלט שוין זיכער פון אונדז אַלע קיין זכר נישט געבליבן.

אָבער אפילו אַזוי איז די ווירקונג אויך געווען שלעכט. דער רעקרוט פון פריער ווילדעוועט שוין אויפסניי, און צו אים שטייען צו נאָך צוויי נייע. איינער רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט. מיר מאַטערן זיך מיט די צוויי אַנדערע. איך וואַרף זיך נאָכן אַנטלויפנדיקן און קלער, צי זאָל איך אים שיסן אין די פיס, צי נישט; און אָט הייבט עס אָן צו פייפען, איך טו אַ פאַל אויף דער ערד, און אַז איך שטיי אויף, איז די גראָבן-וואַנט אויסגעפלאַסטערט מיט הייסע גראַנאַט-שפּליטערן, פלייש-פאַסן און מונדיר-שמאַטעס. איך קלעטער צוריק.

דער ערשטער, ווי עס ווייזט אויס, איז באמת משוגע געוואָרן. אַז מ׳לאָזט אים אָפּ, האַקט ער זיך ווי אַ באָק מיטן קאָפּ אין וואַנט. ביינאַכט וועלן מיר מוזן פּרוּוון אים אַריבערטראַנספּאָרטירן הינטערן פראָנט. פאָרלויפיק בינדן מיר אים אַזוי פעסט, אַז בעת אַן אַטאַקע זאָל מען אים קאָנען לייכט אויפבינדן.

קאַט לייגט פאָר צו שפּילן סקאַט; — וואָס זאָל מען טאָן — אפשר וועט ווערן עטוואָס לייכטער. ס׳איז אָבער אַ נעכטיקער טאָג, מיר הערן זיך צו צו יעדן קלאַפּ, וואָס איז נאָענט, און פאַרציילן זיך ביי די „אויגן" אָדער מיר זענען זיך טועה אין קאָליר. מיר מוזן אַוועקוואַרפן דאָס שפּילן. מיר זיצן ווי אין אַ געוואַלטיק הילכיקן קעסל, אויף וועלכן מען האַקט אָן אויפהער פון אַלע זייטן.

נאָך אַ נאַכט. מיר זענען איצט ווי פאַרטעמפּט פון שפּאַנונג. עס איז אַ טויטע שפּאַנונג, וואָס קראַצט ווי אַ שאַרף מעסער לענגאויס אונדזער חוט-השדרה. די פיס דינען נישט מער, די הענט ציטערן, דער קערפּער איז אַ דינע הויט איבער אַ שווערלעך אונטערדריקטן שגעון, איבער אַן אומגעשטערט ווילדן ליאַרם אָן אַ סוף און אָן אַ עק. מיר האָבן נישט מער נישט קיין פלייש און נישט קיין מוסקולן, מיר קאָנען שוין מער

איינער דעם אַנדערן נישט אָנקוקן, ווייל מיר האָבן מורא פאַר עפּעס אויסטערלישס. אַזוי פאַרבייסן מיר די ליפּן — ס'וועט אַריבערגיין — ס'האָט אַריבערגיין — אפשר וועלן מיר דאָך איבערקומען.

* * *

מיטאַמאָל הערט אויף דער נאָנטער שטורם. דאָס פייער דויערט ווייטער, עס האָט זיך אָבער אָפּגערוקט אויף צוריק, אונדזער אָקאָפּ איז פריי. מיר טוען אַ נעם די האַנטגראַנאַטן, וואַרפן זיי פאַרן אָקאָפּ און שפּרינגען אַרויס. דאָס פויקן-פייער האָט אויפגעהערט, דערפאַר ליגט אונטער אונדז אַ שווער שפּאַר-פייער, די אַטאַקע איז אין גאַנג.

קיינער וואָלט נישט געגלויבט, אַז אין דעמדאָזיקן צעגראָבענעם מדבר זאָלן זיך נאָך קאָנען געפינען מענטשן; אָבער איצט באַווייזן זיך אומעטום פון גראָבן אַרויס די שטאָל-היטלען און פופציק מעטער ווייט פון אונדז איז שוין אויפגעשטעלט אַ קוילנוואַרפער, וואָס וועט תיכף אָנהייבן בילן.

די דראָט-פאַרצוימונגען זענען צעפליקט. אָבער דאָך האַלטן זיי זיך נאָך. מיר זעען ווי עס גייט די שטורעמדיקע מחנה.

אונדזער אַרטילעריע שיסט מיט פייער. קוילנוואַרפערס קנאַקן, ביקסן האַקן. פון יענער זייט נעמט מען זיך צו דער אַרבעט, האַיע און קראַפּ הייבן אָן מיט די האַנט-גראַנאַטן. זיי וואַרפן אַזוי גיך, ווי זיי קאָנען נאָר.

האַיע וואַרפט זעכציק מעטער ווייט, קראַפּ פופציק, דאָס איז אויסגעפּרוווט און וויכטיק. יענע דאָרטן, אויבן, קאָנען ביים לויפן נאָר דאַן עפּעס אויפטאָן, ווען זיי געפינען זיך אויף אַ שטח פון דרייסיק מעטער.

מיר דערקענען די צעיושעטע פנימער, די פלאַכע היטלען. דאָס זענען די פראַנצויזן. זיי דערגרייכן די רעשטלעך פון די דראָט-פאַרצוימונגען און האָבן שוין אָנזעעוודיקע פאַרלוסטן. אַ גאַנצע ריי ווערט צוועקגעלייגט דורכן קוילנוואַרפער האַרט

נעבן אונדז; מיר האָבן אַ סך טראַנספּאָרט־שטערונגען, און זיי קאָמען צו נענטער.

איך זע ווי איינער פון זיי וואַרפט זיך אויף אַ שפּאַנישן רייטער. דאָס פּנים אויפגעהויבן הויך, דער קערפּער לאָזט זיך אַראָפּ, די הענט בלייבן הענגען ווי ער זאָל זיך קלויבן מתפּלל צו זיין. דערנאָך פאַלט דער קערפּער אינגאַנצן אַראָפּ און נאָר די אָפּגעשאָסענע הענט מיט די שטיקלעך אָרעמס הענגען אויפן דראָט.

אין מאָמענט, ווען מיר גייען צוריק, הייבן זיך אויף פון דער ערד דריי געזיכטער. הינטער איינס פון די היטלען, אַ טונקעלע שפּיציקע באָרד און צוויי אויגן. אין משך פון אַ משוגענעם מאָמענט ווילדעוועט די גאַנצע שלאַכט ווי אַ צירק אַרום מיר, און דידאָזיקע ביידע אויגן — נאָר זיי אַליין זענען באַוועגונגסלאָז; דערנאָך טוט זיך אַ הייב אויף דער קאָפּ, אַ האַנט, אַ באַוועגונג, מיין האַנטגראַנאַט פליט אַריבער, אַריין אין אים.

מיר לויפן צוריק, רייסן זיך שפּאַנישע רייטער אין אָקאָפּ אַריין און לאָזן פאַלן הינטער זיך אויסגעשאָסענע האַנטגראַנאַטן, וואָס זיכערן אונדז אַ פייערדיקן ריקצוג.

פון דער נאָנטסטער פּאָזיציע אַרויס פייערן די קוילן־וואַרפּערס.

מיר זענען געוואָרן געפערלעכע חיות. מיר קעמפן נישט, מיר פאַרטיידיקן זיך קעגן דער פאַרניכטונג. מיר שלײַדערן די גראַנאַטן נישט אין מענטשן, וואָס ווייסן מיר דען אין דעם מאָמענט מכּוח דעם, דאָרט, הינטער אונדז, העצט מיט הענט און היטלען דער טויט,—עס איז ערשט דריי טעג ווי מיר קאָנען אים צום ערשטן מאָל קוקן אין פּנים אַריין, ס׳איז ערשט דריי טעג ווי מיר קאָנען זיך צום ערשטן מאָל קעגן אים ווערן, אין אונדז ברענט אַ משונהדיק ווילדער צאָרן,—מיר ליגן נישט מער וואַרטנדיק אָנמעכטיק אויפן עשאַפּאָט.—מיר קאָנען צעשטערן און טויטן, כּדי זיך צו ראַטעווען, כּדי זיך צו ראַטעווען און נקמה צו נעמען.—

מיר באַהאַלטן זיך אין יעדן ווינקל, הינטער יעדן געשטעל פון שטעכעדיקן דראָט און וואַרפן די אָנקומענדיקע פאַר די פיס בינטלעך אויפרייס־מאַטעריאַל, איידער מיר אַנטלויפן. דאָס

טראַסקען פון די האַנט-גראַנאַטן, שיסט קי־אַפּשפּיל אין אונדזערע אָרעמס. אין אונדזערע פיס, איינגעהויקערטע לויפן מיר ווי קעץ, פאַרגאָסן פון דערדאָזיקער כוואַליע, וואָס טראָגט אונדז, וואָס מאַכט אונדז פאַר אכזרים, פאַר גזלנים, פאַר מערדער, פאַר טייוולאָנים, פון אפילו; פון דערדאָזיקער כוואַליע, וואָס פאַרפילפאַכט אונדזער קראַפט אין אַנגסט און ווילדן צאָרן און לעבנס-גיריקייט, וואָס זוכט פאַר אונדז רעטונג און קעמפט זי אויס. זאָל דיין לייבלעכער פאָטער קומען מיט יענע דאָרט פון אויבן, קיין איין מאָמענט וואָלסטו זיך נישט וואַקלען צו וואַרפן אים די קויל אין ברוסט אַריין!

*   *

*

עס קומט מיטאָג-צייט. די זון ברענט ווי פייער, דער שווייס בייסט אונדז אין די אויגן, מיר ווישן אים אויס מיט די אַרבל, אָפטמאָל זעט זיך אויף אים בלוט. עס דערזעט זיך דער ערשטער, אַביסל בעסער דערהאַלטענער גראָבן. ער איז פאַרנומען און צוגעגרייט פאַר דער קאָנטער-אַטאַקע. ער נעמט אונדז אַריין. אונדזער אַרטילעריע אַרבעט מיט אַלע כוחות און לאָזט נישט צו דעם אָנגריף.

די רייען הינטער אונדז שטייען אָפּ, קאָנען נישט גיין ווייטער. די אַטאַקע ווערט צעשפּליטערט דורך אונדזער אַרטילעריע. מיר לויערן. דאָס פייער שפּרינגט הונדערט מעטער ווייטער, און מיר רייסן זיך ווידער פאָרויס. נעבן מיר ווערט ביי אַ יעפרייטער אָפּגעריסן דער קאָפּ. ער לויפט נאָך עטלעכע טריט און דאָס בלוט שפּריצט ביי אים ווי אַ פאָנטאַן פון האַלדז אַרויס.

צו קיין האַנט-שלאַכט דערגייט נישט, יענע מוזן זיך צוריקציִען

מיר קומען צו צוריק צו אונדזערע גראָבנס און גייען איבער זיי פאָרויס.

אָ, דאָסדאָזיקע אומקערן זיך! מען האָט דערגרייכט די שיצנדיקע רעזערוו-פּאָזיציעס, מ׳וואָלט וועלן אַהין אַריינקריכן,

פאַרשווינדן; — און מען מוז זיך אויסדרייען און ווידער אַריין אין יענעם שרעקלעכן גיהנום. וואָלטן מיר אין דעם מאָמענט נישט געווען קיין אויטאָמאַטן, בלייבן מיר ליגן פאַרמאַטערט, ווילגלאָז. אָבער מיר ווערן ווידער מיטגעצויגן, ווילנלאָז און דאָך משוגה־דיק ווילד און צערייצט, מיר ווילן טויטן, ווייל יענע דאָרט זע־נען איצט אונדזערע דם־שונאים, אונדזערע טויט־פיינט, זייערע ביקסן און גראַנאַטן זענען געווענדט קעגן אונדז, אויב מיר פאַרניכטן נישט זיי, פאַרניכטן זיי אונדז!

די ברוינע ערד, די צעריסענע, צעפליקטע ברוינע ערד, שימערירנדיק פעטלעך אונטער די זונען־שטראַלן, איז דער באָדן פון אַ אומגעהויער פאַרטעמפטן אויטאָמאַטישן צושטאַנד. אונדזער קייכן איז ווי דאָס סקריפּן פון אַ פעדער. די ליפּן זענען טרוקן, דער קאָפּ איז נאָך זייער פוסט ווי נאָך אַ גאַנצע נאַכט שכורן — אַזוי שלעפּן מיר זיך ווייטער, און אין אונדזערע דורכגעזיפּטע, דורגעלעכערטע נשמות עגבערט שמערצלעך, אומאויפהערלעך, דאָס בילד פון דער ברוינער ערד מיט דער פעטלעכער זון און די טויטע און גוססדיקע זעלנער, וואָס וואַלגערן זיך דאָ אַרום, וואָס כאַפּן אונדז אָן פאַר די פיס און שרייען, בעת מיר שפרינגען אי־בער זיי אַריבער.

מיר האָבן לגמרי פאַרלאָרן דאָס געפיל איינער פאַרן אַנ־דערן, מיר קענען זיך שוין כמעט נישט, בעת אונדזער געיאָג־טער בליק פאַלט אויפן צווייטנס בילד. מיר זענען פאַרגליווערטע מתים, וואָס דורך אַ מין קונץ, דורך אַ געפערלעכן כשוף קאָנען זיי נאָך לויפן און טויטן.

אַ יונגער פראַנצויז שטייט אָפּ, מ׳כאַפּט אים, ער הייבט די הענט, אין איינער האָט ער נאָך אַ רעוואָלווער — מ׳ווייסט נישט, צי חיל ער שיסן, אָדער זיך אונטערגעבן, — אַ קלאַפּ מיט אַ שווערד צעשפּאַלט אים דאָס פּנים. אַ צווייטער זעט עס און פּרוווט אַנטלויפן, אַ באַגנעט שטעכט זיך אים אַריין אין רוקן. ער שפרינגט אינדערהויך, און מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, שריי־ענדיק מיט די לעצטע כוחות, לויפט ער ווייטער, אין זיין רוקן שאָקלט זיך דער באַגנעט. אַ דריטער וואַרפט אַוועק דאָס געווער,

פאַלט אַנידער מיט די הענט אויף די אויגן. ער גיט זיך איבער מיט נאָך עטלעכע געפאַנגענע, כדי אַוועקצוטראָגן די פאַרוווּנדעטע.

פאַרפאָלגנדיק, קומען מיר פלוצלונג צו צו די פײַנטלעכע פּאָזיציעס.

מיר זענען אַזוי נאָענט הינטערן אָפּטרעטנדיקן קעגנער, אַז אונדז געלונגט כמעט אָנצוקומען צוזאַמען מיט אים. דעריבער האָבן מיר קליינע פאַרלוסטן. אַ קוילנוואַרפער האַקט, ווערט אָבער דורך אַ האַנטגראַנאַט דערלײדיקט. די פּאָר סעקונדן זענען אָבער געווען גענוג, אונדז מכבד צו זיין מיט פינף בויכשאָסן. אייבעם פון די שיסער ביי דעם קוילנוואַרפער, וואָס איז געבליבן נישט פאַרוווּנדעט, צעהאַקט קאַט מיט אַ קאָלבע אויף פּיץ-פּיצלעך דאָס פּנים. די איבעריקע דערשטעכן מיר נאָך איידער זיי באַוויזן אַרויסצונעמען זייערע האַנטגראַנאַטן. דערנאָך זויפן מיר דורשטיק דאָס פרישע וואַסער.

אומעטום קנאַקן דראָט-צוואַנגען, ליאַרעמען ברעטער איבער די פאַרשטעלטע וועגן. מיר שפּרינגען דורך די שמאָלע צוגענג אין די אָקאָפּעס אַריין. האַיע רוקט אַריין אַ ריזיקן פראַנצויז אין האַלדז אַריין זיין שווערד און וואַרפט דעם ערשטן האַנט-גראַנאַט; מיר באַהאַלטן זיך עטלעכע סעקונדן הינטער אַ וואַל, דערנאָך ווערט ליידיק דאָס גלייכע שטיק גראָבן. קוועראיבערן ווינקל פייפט אַ צווייטער שאָס און שאַפט אַ פרייען וועג, פאַרביילויפנדיק פאַלן אין די שוצגראַבנס פאַרשידענע אויפרייס-שטאָפן, די ערד טרייסלט זיך, עס קנאַקט, דאַמפט און קרעכצט, מיר שטרויכלען איבער גליטשיקע שטיקער פלייש, איבער ווייכע קערפּערס, איך פאַל אריין אין אַ צעריסענעם בויך, אויף וועלכן עס ליגט אַ ניי, זויבער אָפיצירן-היטל.

דער קאַמף שטעלט זיך אָפּ, די פאַרבינדונג מיטן שונא איז איבערגעריסן. אַזוי ווי דאָ קאָנען מיר זיך לאַנג נישט האַלטן, ווערן מיר אונטערן שוץ פון אונדזער אַרטילעריע, צוריקגעפירט אויף אונדזערע פּאָזיציעס. ווי נאָר מיר דערוויסן זיך וועגן דעם, וואַרפן מיר זיך מיט דער גרעסטער איילעניש אין די נאָענטסטע אָקאָפּעס, כדי צו פאַרכאַפּן מיט זיך אַ ביסל קאָנסערוון, וועלכע

מיר זעען פינדערגייטס, קודם־כּל אָבער די פּושקעס פלייש און פּוטער.

מיר קומען פּונקט גוט צוריק, פון אויבן גייט נישט מער קיין אָנגריף. העכער א שעה ליגן מיר, קייכן און רוען זיך אָפּ, איידער אימיצער רעדט אַרויס א וואָרט. מיר זענען אַזוי פאַרמאַטערט, אַז נישט קיקנדיק אויפן שטאַרקן הונגער, פאַרגעסן מיר לגמרי אָן די קאָנסערוון. ערשט ביסלעכווייז ווערן מיר צוריק ענלעך אויף מענטשן.

די פלייש־קאָנסערוון פון יענער זייט זענען באַרימט אויפן גאַנצן פראָנט. צייטנווייז איז עס כּמעט דער הויפּט־מאָטיוו פון אַ פלוצלונגן אָנגריף פון אונדזער זייט, מחמת אונדזער דערנערונג איז בכלל שלעכט; מיר ליידן תּמיד הונגער.

אַרום און אַרום האָבן מיר צוגעצויגן פינף פּושקעס. דער עולם דאָרט אויבן קריגט צו עסן וויפל זייער האַרץ גלוסט; ס׳איז אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיט אונדז הונגערליידנדיקע, מיט אונזער ריבן־מאַרמעלאַד, דאָס פלייש וואַלגערט זיך ממש אין אַלע ווינקלען, מ׳דאַרף עס בלויז נעמען. האַיע האָט נאָך אויסערדעם געפּאַקט אַ דינעם פראַנצויזישן ווייסן ברויט און אים אַרונטערגערוקט אונטערן פּאַסיק פּונקט ווי אַ באַגנעט. פון איין זייט איז עס אַביסל פאַרבלוטיקט, אָבער מען קאָן עס דאָך אָפּשניידן.

ס׳איז אַ גליק, וואָס מיר האָבן נאָך איצט גוט צו עסן, אונדזערע כּוחות וועלן אונדז נאָך צונוץ קומען. עסן צו דער זעט איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי אַ גוטער שוצגראָבן; דעריבער זענען מיר אַזוי להוט נאָך דעם, ווייל ס׳קאָן אונדז ראַטעווען דאָס לעבן.

טיאַדען האָט נאָך געפּאַקט צוויי פעלד־פלעשער קאָניאַק. מיר זענען דערמיט מכבד אונדזער גאַנצן עולם.

* *

ס׳הויבט זיך אָן די אָוונט־תּפילה. ס׳קומט די נאַכט. פון די אָקאָפּעס טראָגן זיך נעפּלען. ס׳זעט אויס ווי די לעכער זאָלן זיין אָנגעפילט מיט פאַרכישופטע סודות. דער ווייסער דאַמף

ריכט אַנגסטפֿול אַרום, איידער ער דערוועגט זיך אַריבערצו־טראָגן איבערן ראַנד. דערנאָך ציען זיך לאַנגע פּאַסן פון איין אַקאַפּ צום צווייטן.

ס'איז קיל. אַ, שטיי אויף דער וואַך און קוק זיך צו צום אַרומיקן חשבות. איך פיל מיך שלעכט, ווי תמיד נאָך אַן אַטאַקע, און דעריבער איז מיר שווער צו זיין אַליין מיט מיינע געדאַנקען. אייגנטלעך, זענען עס נישט קיין געדאַנקען, דאָס זענען דערינערונגען, וואָס מאַטערן מיך געוויינלעך, בעת איך ווער שוואַך און רופן אַרויס אַן אויסטערלישע שטימונג.

די לויכטשירעמס טראָגן זיך הויך — און איך זע אַ בילד, אַ זומער־אָוונט, בעת וועלכן איך געפין זיך אויפן הויף פון קירך און קוק אויף הויכע רויזן־קוסטעס, וואָס בליען אין צענטער פון קליינעם קרייצגאָרטן, ווו ס'ווערן באַגראָבן די קירך־דינער. רונד אַרום שטייען פאַרשידענע שטיינבילדער. קיינער איז נישטאָ; — אַ גרויסע שטילקייט האַלט אַרומגענומען דעמדאָזיקן בליענדיקן קוואַדראַט, די זון ברענט אויף די דיקע גרויע שטיינער, איך לייג אַרויף מיינע הענט און שפיר די וואַרעמקייט... איבערן רעכטן עק פון ציגל־דאַך רייסט זיך דער גרינער קירך־טורעם צום מאַטן, ווייכן אָוונט־תכלת. צווישן די גלאַנציקע קליינע זיילן פון די אַרומיקע קרייצגענג, הערשט די קילע טונקעלקייט, וואָס נאָר קירכן פאַרמאָגן עס, און איך שטיי דאָרט און קלער וועגן דעם, אַז צו צוואַנציק יאָר וועל איך שוין זיין אַ מומחה אין יענע פאַרפלאָנטערטע זאַכן, וואָס קומען פון די פרויען.

דאָס בילד איז שרעקלעך נאָענט, ס'רירט מיך אָן, איידער עס צעגייט אונטערן אויפפלאַמען פון דער נאָענטסטער לויכט־קויל.

איך טו אַ נעם מיין געווער און מאַך עס צורעכט. דאָס הענטל איז פייכט. איך כאַפּ עס אַרום פעסט מיטן האַנט און צערייב די פייכטקייט מיט מיינע פינגער.

צווישן די לאָנקעס הינטער אונדזער שטאָט איז געשטאַנען ביים טייכל אַ גאַנצע ריי אַלטע טאָפּאָלעס. זיי האָבן זיך געזען פון דערווייטנס, און נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געשטאַנען בלויז אויף איין זייט, האָבן זיי דאָך געהייסן די

פּאָפּאָלעס-אַלעע נאָך אַלס קינדער האָבן מיר געשפּירט צו זיי אַ באַזונדערע סימפּאַטיע, עפּעס האָבן זיי אונדז צוגעצויגן צו זיך, גאַנצע טעג פלעגן מיר ביי זיי פאַרברענגען און זיך צוהערן צו זייער שטילן רוישן. מיר פלעגן זיצן אונטער זיי ביים ברעג טייכל און אַראָפּלאָזן די פיס אין זיינע ליכטיקע, געשווינטע כוואַליעס. דער ריינער ריח פון וואַסער און די מעלאָדיע פון ווינט אין די טאָפּאָלעס. האָבן באַהערשט אונדזער פאַנטאַזיע. מיר האָבן זיי זייער ליב געהאַט, און דאָס בילד פון יענע טעג רופט נאָך איצט אַרויס ביי מיר אַ האַרץ-קלאַפּן, ביז עס פאַרשווינדט ווידער.

ס'איז אַ זעלטענע זאַך, אַז אַלע דערינערונגען, וואָס קומען, האָבן צוויי אייגנשאַפטן. זיי זענען תמיד פול מיט שטילקייט, דאָס איז ביי זיי דאָס שטאַרקסטע, אויב זיי זענען עס נישט פאַקטיש אין אַזאַ גרויסער מאָס, מאַכן זיי ווייניקסטנס אַזאַ איינדרוק. זיי זענען שטומע דערשיינונגען, וואָס רעדן צו מיר מיט בליקן און גרימאַסן, וואָרטלאָז און שווייגנדיק, — און זייער שווייגן דערשיטערט מיך און צווינגט מיך אָנצוכאַפּן מיין אַרבל און מיין געווער, כדי זיך נישט צו לאָזן פאַרניכטן אין דער דאָזיקער אויפלייזונג, אין וועלכער מיין קערפּער וויל זיך אויסשפּרייטן.

זיי זענען אַזוי שטיל, ווייל פאַר אונדז איז עס אומפאַרשטענדלעך. אויפן פראָנט איז נישטאָ קיין שטילקייט און דער שטח פון פראָנט גרייכט אַזוי ווייט, אַז קיינמאָל געפינען מיר זיך נישט מחוץ, אים. אפילו אין די אָפּגעלעגנסטע דעפּאָס און אָפּרו-קוואַרטירן קלינגט דער גערויש און דאָס קנאַקן פון פייער תמיד אין אונדזערע אויערן. מיר זענען קיינמאָל נישט אַזוי ווייט, אַז מיר זאָלן עס מער נישט הערן. די לעצטע טעג איז עס אָבער פשוט געווען אומדערטרעגלעך.

די שטילקייט איז די סיבה דערפון, וואָס די בילדער פון עבר דערוועקן נישט קיין פאַרלאַנגען, נאָר טרויער — אַן אומגעהייערע, ווילדע מעלאַנכאָליע. זיי זענען געווען — קומען שוין אָבער מער נישט צוריק. זיי זענען אַוועק, זיי זענען אַן אַנדער

וועלט, וואָס איז פאַר אונדז אויף אייביק פאַרשוואונדן. אויף די הויפן פון די קאַזאַרמעס האָבן זיי נאָך אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציאָנערן, ווילדן באַגער, דאָרט זענען זיי נאָך געווען מיט אונדז פאַרבונדן, מיר האָבן געהערט צו זיי און זיי צו אונדז, כאָטש מיר זענען געווען צעשיידט. זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין געזאַנג פון די זעלנער-לידער, בעת מיר פלעגן, צווישן מאָרגנרויטקייט און וואַלד-סילועטן, מאַרשירן צו די איבונגען אין סטעפּ אַריין. זיי זענען געווען אַ העפטיקע דערינערונג, וואָס האָט אין אונדז געלעבט און איז פון אונדז גופא געקומען.

דאָ אין די אָקאָפּעס איז זי אונדז אָבער פאַרלאָרן געגאַנגען. זי רייסט זיך מער פון אונדז נישט אַרויס; — מיר זענען טויט, און זי שטייט ווייט ביים האָריזאָנט, זי איז אַ דערשיינונג, אַן אומבאַגרייפלעכער אָפּגלאַנץ, וואָס פאַרכאַפּט אונדז, פאַר וועלכן מיר האָבן מורא און ליבן אים, אָבער אָן שום האָפענונג. זי איז שטאַרק און אונדזער באַגער איז שטאַרק; — זי איז אָבער אומדערגרייכבאַר, און מיר ווייסן עס. זי איז פונקט אַזוי פאַלש ווי די האָפענונג צו ווערן אַ גענעראַל.

און ווען מ׳זאָל זי אונדז אַפילו צוריקגעבן, דידאָזיקע לאַנדשאַפט פון אונדזער יוגנט, וועלן מיר לגמרי נישט וויסן וואָס מיט איר צו טאָן. די צאַרטע און געהיימע קרעפטן, וואָס זענען געגאַנגען פון איר צו אונדז, קאָנען קיין תחית-המתים נישט אויפשטיין. מיר וואָלטן אין איר געווען און אין איר אַרומגעגאַנגען, מיר וואָלטן זיך דערמאָנט און זי געליבט און געווען גערירט פון איר אָנבליק. ס׳וואָלט אָבער געווען פונקט דאָס זעלבע ווי בעת מיר פאַרקלערן זיך פאַרן בילד פון אַ געשטאָרבענעם חבר; אָט זענען זיינע געזיכטס-שטריכן, זיין פנים, און די טעג, וואָס מיר זענען געווען מיט אים צוזאַמען, ווערן כלומרשט אין אונדזער דערינערונג צוריק לעבעדיק; אָבער ס׳איז נישט מער ער גופא.

מיר וואָלטן מער נישט געווען מיט איר אַזוי צונויפגעבונדן, ווי מיר זענען געווען פריער. נישט די אָנערקענונג פון איר שיינקייט און איר שטימונג האָט אונדז צוגעצויגן, נאָר דאָס געמיינזאַמע, דאָסדאָזיקע גלייכפילן פון אַ ברודערשאַפט מיט די זאַכן

און געשעענישן פון אונדזער עקזיסטענץ, וואָס האָט אונדז אָפּגעגרענעצט און געמאַכט פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך די וועלט פון אונדזערע עלטערן; — ווייל מיר זענען צו איר געווען צערטלעך צוגעבונדן און איבערגעגעבן, און די מינדסטע זאַך האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי דער וועג פון דער אומענדלעכקייט. אפשר איז עס בלויז געווען די פּרעראָגאַטיוו פון אונדזער יוגנט; —

פאַר אונדז האָבן נאָכנישט עקזיסטירט קיין שום גרענעצן. מיר האָבן אין ערגעץ נישט געזען קיין סוף; מיר האָבן געהאַט אין זיך די דערוואַכונג פון בלוט, וואָס האָט פון אונדז געמאַכט איינס מיטן פאַרלויף פון אונדזערע טעג.

היינט וואָלטן מיר אין דער לאַנדשאַפט פון אונדזער יוגנט אַרומגעגאַנגען ווי רייזנדע. מיר זענען פאַרברענט פון פאַקטן, מיר קענען אונטערשיידן ווי הענדלער און נויטווענדיקייטן—ווי קצבים.

מיר זענען נישט מער אָן דאגה, — מיר זענען מוראדיק גלייכגילטיק. מיר וואָלטן עקזיסטירט; אָבער צי וואָלטן מיר געלעבט?

מיר זענען פאַרלאָזן ווי קינדער און געניט ווי זקנים, מיר זענען גראָב און טרויעריק און אויבערפלעכלעך, — איך מיין, אַז מיר זענען אָפּגעקלאָגטע, מיר זענען פאַרלאָרן.

* *

*

מיינע הענט ווערן קאַלט, און מיך שוידערט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די נאַכט איז זייער אַ וואַרעמע. נאָר דער נעפּל איז קיל, דער דאָזיקער אומהיימלעכער נעפּל, וואָס באַדעקט די טויטע אַרום אונדז און זויגט אויס פון זיי דאָס לעצטע, פאַרקראָכענע לעבן. מאָרגן וועלן זיי זיין בלייך און גרין און זייער בלוט פאַרגליווערט און שוואַרץ.

די לייכטשירעמס שטייגן נאָך כסדר אינדערהויך און וואַרפן זייער אומבארחמנותדיקע ליכטיקייט איבער דער פאַרשטיינערטער לאַנדשאַפט, וואָס איז פול מיט קראַטערס און קאַלטער ליכטיקייט ווי אַ לבנה.

דאָס בלוט אונטער מיין הויט רופט אַרויס שרעק און אומרויקייט אין מיינע געדאַנקען. זיי ווערן שוואַך און ציטערן, זיי זוילן וואַרעמקייט און לעבן. זיי קאָנען נישט אויסהאַלטן אָן טרייסט און אַנטוישונג, זיי ווערן צעמישט פאַרן נאַקעטן בילד פון דער פאַרצווייפלונג.

איך הער דאָס קלאַפן פון קיך-געשיר און שפּיר אַ העפטיקן פאַרלאַנג נאָך וואַרעם עסן, ס'וועט פאַר מיר גוט זיין און מיך באַרויקן. מיט אַלע קרעפטן באַמי איך זיך צו וואַרטן, ביז אימיצער וועט מיך פאַרבייטן.

דערנאָך גיי איך אין אָקאָפּ און געפין אַ בעכער מיט גרויפּן. ס'איז אַ פעט געקעכטס און שמעקט זייער גוט, איך עס פאַמעלעך. איך בלייב אָבער שטיל, כאָטש די איבעריקע זענען בעסער געשטימט, ווייל דאָס פייער איז איינגעשלאָפן.

* *

*

די טעג גייען פאַרביי, און יעדע שעה איז אומבאַגרייפלעך און זעלבסטפאַרשטענדלעך. די אַטאַקעס בייטן זיך מיט קאָנטער-אַטאַקעס. פאַמעלעך זאַמלען זיך אויפן שלאַכטפעלד צווישן די גראָבנס די קערפּערס פון די טויטע. די פאַרווונדעטע, וואָס ליגן נישט זייער ווייט, קאָנען מיר מייסטנס צונעמען. אַנדערע מוזן אָבער ליגן, און מיר הערן ווי זיי שטאַרבן.

איינעם זוכן מיר אומזיסט צוויי טעג נאָכאַנאַנד. ער ליגט וואַרשיינלעך אויפן בויך און קאָן זיך נישט איבערדרייען. אַנדערש קאָן מען נישט דערקלערן די סבה, וואָס מיר געפינען אים נישט: ווייל נאָר דאַן, בעת מ'שרייט ליגנדיק מיטן מויל פאַרט צו דער ערד, איז אַזוי שווער פעסטצושטעלן די ריכטונג פון וואַנען ס'גייט דאָס קול.

ער האָט געכאַפּט אַ שלעכטן שאָס, איינע פון יענע שרעקלעכע וווּנדן, וואָס זענען נישט אַזוי שטאַרק, כדי אָפּצושוואַכן אויף אַזוי פיל דעם קערפּער, אַז מ'זאָל האַלב באַוווּסטלאָז איינשלאָפן און אויך נישט אַזוי לייכט, אַז מ'זאָל קאָנען אַריבערטראָגן די יסורים אין דער אויסזיכט ווידער געזונט צו ווערן.

קאַט מיינט, אַז ער האָט ענטוועדער אַ בעקן-צוטרייסלונג אָדער אַ שאָס אין רוקן-ביין. די ברוסט איז נישט פאַרוווּנדעט, ווייל דאַן וואָלט ער נישט געהאַט אַזוי פיל כּח צו שרייען. ווען ער זאָל זיין פארוווּנדעט אויף אַן אַנדער ארט, וואָלט ער זיך זיכער געקאָנט באַוועגן.

ביסלעכווייז ווערט ער הייזעריק. די שטים איז אַזוי אומגליקלעך אין קלאַנג, אַז ס'איז בשום אופן נישט מעגלעך זיך צו אָריענטירן פון וואַנען זי קומט. אין דער ערשטער נאכט האָבן זיך אונדזערע מענטשן דריי מאָל נאָכאַנאַנד ארויסגעלאָזן אים זוכן. אָבער, אַוועקקריכנדיק אַהין אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז זיי האָבן שוין די ריכטונג, דערהערן זיי מיט אַמאָל, אַז דאָס קול גייט לגמרי פון אַנדערשוווּ.

ביז רעכט-פינצטער זוכן מיר אין גאַנצן אָן שום רעזולטאַטן. דעם גאַנצן טאָג פאָרשט מען דורך דעם ערד-שטח מיט פאַרגרעסער-גלעזער, און ס'זעט זיך נישט קיין זאַך. אויפן צווייטן טאָג ווערט דער מענטש שטילער. מען מערקט, אַז די ליפּן און דאָס מויל זענען פאַרטריקנט.

אונדזער קאָמפּאַניע-פירער האָט צוגעזאָגט דעם, וואס וועט אים געפונען, אַן אויסערגעוויינלעכן אורלויב מיט דריי צוגאָב-טעג. ס'איז אַ מעכטיק צוציונגס-מיטל, אָבער אויך אָן דעם וואָלטן מיר געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך; ווייל דאָס שרייען און רופן איז פשוט מוראדיק. קאַט און קראָפּ לאָזן זיך אפילו אַרויס אַ צווייט מאָל נאָכמיטאָג. קומען אָבער צוריק מיטן ליידיקן.

דערביי הערט זיך גאַנץ דייטלעך, וואָס ער שרייט. לכתּחלה האָט ער בלויז גערופן נאָך הילף — אין דער צווייטער נאַכט האָט ער שוין געמוזט האָבן אַ ביסל פיבער, ער רעדט מיט זיין פרוי און זיינע קינדער. מיר הערן אפילו דעם נאָמען עליזע. היינט וויינט ער שוין בלויז. אינאַוונט פאַרוואַנדלט זיך די שטים אין אַ קרעכצן. אָבער אין דער שטיל קרעכצט ער נאָך אָפּ די גאַנצע נאַכט. מיר הערן עס אַזוי גענוי, ווייל דער ווינט דערטראָגט עס צו אונדז אין אָקאָפּ אַריין. אינדערפרי, ווען

מיר זײַנען זיכער, אַז ער האָט שוין די אײביקע רו, דערטראָגט זיך נאָך אַ גאָרגלענדיק כאָרכלען.

די טעג זענען הייסע, און די טויטע ליגן נישט באַגראָבן מיר קאָנען זיי אַלע נישט צונעמען, מיר ווייסן נישט ווו זיי אַהינצוטאָן. ביי אַנדערע ווערן די בייכער אנגעבלאָזן, ווי באַלאָנען. זיי פייפן, ליאַרמען און באַוועגן זיך. דער גאַז ווילדעוועט אין זיי.

דער הימל איז בלוי און אָן וואָלקנס. אין אָוונט ווערט די לופט פּאַרפּעקט, און די היץ כראָגט זיך פון דער ערד. בעת דער ווינט בלאָזט אין דער ריכטונג צו אונדז, ברענגט ער מיט דעם בלוט־ריח, וואָס איז שווער און עקלהאַפט זיסלעך, דעמדאָזיקן טויטן דאַמף פון די אָקאָפּעס, וואָס איז צענויפגעמישט מיט כלאָראָפאָרם און פּאַרפוילטקייט, וואָס רופט אַרויס ביי אונדז אַ נישטגוטקייט און ברעכן.

* *

*

די נעכט ווערן רויק, און די יאָגד אויף די קופּערנע רינגען פון די גראנאטן און די זיידענע שירעמס פון די פראַנצויזישע לייכט־קוילן איז אין פולן גאַנג. פאַרוואָס מ׳יאָגט זיך אַזוי נאָך די דאָזיקע רינגען; ווייסט באמת קיינער נישט. די זאַמלער פאַרזיכערן פּשוט, אַז זיי האָבן אַ גרויסן ווערט. כ׳זעען פאַראַן מענטשן, וואָס שלעפּן מיט זיך אַזוי פיל, אַז זיי קריכן קרומע און לאָמע אונטער זייער לאַסט, בעת מיר טרעטן אָפּ.

האַיע גיט אָן כאָטש אַ גרונט; ער וויל זיי אַוועקשיקן זיין כלה אַלס ערזאַץ אָנשטאט זאָקן־בענדלעך. דערדאָזיקער אייפאַל רופט נאַטירלעך אַרויס ביי די פריזן אַן אומגעלומפּערטע לוסטיקייט; זיי קלאַפּן זיך אין די קני און זאָגן:

— אָט, דאָס איז אַ וויץ, דאָנערוועטער, דער האַיע איז באמת אַ מאַדים!

באַזונדערס טיאַדען קאָן זיך בשום אופן נישט איינהאַלטן; ער האַלט אין האַנט דעם גרעסטן רינג און שטעקט יעדע מי־

נוט אַדורך דעם פּוס, פּדי צו ווייזן, וויפֿיל ס'איז נאָך פֿאַראַן פֿרייער פּלאַץ.

— חאַיע, מענטש, יענע דאָרט מוז עס האָבן אַ פּאָר פּיס, פּיס — זיינע געדאַנקען קלעטערן נאָך אַ ביסל העכער — און אַ הינטן מוז זי עס דאָרטן האָבן, ווי־ווי אַ העלפאַנט.

ער קאָן זיך גאָרנישט באַרויקן.

— מ י ט ד ע ר וואָלט איך אַ מאָל געוואָלט שפּילן אין פּאַטשעניש...

האַיע קוועלט, וואָס זיין כּלה נעמט אַזוי ביי אַלעמען אויס און שטאַרק צופרידן מיט זיך טוט ער אַ זאָג בקיצור:

— מאַס, ווו איז זי!

די ויידענע שירעמס קאָן מען שוין פּראַקטישער אויסנוצן. פון דריי אָדער פיר מאַכט מען אַ בלוזע. ס'הענגט נאַטירלעך אָפּ ווי ברייט די ברוסט איז. קראַפּ און איך באַנוצן זיי אָנשטאַט באַזטיכלעך. די איבעריקע שיקן עס אַ היים. ווען די פרויען וואָלטן געקאַנט זען מיט וויפֿיל לעבנסגעפאַר דידאָזיקע דינע שמאַטעס ווערן אפּט צוגענומען, וואָלטן זיי אפשר געשטאַרבן פון שרעק!

טיאַדען איבעראַשט קאָטן מיט אַ געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט געפּרוווט אין א גאַנץ רויקער שטימונג, אָפּצושלאָגן ביי אַ בלינדן די רינגען. ביי יעדן אַנדערן וואָלט עס זיכער עקספּלאָדירט, טיאַדען האָט דאָך אָבער תּמיד גליק.

אַ גאַנצן פאַרמיטאָג שפּילן צוויי זומער־פייגעלעך נעבן אונדזער אקאָפּ. זיי זענען ציטרין־פאַרביקע און זייערע געלע פליגעלעך האָבן רויטע פונקטן. וואָס אַזוינס האָט זיי, למשל, געקאָנט פאַרשלעפּן אַהער? אויפן גאַנצן שטח אַרום זעט זיך נישט קיין שום געוויקס און קיין איינציקע בלום. זיי רוען זיך אויס אויף די ציין פון אַ טויטן קאָפּ. פונקט אַזוי זאָרגלאָז ווי זיי, זענען אויך די פייגל, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג צוגעוווינט צום קריג. יעדן פרימאָרגן טראָגן זיך אַרום צווישן פראָנט מתּנות זינג־פייגעלעך. מיט א יאָר צוריק האָבן מיר דאָ אפילו געזען נעסטן מיט קליינינקע פייגעלעך.

פון די שטשורעס זענען מיר אינם אָקאָפּ פּטור געוואָרן. זיי געפונען זיך איצט פאָרנט — מיר ווייסן פאַרוואָס. דאָרט פּאַשן זיי זיך ווי געהעריק אויס; קוים דערזעען מיר איינעם, דערשיסן מיר אים אויפן אָרט.

דורך די נעכט הערן מיר ווידער דאס גערויש פון אויבן. אין משך פון טאָג האָבן מיר בלויז דאָס נאָרמאַלע פייער, אַזוי אַז מיר קאָנען צורעכט מאַכן אונדזערע אָקאָפּעס. אונטער־האַלטונג פעלט אויך נישט, דערמיט פאַרזאָרגן אונדז די פליער. די צאָלרייכע קאַמפן ציען־צו טעגלעך אַ היפּש פּובליקום.

צו די קאַמפּס־פליער האָבן מיר גאַרנישט, אָבער די באַאָבאַכטונגס־אַעראָפּלאַנען האָבן מיר פיינט ווי מגפה, ווייל זיי שלעפן אויף אונדז דאָס אַרטילעריע־פייער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום נאָך זייער דערשיינען האָט זיך אָנגעהויבן אַ האָגל פון שראַפּנעלן און גראַנאַטן. מיר האָבן צוליב דעם פאַרלאָרן אין איין טאָג עלף מענטשן, דערונטער פינף סאַניטאַרן. צוויי פון זיי זענען אַזוי צעשמעטערט, אַז טיאַדען געפינט, אַז מען קאָן זיי מיט אַ לעפל אַראָפּקראַצן פון דער גראָבן־וואַנט און מקבר זיין אין אַ קאָך־געשיר. אַ צווייטן האָט מען אָפּגעריסן דעם אונטערשטן טייל בויך צוזאַמען מיט די פיס. אַ טויטער ליגט ער אינם אָקאָפּ, דער קאָפּ אויפן ברוסט, זיין פנים איז געל ווי אַ ציטרין, צווישן די וואָנסן טליעט נאָך דער פּאַפּיראָס, ער טליעט ביז ער פאַר־לעשט זיך אויף די ליפּן.

דערווייל לייגן מיר אַריין די טויטע אין אַ גרויסן שוצן־גראָבן, דריי רייען איינע איבער דער אַנדערער.

* *

*

פלוצלונג הויבט דאָס פייער אויפסניי אָן צו פויקן. באַלד זיצן מיר ווידער אין דער געשפּאַנטער פאַרגליווערטקייט פון אַ פּאַסיוון וואַרטן.

אָנגריף, קעגן־אָנגריף, שטויס, קעגן־שטויס — דאָס זענען ווערטער, אָבער וואָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר! מיר פאַרלירן אַ סך מענטשן־ס׳רוב רעקרוטן. אויף אונדזערע פּאָזיציעס שיקט

מען פֿרישן ערזאַץ. דאָס איז איינער פֿון די נײַע רעגימענטער, כּמעט לויטער יונגע־לײַט פֿון די לעצטע יאָרגענג. זיי האָבן נישט כּמעט קיין שום צוגרייטונג, בלויז טעאָרעטיש האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו איבן, איידער זיי זענען אַוועק אויפֿן שלאַכט־פֿעלד. וואָס דאָס איז אַזוינס אַ האַנטגראַנאַט, דאָס ווייסן זיי נאָך, אָבער מכּוח דעקונג האָבן זיי לגמרי קיין אַנונג נישט, קודם־כּל קאָנען זיי זיך דערין גאָר נישט אָריענטירן. אַ ערד־וואַל מוז זײַן אַ האַלב מעטער הויך, אַז זיי זאָלן אים דערזען.

כאָטש מיר דאַרפֿן נויטיק פֿאַרשטאַרקונג, האָבן מיר מיט די רעקרוטן כּמעט מער אַרבעט, ווי זיי נוצן אונדז. זיי זענען ממש אומבאַהאָלפֿן אויף דעם דאָזיקן שווערן אָנגריף־געביט און זיי פֿאַלן ווי די פֿליגן. דער פּאָזיציע־קאַמף פֿון דער הײַנטיקער צײַט פֿאָדערט קענטניש און דערפֿאַרונג. מען מוז זײַן אַ גרויסער מבֿין אויף די האַרמאַטן, אויף זייער גערויש און זייערע ווירקונגען; מען מוז קאָנען פֿאָרויס באַשטימען וווּהין זיי צילן, וויאַזוי די קוילן וועלן זיך פֿאַנאַנדערשיטן און אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן זיך פֿון זיי צו פֿאַרהיטן.

דער דאָזיקער יונגער ערזאַץ ווייס, נאַטירלעך, כּמעט לחלוטין גאָרנישט פֿון דעם אַלעמען. ער ווערט צעריבן, ווײַל ער קאָן אַפֿילו נישט אונטערשיידן קיין שראַפּנעל פֿון אַ גראַנאַט. דער דאָזיקער אומדערפֿאַרענער עולם ווערט אַוועקגעלייגט דערפֿאַר, ווײַל ער הערט זיך אײַנגסטפֿול צו צום וואָיען פֿון די אומגעפֿערלעכע גרויסע, ווײַט הינטן טראַסקנדיקע קוילן־קאַסטנס און ער לאָזט אַדורך דאָס פּײַפּנדיקע, שטילע ברומען פֿון די פֿלאַך זיך צושפּרייטנדיקע קליינע בעסטיעס. ווי די שעפּעלעך דריקן זיי זיך איינער צום אַנדערן, אַנשטאָט זיך פֿאַנאַנדערצולויפֿן, און אַפֿילו די פּאָר פֿאַרווונדעטע ווערן נאָך, ווי די האָזן, אָפּגעקנאַלט דורך די פֿליהער.

דידאָזיקע בלייכע ריבן־פּנימער, די שוואַכע הענט, די קלאָגעדיקע העלדישקייט פֿון דידאָזיקע עלנדע הינט, וואָס נישט גע-

קוקט אויף קיין זאַך, גייען זיי דאָך פאַרויס און גרייפן אָן; די דאָזיקע ברוינע עלנדע הינט, וואָס זענען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי האָבן מורא הויך צו שרייען, און זיי יאָמערן אינדערשטיל, מיט צעריסענע ברוסטן און בייכער און אָרעמס און פיס, נאָך זייערע מאַמעס, און הערן תּיכף אויף, ווי נאָר מען גיט אויף זיי א קוק.

אויף זייערע טויטע, צאַרטע, שפּיציקע געזיכטער ליגט די מוראדיקע אויסדריקלאָזיקייט פון געשטאָרבענע קינדער.

ס'הויבט אָן שטיקן אין האַלדז, בעת מ'קוקט זיך צו זיי צו, ווי זיי שפּרינגען אויף, לויפן און פאַלן. ס'ווילט זיך זיי פאַרשמייסן דערפאַר, וואָס זיי זענען אַזעלכע שוטים, און אַ נעם טאָן זיי אויף די הענט און אַוועקטראָגן פון דאַנען, ווו זיי האָבן לגמרי גאָרנישט וואָס צו זוכן. זיי טראָגן זייערע גרויע רעק און הויזן און שטיוול, אָבער פאַר דאָס רוב פון זיי איז דער מונדיר צו ברייט, הענגט אויף די גלידער ווי א זאַק, ווייל די פּלייצעס זענען צו שמאָל, די קערפּערס צו לייכט. עס זענען בכלל נישט געווען אָנגעגרייט קיין מונדירן, וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאַר אַזעלכע קינדער.

אויף איין עלטערן זעלנער פאַלן פון פינף ביז צען רעקרוטן.

אַן אומגעריכטער גאַז-אָנגריף לייגט אַוועק פון זיי א גאַנצע מחנה. זיי זענען דערצו נישט דערגאַנגען, צו האָבן די קלענסטע אָנונג וועגן דעם, וואָס עס וואַרט אויף זיי. מיר געפינען א פולן אָקאָפּ מיט בלויע קעפּ און שוואַרצע ליפּן. אין איין אָקאָפּ האָבן זיי די מאַסקעס צו פרי אַראָפּגענומען, זיי האָבן נישט געוווסט, אַז צום לענגסטן האלט זיך דער גאַז אויף דער ערד; דערזעענדיק אויבן די איבעריקע אָן מאַסקעס, האָבן זיי אויך אַראָפּגעריסן זייערע און זיך אָנגעשלאָגן מיט גענוג גאַז כּדי צו פאַרברענען זייערע לונגען. זייער צושטאַנד איז האָפנונגסלאָז, זיי דערווערגן זיך צום טויט אין בלוטשטורצן און דערשטיקונגס-אַטאַקן.

* * *

אין איין גראָבן באַגעגן איך מיך פֿלוצלונג מיט הימל־שטאָסן. מיר קריכן אויף אַלע פיר.

מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם ליגן מיר אַלע איינער נעבן אַנדערן און וואַרטן אויפֿן אָנגריף.

כאָטש איך בין זייער אויפֿגערעגט, פֿליט מיר דאָך ביים אַרויסלייפֿן א געדאַנק דורכן קאָפּ: איך זע עפּעס מער נישט הימלשטאָסן. נעשווינט שפּרינג איך אַראָפּ צוריק און דערזע ווי ער ליגט אין א ווינקל מיט א קליינעם ראַנץ פֿון א שאָס און סימולירט, אַז ער איז כּלומרשט פֿאַרוואונדעט. זיין געזיכט איז ווי פֿאַרשמיסן. ער האָט אַן אַנגסט-אַטאַק, ער איז דאָך נאָך דאָ, באמת, א נייער. איך בין אויסער זיך, וואָס דער יונגער ערזאַץ איז אין דרויסן און ער דאָ.

— „אַרויס!", שריי איך.

ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, די ליפּן ציטערן, די וואָנסן טרייסלען זיך.

— אַרויס! שריי איך כּסדר.

ער הויקערט זיך צונויף, דריקט זיך צו דער וואַנט און שטשירעט די ציין ווי א קאָטער.

איך גיב אים א נעם פֿאַרן אָרעם און וויל אים אַוועקשטעלן. ער הייבט אָן צו וואָיען. מיינע נערוון האַלטן מער נישט אויס. איך כאַפּ אים אָן ביים האַלדז, טרייסל אים ווי א זאַק, אַז דער קאָפּ פֿליט הין און צוריק און שריי אים אין פּנים אַריין:

— „דו לומפּ איינער, גייסט אַרויס צי נישט — דו הינט, דו שינדער, דו ווילסט זיך באַהאַלטן?"

ער פֿאַרגלאָצט די אויגן, איך האַק זיין קאָפּ אין וואַנט

— „דו בהמה!"

איך קײל אים די זייטן.

— „דו חזיר!"

איך שטופּ אים צום אַרויסגאַנג מיטן קאָפּ אַרויס.

עס טראָגט זיך גראָד פאַרביי א גייע כוואַליע פון אונדזערע. דער לייטענאַנט איז דערביי. ער דערזעט און שרייט:

— „פאָרווערטס, פאָרווערטס, זיך אָנשליסן, אָנשליסן!"

און דאָס, וואָס עס האָבן נישט געקאָנט מיינע קלעפּ, האָט געמאַכט דאָסדאָזיקע וואָרט. הימלשטאָס דערהערט דאָס קול פון עלטסטן, ער טוט זיך גלייך אַ כאַפּ און גייט מיט.

איך גיי נאָך און זע ווי ער שפּרינגט. ווידער איז ער דער שניידנדיקער הימלשטאָס פון קאַזאַרמע-הויף. ער האָט אפילו איבערגעיאָגט דעם לייטענאַנט און איז אַוועק ווייט פאָרויס.

פויקן-פייער, שפּאַר-פייער, גאַרדינען-פייער, מינעס, גאַז, קוילן-וואַרפערס, האַנט-גראַנאַטן — ווערטער, ווערטער, אָבער זיי נעמען אַרום דעם גרויל פון דער וועלט.

אונדזערע פּנימער זענען באַדעקט מיט פּרישטשעס, אונדזערע געדאַנקען פאַרוויסט, מיר זענען טויט-מיד; — אז עס קומט דער אָנגריף, ווערן א סך פון אונדז געשלאָגן מיט די פויסטן, כדי זיי זאָלן זיך אויפכאַפּן און מיטגיין; — די אויגן זענען אָנגעצינדעט, די הענט צעריסן, די קני בלוטיקן, די עלנבויגנס צעקלאַפּט.

שוין-זשע גייען פאַרביי וואָכן — חדשים — יאָרן? עס זענען נישט מער ווי טעג. —

מיר זעען ווי עס פאַרשווינדט נעבן אונדז די צייט און די פאַרבלאָזע פּנימער פון די גוססדיקע. מיר גיסן אַריין אין זיך דאָס עסן, מיר לויפן, מיר וואַרפן, מיר שיסן, מיר טויטן, מיר צעלייגן זיך, מיר זענען שוואַך און טעמפּ, און עס האַלט אונדז נאָר דאָס, וואָס עס זענען פאַראַן נאָך שוואַכערע, נאָך טעמפּערע, נאָך מער הילפלאָזע, וואָס קוקן אויף אונדז מיט אויסגעגלאָצטע אויגן ווי אויף געטער, וועלכע קאָנען נאָך אָפּטמאָל אַנטלויפן פון טויט.

בעת די פּאָר שעה לערנען מיר זיי.

— אָט, זעסטו דאָרט דעם וואַקלענדיקן קאָפּ? דאָס איז אַ מינע, זי קומט! זאָלסטו ליגן גלייך, זי גייט אַהין, אויבן. גייט זי אָבער אַזוי, טא טראָג זיך אָפּ! מ'קאָן פון איר אַנטלויפן.

מיר האַקן זיי אַריין אין די קעפּ מכּח דעם כיטרע ברו־מען פון די קליינע בעסטיעס, וואָס מ׳הערט זיי קוים; מען מוז זיי אָבער אַרויסדערקענען פונם גאַנצן קנאַק, ווי דאָס זשומען פון פליגן; — מיר קלערן זיי אויף, אַז זיי זענען געפערלעכער ווי די גרויסע, וואָס מ׳הערט זיי אַ צייט לאַנג פריער. מיר ווייזן זיי ווי זיך צו באַהאַלטן פון פליער, ווי מען מאַכט זיך פלומרשט געשטאָרבן, בעת עס פאַרכאַפּט אומגעריכט דער אָנגריף, ווי מען דאַרף אָפּציען האַנט־גראַנאַטן, כּדי זיי זאָלן עקספּלאָדירן אַ האַלבע סעקונדע פאַרן אויפקלאַפּן. מיר לערנען זיי, אַז פאַר גראַנאַטן מיט קלאַפּ־צינדערס מוז מען זיך בליץ־שנעל אַריינכאַפּן אינם אָקאָפּ אַריין.

מיר ווייזן אָן וויאַזוי מ׳קאָן מיט אַ בינטל האַנט־גראַנאַטן אויפרייסן אַן אָקאָפּ; מיר דערקלערן דעם חילוק אין דער צינדונגס־צייט צווישן די קעגנערישע און אונדזערע האַנט־גראַנאַטן. מיר מאַכן זיי אויפמערקזאַם אויפן טאָן פון די גאַז־גראַנאַטן און ווייזן זיי אָן אויף די מיטלען, ווי אַזוי זיך צו קאָנען ראַטעווען פון טויט.

זיי הערן זיך צו, זיי פאָלגן — אָבער ווי נאָר עס הויבט זיך ווידער אָן, מאַכן זיי אין דער אויפרעגונג די פריערדיקע פעלערן.

האַיע וועסטהוז ווערט אַוועקגעשלעפּט מיט אַן אָפּגעריסענעם רוקן; ביי יעדן אָטעם־צוג פּולסירט די לונג דורך דער וווּנד. איך קאָן אים נאָך דריקן די האַנט.

— „עס איז דער סוף, פּאַול" קרעכצט ער און בייסט פאַר יסורים די הענט.

מיר זעען מענטשן לעבן, ביי וועלכע עס פעלט דער שאַרבן; מיר זעען זעלנער לויפן, וואָס ביי זיי זענען צעשמעטערט ביידע פיס; זיי דערשלעפּן זיך אויף די קני צו דעם נאָענטסטן לאָך. אַ יעפרייטער קריכט צוויי קילאָמעטער ווייט אויף די הענט און שלעפּט הינטער זיך די צעשמעטערטע קני, אַ צווייטער גייט צום סאַניטאַרן־פּונקט און אויף זיינע פעסט־האַלטנדיקע הענט ווערן געשוואָלן זיינע קישקעס. מיר זעען מענטשן

אָן מײַלער, אָן קינבאַקן, אָן פּנימער. מיר געפינען אײנעם, וואָס האָט צוויי שעה נאָכאַנאַנד צוגעקלעמט מיט די צײן די אַרטעריע אויף זײַן אָרעם, כּדי נישט אָפּצוגײן מיט בלוט.

די זון גײט אויף, עס קומט די נאַכט, די גראַנאַטן פײַפן, עס ענדיקט זיך דאָס לעבן.

אָבער דאָס שטיקל צעגראָבענע ערד, וווּ מיר ליגן, האָט אויסגעהאַלטן די איבערמאַכט. בלויז א פּאָר הונדערט מעטער האָט מען מקריב געווען, אָבער יעדער מעטער האָט געקאָסט אַ מענטשלעך לעבן.

* *

*

מיר ווערן פאַרביטן מיט אַנדערע. די רעדער אונטער אונדז האַקן, מיר שטײען פאַרטעמפּט, און אַז עס דערהערט זיך דער געשריי: „אַכטונג — דראָט!" פאַלן מיר אויף די קני. עס איז געווען זומער, בעת מיר זענען דאָ פאַרבײגעפאָרן, די בוימער זענען נאָך געווען גרין, איצט זענען זײ שוין אויס הערבסטלעך, און די נאַכט איז גרוי און פײַכט. די פורן שטעלן זיך אָפּ, מיר קלעטערן אַראָפּ, אַן אַנגעוואָרפענער הויפן, אַ רעשטל פון א סך נעמען. בײַ די זײַטן שטײען מענטשן פאַרחושט און רופן אויס די נומערן פון רעגימענטער, פון קאָמפּאַניעס. און בײַ יעדן רוף טײלט זיך אָפּ אַ הײפל, אַ קאַרג, קלײן הײפל שמוציקע, אַש-גרויע זעלנער, אַ מוראדיק קלײן הײפעלע און א מוראדיק קלײן רעשטל.

איצט רופט אימיצער אויס דעם נומער פון אונדזער קאָמפּאַניע, דאָס איז-מען הערט עס, — דער קאָמפּאַניע-פירער, ער האָט זיך, הײסט עס געראַטעוועט, זײַן אָרעם הענגט אויף אַ באַנדאַזש. מיר גײען צו אים צו, און איך דערקען קאַטן און אַלבערטן, מיר שטעלן זיך צוזאַמען, שפּאַרן זיך אָן אײנער אָן דעם אַנדערן און קוקן זיך אָן.

און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל הערן מיר אויסרופן אונדזער נומער. ער מעג איצט לאַנג אַזוי רופן: מען הערט אים

קנאַפּ־וואָס אין די לאַזאַרעטן און אָקאָפּעס... נאָכאַמאָל: „צווייטע קאָמפּאַניע אַהער!"

און דערנאָך שטילער:

— „בישטאָ קיינער מער פון דער צווייטער קאָמפּאַניע?"

ער שווייגט און איז אַביסל הייזעריק, בעת ער פרעגט:

— „דאָס זענען אַלע?

און ער באַפעלט:

— „אָפּצײלן!

דער פרימאָרגן איז גרוי. עס איז נאָך געווען זומער בעת מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, און געווען זענען מיר 150 מאַן. איצט פרירן מיר, עס איז הערבסט, די בלעטער רוישן, די שטימען קלינגען מיד:

— „איינס, צוויי, דריי, פיר", און ביי צוויי און דרייסיק שווייגן זיי. און מען שווייגט לאַנג, ביז די שטים פרעגט:

— „נאָך אימיצער?

און זי וואַרט און זאָגט דאַן שטיל:

— „אין גרופּן.

און דאָך רייסט זי זיך איבער און קאָן בלויז ענדיקן:

— „צווייטע קאָמפּאַניע —

פאַרמאַטערט:

— „צווייטע קאָמפּאַניע — אַ טריט מאַרש!"

אַ שורה, אַ קורצע שורה שלעפּט זיך אין גרויען מאָרגן־שיין.

צוויי און דרייסיק מאַן.

VII

מ׳פירט אונדז אַוועק ווידער, ווי שטענדיק, אין אַ דעמאָ פאַר פעלד-רעקרוטן, כדי מ׳זאָל אונדז דאָרט קאָנען אויפסניי צעבויפשטעלן. אונדזער קאָמפּאַניע דאַרף איבער הונדערט מאַן ערזאַץ.

דערווייל שלעפן מיר זיך אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט. אין צוויי טעג אַרום קומט צו אונדז הימלשטאָס. זיין גרויסן פּיסק האָט ער פאַרלאָרן, זינט ער איז געווען אין אָקאָפּ. ער שלאָגט פאָר, מיר זאָלן מאַכן שלום. איך בין גרייט, ווייל איך האָב געזען, ווי ער האָט מיטגעבראַכט האַיע וועסטהוזן מיטן צוועקגעריסענעם רוקן. אַזוי ווי ער רעדט אויסערדעם לגמרי צו דער זאַך, האָבן מיר גאָרנישט קעגן דעם, וואָס ער פאַרבעט אונדז אין קאַנטינע אַריין. נאָר טיאַדען האָט צו אים קיין צוטרוי נישט און ער האַלט זיך פון דערווייטנס.

אָבער ער בעט זיך אויך באַלד איבער, ווייל הימלשטאָס דערציילט, אַז ער. טיאַדען, וועט פאַרטרעטן דעם קוכער אויף דער צייט פון זיין אורלויב. אַלס באַווייז רוקט ער אונדז תיכּף אונטער צוויי פונט צוקער און ספּעציעל פאַר טיאַדענען אַ האַלב פונט פוטער. ער זאָרגט אפילו וועגן דעם, אַז אויף די נאָענטסטע דריי טעג זאָל מען אונדז קאָמאַנדירן אין קיך אַריין צום שיילן קאַרטאָפל און ריבן. דאָס עסן, וואָס ער באַשטימט פאַר אונדז דאָרט איז אמת גוט, אויסגעצייכנטע אָפיצירן-קעסט.

אויף דעם אופן האָבן מיר איצט ווידער ביידע זאַכן,

וואָס דער זעלנער דאַרף צו זיין גליק: גוט עסן און רו. ס׳איז ווייניק, ווען מ׳טראַכט זיך נאַטירלעך אין דעם אַריין. מיט אַ פּאָר יאָר פריער וואָלטן מיר זיך דערפאַר מוראדיק אַליין פאַראַכט. איצט זענען מיר כמעט צופרידן. אַלץ איז געוווינהייט, אַפילו דער שוץ-אָקאָפּ.

דידאָזיקע געוווינהייט איז די סיבה דערפון, וואָס מיר פאַרגעסן כלומרשט אַלץ אַזוי גיך. אייערנעכטן זענען מיר נאָך געווען אין פייער, היינט טרייבן מיר קאַטאָוועס און שלעפּן זיך אַרום פּוסט און פּאַס, מאָרגן גייען מיר צוריק אין אָקאָפּ אַריין, פּאַקטיש פאַרגעסן מיר אָבער גאָרנישט. כל זמן מיר מוזן זיין דאָ אויפן פעלד, זינקען אין אונדז אַריין די פראָנט-טעג, ווען זיי גייען פאַרביי, פּונקט ווי שטיינער. ווייל זיי זענען צו שווער מ׳זאָל זיך תּיכּף קאָנען אין זיי אַריינטראַכטן. ווען מיר טוען עס, יאָ, וואָלטן זיי אונדז לחלוטין דערהרגעט; ווייל אַזוי פיל האָב איך שוין געמערקט: דאָס שוידערלעכע קאָן מען אַריבערטראָגן, בעת מ׳וואַרפט זיך עס פּשוט אונטער; — עס דערהרגעט אָבער צום טויט, אַז מ׳הויבט אָן דערין זיך אַריינטראַכטן.

אַזוי ווי מיר ווערן חיות, בעת מיר גייען אַוועק צום פראָנט, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג כדי דורכצוהאַלטן, פּונקט אַזוי ווערן מיר אויבערפלעכלעכע לצים און בטלנים בעת מיר זיצן רויק. מיר קאָנען גאָרנישט אַנדערש, ווייל ס׳איז פּאַקטיש אַ צוואַנג. מיר ווילן לעבן פאַר יעדן פּרייז; מיר קאָנען זיך נישט באַלעסטיקן מיט קיין געפילן, וואָס זענען אפשר פאַרן פרידן אַ נויטווענדיקע דעקאָראַציע, דאָ אָבער לגמרי אַן איבעריקע זאַך און דורך פאַלש.

קעמעריך איז טויט, האַיע וועסטהוז שטאַרבט, פּיטן קערפּער פון האַנס קרעמער וועט מען, אַז משיח וועט קומען, האָבן אַ רעכט שטיקל אַרבעט כדי אים צונויפצוקלויבן, מאַרטענס איז געבליבן אָן פיס, מייער איז טויט, מאַרקס איז טויט, בייער איז טויט, העמערלינג איז טויט. הונדערט צוואָנציק מאַן ליגן ערגעץ ווי דערשאָסענע. ס׳איז אַ מיאוס געשעפט. אָבער וואָס גייט עס אונדז אָן, מיר לעבן. ווען מיר זאָלן זיי קאָנען ראַטעווען, יאָ,

דעמאָלט זענען מיר גרייט אויף אַלעם, אפילו מקריב צו זיין דאָס אייגענע לעבן; ווייל קוים ווילן מיר עפּעס, האָבן מיר אַזאַ מין פאַרשאָלטענעם מיחוש; פון קיין מורא ווייסן מיר נישט — נאָר טויט־שרעק יאָ, אָבער דאָס איז לגמרי עפּעס אַנדערש, דאָס איז קערפּערלעך, פיזיש.

אָבער אונדזערע חברים זענען טויט, מיר קאָנען זיי נישט העלפן, זיי האָבן די אייביקע רו — ווער ווייס וואָס אויף אונדז וואַרט נאָך; מיר ווילן זיך אַוועקלייגן און שלאָפן אָדער פרעסן, וויפל אין אונדזער מאָגן קאָן נאָר אַריינקריכן, און שיכורן און רויכערן, כדי די שעהן זאָלן נישט זיין אַזוי פוסט און וויסט. דאָס לעבן איז קורץ.

* *

*

דער גרויל פאַרן פראָנט פאַלט אַוועק ווי נאָר מיר דרייען זיך אויס צו אים מיטן רוקן, מיר זענען זיך אָן אים נוקם מיט אונדזערע געמיינע און בייזע וויצן; שטאַרבט עמיצער הייסט עס אויף אונדזער לשון, אַז ער האָט פאַרמאַכט דעם הינטערחלק, און אַזוי רעדן מיר וועגן אַלץ, דאָס ראַטעוועט אונדז פון שגעון, כל זמן מיר באַטראַכטן אַלץ פון דעם שטאַנדפּונקט, קאָנען מיר שטעלן דעם נויטיקן ווידערשטאַנד.

אָבער מיר פאַרגעסן נישט! אַלץ וואָס די קריגסצייטונגען שרייבן מכּח דעם גאָלדענעם הומאָר פון די זעלנער, וואָס מאַכן אַפילו אַ טענצל, ווי נאָר זיי קומען צוריק פון פויקן־פייער, איז שקר וכזב. מיר טוען עס נישט צוליב דעם, ווייל מיר האָבן הו־מאָר, נאָר מיר האָבן הומאָר, ווייל ווען נישט וואָלטן מיר שוין לאַנג געווען קאַפּוט. דער קאסטן וועט אָבער אַזוי צו אַנדערש נישט לאַנג אויסהאַלטן, דער הומאָר ווערט מיט יעדן חודש בי־טערער.

און איך ווייס: אַלץ וואָס עס זינקט איצט אַראָפּ אין אונדז — כל זמן מיר זענען אויפן קריג — ווי אַ שווערער שטיין, וועט זיך נאָכן קריג ווידער אויפכאַפּן, און ערשט דאַן הויבט זיך אָן די אינטערפּרעטאַציע אויף לעבן און טויט.

די טעג, די וואָכן, די יאָ״ן דאָ פאָרנט וועלן נאָך אַ מאָל צוריקקומען, און אונדזערע טויטע חברים וועלן דאַן אויפשטיין און מיט אונדז מאַרשירן. אונזערע קעפּ וועלן זיין קלאָר, מיר וועלן האָבן איין ציל, און אַזוי וועלן מיר אַדורכמאַרשירן, אונדזערע טויטע חברים נעבן אונדז, די פראָנט־יאָרן הינטער אונדז:

— קעגן וועמען, קעגן וועמען?

* * *

דאָ אין דער געגנט איז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אַ פראָנט־טעאַטער. אויף אַ ברעטערוואַנט זענען נאָך געבליבן עטלעכע פאַרשידנפאַרביקע פלאַקאַטן פון יענע פאָרשטעלונגען. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן שטיי איך און קראָפּ פאַר די דאָזיקע פלאַקאַטן. מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז ס'עקזיסטירט נאָך אין דער ווירקלעכקייט עפּעס אַזוינס.

דאָ שטייט אַ מיידל אין אַ העל זומערקלייד, מיט אַ רויטן לאַקירענעם פּאַסעק אַרום די לענדן, מיט איין האַנט לענט זי זיך אָן אָן אַ פּאָרענטש און מיט דער צווייטער האַלט זי אַ ווייסן שטרוי־הוט. זי טראָגט ווייסע זאָקן און ווייסע שיך, זייער שיינע שיך מיט שנאָלן און הויכע קנאַפּל. הינטער איר ציכט זיך דער בלויער ים מיט זיינע כוואַליעס־קאַמען, פון דער זייט פאַלט אין אים אַריין אַ העלע ים־בוכטע. ס'איז אַ רייצנדיק שיין מיידל, מיט אַ שמאָלער נאָז, מיט רויטע ליפּן און לאַנגע פיס, אומגעווייניגלעך זויבער און עלעגאַנט, זי באָדט זיך געוויס צוויי מאָל אַ טאָג און האָט קיינמאָל נישט קיין שמוץ אונטער אירע נעגל. העכסטנס אפשר אַמאָל אַ ביסל זאַמד פון ים־ברעג.

נעבן איר שטייט אַ מאַן אין ווייסע הויזן, מיט אַ בלויען זשאַקעט און אַ מאַטראָזן־היטל. אָבער ער אינטערעסירט אונדז אַ סך ווייניקער.

דאָס מיידל אויף דער ברעטערוואַנט איז פאַר אונדז אַ וואונדער. מיר האָבן לגמרי פאַרגעסן, אַז ס'עקזיסטירט נאָך עפּעס אַזוינס אויף דער וועלט, און אפילו איצט טרויען מיר נאָך נישט אונדזערע אויגן. יאָרן לאַנג האָבן מיר שוין אַזוינס נישט געזען.

אַפּילו נישט עפּעס ענלעכעס צו אַזאַ לוסטיקייט, שיינקייט און גליק. דאָס איז דער שלום, אַזוי מוז ער אויסזען, שפּירן מיר אויפגערעגט.

— קוק זיך נאָר צו צו דידאָזיקע לייכטע שיף, קיין איין קילאָמעטער וואָלט זי נישט געקאָנט אין זיי מאַרשירן, טו איך א זאָג און כאַפּ מיך אָבער באַלד, וואָס פאַר א שוטה איך בין, אַז איך קלער ביי אַזאַ בילד וועגן מאַרשירן.

— ווי אַלט קאָן זי זיין? — פרעגט קראָפּ.

איך וויל טרעפן:

— העכסטנס, צוויי און צוואַנציק, אַלבערט.

— אויב אַזוי איז זי דאָך עלטער פון אונדז. זי איז נישט עלטער פון זיבעצן, זאָג איך דיר!

דאָס בלוט קאָכט אין אונדזערע אָדערן.

— אַלבערט, דאָס איז אַן ענין, ווי מיינסטו? — ער שאָקלט צו.

— אין דער היים האָב איך אויך ווייסע הויזן.

— ווייסע הויזן — זאָג איך — אָבער אַזאַ מיידל —

מיר באַקוקן איינער דעם צווייטן פון אויבן ביז אַראָפּ. צו שיין זעען מיר נישט אויס, אַן אָפּגעבלאַקירטער, פאַרלאַטעטער, שמוציקער מונדיר. עס איז קיין שום האָפנונג נישטאָ זיך צו פאַרגלייכן.

קודם-כל קראַצן מיר דעריבער אַראָפּ פון דער ברעטער-וואַנט דעם יונגנמאַן מיט די ווייסע הויזן, מיר מאַכן עס זייער פאָרזיכטיק, כדי נישט צו שעדיקן דאָס מיידל, דערמיט איז שוין עפּעס דערגרייכט. דערנאָך מאַכט קראָפּ א פאָרשלאַג:

— אפשר וואָלטן מיר געגאַנגען זיך אנטלויזן?

איך בין דערמיט נישט אינגאַנצן מסכים, — ווייל די זאַכן ליידן דערפון און די לייז האָט מען אין צוויי שעה שפּעטער צוריק. אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך ווידער פארטיפט אין דעמדאָזיקן בילד, ז'ערקלער איך מיין גרייטקייט פאר זיין פראָ-פּאָזיציע. איך גיי נאָך אפילו ווייטער.

– אפשר וואָלטן מיר זיך טאַקע באמת צו קריגן ערגעץ-ווו א ריין העמד?

אַלבערט מיינט, זיכער צוליב א געוויסער סיבה, אַז פוס-שמאַטעס וואָלטן נאָך בעסער געווען.

– אפשר אויך פוס-שמאַטעס. לאָמיר פּרוּוון אַ ביסל שפּעקולירן.

אָבער אָט קומען זיך צושלעפּן אַהער לעער און טיאַדען; זיי דערזעען דעם פּלאַקאַט און מיטן מאָמענט ווערט דער שמועס אַן אמת חזירישער.

לעער איז אין אונדזער קלאַס געווען דער ערשטער; וואָס האָט זיך געעסקט מיט ווייבער און פּלעגט דערציילן מכּח דעם אויפרייצנדיקע מעשׂיות. ער באַגייסטערט זיך אויף זיין שטייגער מיטן דאָזיקן בילד, און טיאַדען איז מיט אים מסכּים.

עס עקלט גראָד אונדז נישט. ווער עס חזירט נישט אָן, דער איז נישט קיין זעלנער; אין דעם מאָמענט אָבער האַלטן מיר נישט דערביי, דעריבער גייען מיר אַוועק אָן אַ זייט און מאַרשירן אַוועק דירעקט צום אַנטלויזונגס-אַנשטאַלט מיט אַ געפיל, ווי דאָס זאָל זיין עפּעס אַ מין פיין געשעפט פון מענערקליידער.

* * *

די הייזער, ווו מיר האָבן קוואַרטיר, ליגן נאָענט ביים קאַנאַל. אויפן צווייטן זייט קאַנאַל זענען פאַראַן טייכן, אַרומגערינגלטע מיט טאָפּאָלן-וועלדער; אויף יענער זייט קאַנאַל זענען אויך פאַראַן פרויען.

די הייזער אויף אונדזער זייט האָט מען צעוואָרפן. אויף יענער זייט אָבער זעען זיך נאָך איינוווינער.

אין אָוונט שווימען מיר. און אָט גייען דריי פרויען לענגאויס דעם ברעג. זיי גייען פּאַמעלעך און קוקן נישט אַוועקבאַטש מיר טראָגן נישט קיין באַד-הויזן.

לעער שרייט צו זיי אַריבער. זיי צעלאַכן זיך און בלייבן שטיין, כּדי זיך צו אונדז צוצוקוקן. מיר וואַרפן זיי צו, אין

א צעבראָכענעם פראַנצויזיש, וואָס עס פאַלט אַריין אין מויל, איינס נאָכן אַנדערן געשווינט, כּדי זיי זאָלן נישט אַוועקגיין. דאָס זענען גראָד נישט אַזעלכע שיינע אויסדרוקן, אָבער פון וואַנען זאָלן מיר דען האָבן עפּעס בעסערס.

צווישן זיי איז דאָ איינע א שמאָלע; א טונקעלע. מען זעט ווי עס שימערירן אירע ציין בעת זי לאַכט. אירע באַוועגונגען זענען זייער געשווינטע, דאָס קלייד פאַרדעקט קוים אירע פיס. כאָטש דאָס וואַסער איז קאַלט זענען מיר שטאַרק אויפגערוימט און מיר ווילן זיי דורכאויס פאַראינטערעסירן, אַז זיי זאָלן נישט אַוועקגיין. מיר פּרוּוון זיך וויצלען און זיי ענטפערן, אָבער מיר פאַרשטייען נישט קיין וואָרט; מיר לאַכן און ווינקען. טיאַדען איז קלוגער. ער לויפט אַריין אין שטוב, כאַפּט א ברויט און הויבט עס אינדערהויך.

דאָס רופט אַרויס אַגרויסן דערפאָלג. זיי שאָקלען מיט די קעפּ און ווינקען, אַז מיר זאָלן אַריבערקומען. אָבער דאָס טאָרן מיר נישט. עס איז פאַרבאָטן אַריבערצוגיין אויפן צווייטן זייט טייך. אָן אַ פּאַסיר-שיין קאָן מען גאָרנישט מאַכן. מיר בעטן דע־ריבער זיי זאָלן קומען צו אונדז; זיי שאָקלען אָבער מיט די קעפּ און ווייזן אויף די בריקן. מען לאָזט זיי אויך נישט דורך.

זיי קערן זיך אום, פּאַמעלעך גייען זיי צום קאַנאַל אַרויף, אָבער אַלץ לענגאויס דעם ברעג. מיר באַגלייטן זיי שווימענדיק. אָפּגייענדיק עטלעכע הונדערט מעטער פאַרדרייען זיי זיך אָן א זייט און ווייזן אָן אויף א הויז, וואָס קוקט אַרויס פון צווישן ביימער און קוסטעס. לעאָר פרעגט, צי וווינען זיי דאָרט.

זיי לאַכן — יאָ, דאָרט איז זייער הויז.

מיר שרייען צו זיי אַריבער, אַז מיר וועלן קומען, אויב מיר וועלן זיך נאָר קאָנען אַרויסדרייען פון די וואַך-פּאָסטנס, אין מיטן נאַכט, נאָך אין דער נאַכט.

זיי הויבן די הענט, לייגן זיי פלאַך צונויף, די פּנימער אויף זיי, און פאַרמאַכן די אויגן. זיי האָבן פאַרשטאַנען. די שמאָלע, טונקעלע מאַכט טאַנץ-טריט. א בלאָנדע פייפט:

„ברויט — גוט".

מיר באַשטעטיקן פעסט, אַז מיר ווען עס מיטברענגען, אויך נאָך אַנדערע שיינע זאַכן, מיר ווינקען מיט די אויגן און ווייזן מיט די הענט. לעער דערטרינקט זיך שיער נישט, ווענדיק דערקלערן, אַז ער וועט ברענגען „אַ שטיק וווּרשט". ווען עס זאָל זיין נייטיק, וואָלטן מיר זיי צוגעזאָגט אַ גאַנצן פּראָוויאַנט-דעפּאָ. זיי גייען און קוקן זיך כסדר אַרום. מיר קלעטערן ביים ברעג אויף אונדזער זייט און גיבן אַכטונג, צו גייען זיי באמת אין יענעם הויז אריין, ווייל עס קאָן דאָך זיין, אַז זיי שווינדלען איינגאַנצן. דערנאָך שווימען מיר צוריק.

אָן אַ פּאַסיר-שיין טאָר קיינער נישט אַריבערגיין די בריק. דעריבער וועלן מיר פּשוט אינמיטן דער נאַכט אַריבערשווימען. די אויפרעגונג פאַרכאַפּט אונדז און לאָזט אונדז נישט אָפּ. מיר קאָנען פּשוט נישט איינזיצן אויפן אָרט און גייען אַוועק אין קאַנטינע. דאָרט איז גראָד פאַראַן ביר און עפּעס אַ מין פּונש.

מיר טרינקען פּונש און דערציילן איינער דעם צווייטן פאַנטאַסטישע בבא-מעשיות און אויסגעטראַכטע איבערלעבענישן. איינער גלויבט גערן דעם צווייטן און וואַרט געדולדיק, כּדי אים איבערצושטייגן. אונדזערע הענט זענען אומרויק, — מיר רויכערן אָן אַ צאָל ביז קראַפּ גיט אַ זאָג:

— „אייגנטלעך האָבן מיר זיי אויך געקאָנט מיטברענגען עטלעכע פּאַפּיראָסן".

און אָט לייגן מיר אַריין די איבעריקע פּאַפּיראָסן אין די היטלען און באַהאַלטן זיי.

דער הימל ווערט גרין ווי אַן אומצייטיקער עפּל. מיר זענען זאַלבעפערט, אָבער מיטגיין קאָנען בלויז דריי; מיר מוזן דעריבער פּטור ווערן פון טיאַדען און זענען אים כסדר מכבד מיט ראָם און פּונש, ביז ער ווערט שכּור. אַז ס'ווערט טונקל גייען מיר אַהיים, און טיאַדען אינמיטן.

מיר ברענגען און זענען אין אַ זייער אַ געהויבענער שטימונג. פאַר מיר איז די שמאָלע, טונקעלע, אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט און זיך איינגעטיילט.

טיאַדען גיט אַ פּאַל אויף זיין שטרויזאַק און כראָפּעט. איין מאָל טוט ער זיך אַ כאַפּ אויף און קוקט אונדז מאָדנע כיטרע אָן; מיר דערשרעקן זיך און מיינען, אַז ער האָט זיך אויסגעניכטערט און דער גאַנצער פּונש איז אַרויסגעוואָרפן. אָבער באַלד טוט ער זיך צוריק אַ וואָרף און שלאָפט ווייטער.

יעדערער פון אונדז דריי גרייט צו אַ גאַנצן זעלנערברויט און וויקלט עס איין אין צייטונגספּאַפּיר. די פּאַפּיראָסן פּאַקן מיר אויך איין און דערצו נאָך דריי פיינע פּאָרציעס לעבערוווּרשט, וואָס מיר האָבן היינט אין אָוונט באַקומען. דאָס איז שוין טאַקע אַן אָנשטענדיקע מתנה.

פאָרלויפיק רוקן מיר אַריין די זאַכן אין אונדזערע שטיוול; ווייל שטיוול מוזן מיר מיטנעמען, כדי אויפן אַנדערן ברעג קאַנאַל נישט אַרויפצוקריכן אויף דראָט און שערבלעך. אַזוי ווי מיר דאַרפן פריער שווימען, קאָנען מיר אויך איצט נישט מיטנעמען קיין מלבושים. ס'איז דאָך אָבער טונקל און נישט ווייט.

מיר לאָזן זיך אַוועק, די שטיוול אין די הענט. געשווינט וואַרפן מיר זיך אין וואַסער אַריין, לייגן זיך אַוועק אויפן רוקן, שווימען און האַלטן די שטיוול מיט די מתנות איבערהויך איבער אונדזערע קעפּ.

אויפן אַנדערן ברעג קריכן מיר פאָרזיכטיק אַרויף, נעמען אַרויס די פּעקלעך און טוען אָן די שטיוול. די זאַכן האַלטן מיר אונטערן אָרעם. אַזוי מאַרשירן מיר אַוועק, נאַסע, נאַקעטע, נאָר אין שטיוול אויף די פיס. מיר געפינען תיכף דאָס הויז. ס'ליגט אין דער פינסטער צווישן די קוסטעס. לעער פאַלט אויף אַ קוסט און צוראַצט זיך דעם עלנבויגן. „ס'מאַכט נישט אויס", זאָגט ער פריילעך.

די פענצטער [illegible] מיט לאָדענס. מיר דרייען זיך אינדערשטיל אַרום הויז און פּרווון כאַפּן אַ קוק דורך די לאָדנשפּאַלטן. מיר ווערן אומגעדולדיק. קראָפּ וואַקלט זיך פלוצלונג.

— אפשר זיצט דאָרט איצט ביי זיי אַ מאַיאָר? טוט ער אַ זאָג.

— דעמאָלט [illegible] מיר געשווינט פּליטה, — וויצלט זיך

לעער — צר קאָן אונדזער רעגימענט-נומער אָט אָ דאָ איבערלייענען — גיט ער צו און פאַטשט זיך אין הינטערחלק.

די הויזטיר איז אָפן. אונדזערע שטיוול מאַכן אָן אַ היפּשן ליאַרם. ס'עפנט זיך אַ טיר, ס'דרייסט זיך דורך אַ ליכטיקייט, אַן איבערגעשראָקענע פרוי טוט אַ געשריי. מיר מאַכן: „פּסט, פּסט, קאַמראַד — אַ גוטער פריינט —" און הויבן אויף דעמאָנסטראַטיוו אין דער הויך אונדזערע פּעקלעך.

די איבעריקע צווי דערזעען זיך אויך באַלד, די טיר עפנט זיך איינגאַנצן, און די ליכטיקייט באַשטראַלט אונדז.

מ'דערקענט אונדז און אַלע דריי צעלאַכן זיך אויפן קול איבער אונדזער קונציקן איינפאַל. זיי בויגן זיך אין דרייען פון געלעכטער. ווי געשיקט זיי באַוועגן זיך!

— איין מאָמענט! —

זיי פאַרשווינדן און וואַרפן אונדז צו מלבושים, אין וועלכע מיר וויקלען זיך ווי ס'איז איין: ערשט דאַן קאָנען מיר אַרייַנגיין.

אין צימער ברענט אַ קליינער לאָמפּ, עס איז וואַרעם און עס שמעקט אַביסל מיט פּאַרפום. מיר נעמען אַרויס אונדזערע פּאַקעטן און גיבן עס זיי איבער. זייערע אויגן גלאַנצן, מען זעט אַז זיי זענען הונגעריק.

דערנאָך פילן מיר זיך אַלע עפּעס אַביסל אומבאַקוועם. לעער מאַכט אַן אָנשטעל צום עסן; און גלייך ווערט ווידער לעבעדיק, זיי ברענגען טעלער, מעסערס און וואַרפן זיך ממש אויפן עסנוואַרג. ביי יעדן פּענעצל לעבער-ווורשט הויבן זיי עס אויף אינדערהויך, איידער זיי עסן, און באַוווּנדערן עס, און מיר זיצן דערביי שטאָלץ און שעפּן נחת.

זיי פאַרפּלייצן אונדז מיט זייער לשון — מיר פאַרשטיין נישט פיל, אָבער מיר הערן, אַז דאָס זענען פריינטלעכע ווערטער. אפשר זעען מיר טאַקע זייער יונג אויס. די שמאַלע, טונקעלע, גלעט מיר די האָר און זאָגט, וואָס עס זאָגן תמיד אַלע פראַנצויזישע פרויען:

— „דער קריג — אַ גרויס אומגליק — אַלגעמיין ייִנגלעך"

איך האַלט פעסט איר אָרעם און לייג צו מיין מויל צו איר האַנט. אירע פינגער כאַפּן אַרום מיין געזיכט. האַרט איבער מיר זענען אירע אויפרעגנדיקע אויגן, די צאַרטע ברוינקייט פון איר הויט און די רויטע ליפּן. דאָס מויל רעדט ווערטער, וואָס איך פאַרשטיי נישט. איך פאַרשטיי אויך מער נישט די אויגן, זיי זאָגן מער ווי מיר האָבן דערוואַרט, בעת מיר זענען אַהער געקומען.

דערנעבן זענען דאָ נאָך צימערן. איך זע פאַרבייגייענדיק לערן. ער האַלט די בלאָנדע אַרומגענומען און רעדט אויפן קול. ער איז דאָך אין די זאַכן א מומחה. אָבער איך — איך פאַרליר מיך אין עפּעס א ווייטס, שטילס און ווילדס און גיב זיך צו דעם אינגאַנצן איבער. מיינע ווונטשן זענען אַ משונהדיקער מישמאַש פון פאַרלאַנגען און פאַרזינקען.

עס כאַפּט מיך אָן אַ שווינדל, נישטאָ דאָ קיין זאך, אין וואָס מ׳זאָל זיך נאָך קאָנען האַלטן. אונדזערע שטיוול האָבן מיר געלאָזט פון יענער זייט טיר, אַנשטאָט זיי האָט מען אונדז געגעבן פּאַנטאָפל, און איצט האָבן מיר נישט ביי זיך קיין שום זאך, וואָס דערמאָנט אָן דער זיכערקייט און חוצפה פון זעלנער: קיין געווער, קיין פּאַסעק, קיין מונדיר, קיין היטל. איך גיב זיך איבער דער אומזיכערקייט, זאָל געשען וואָס עס וויל זיך — ווייל נישט בעקוקט אויף אַלץ, האָב איך דאָך אַביסל מורא.

די שמאָלע, טונקעלע, באַוועגט די ברעמען, בעת זי פאַרטראַכט זיך; אָבער זיי זענען רויק, בשעת זי רעדט. אָפּטמאָל גייט דער קלאַנג אפילו נישט איבער אין קיין וואָרט און ווערט דערשטיקט, אָדער פליט האַלב-פאַרטיק איבער מיר אַריבער; אַ בויגן, אַ באָן, אַ קאָמעט. וואָס האָב איך וועגן דעם געוווסט — וואָס ווייס איך מכח דעם? — די ווערטער פונם דאָזיקן פרעמדן לשון, וואָס איך פאַרשטיי זיי כמעט גאָר נישט, זיי שלעפּערן מיך איין אין א מין שטילקייט, ווו דאָס צימער, ברוין און האַלב באַלויכטן, פאַרשווינדט און נאָר דאָס פּנים איבער מיר לעבט און איז דייטלעך.

ווי קאָמפּליצירט זעט אויס א געזיכט, וואָס איז דיר מיט אַ [illegible]עה פריער געווען לחלוטין פרעמד און איז איצט גענייגט

צו א צערטלע כקייט, וואָס קומט נישט פון אים נאָר פון דער נאַכט, פון דער וועלט און פונם בלוט, וואָס שפּיגלען זיך אויף אים איצט אָפּ. די זאַכן אין צימער ווערן פון אים אָנגערירט און באַקומען אַן אַנדערן אויסזען, עפּעס ווערן זיי משונהדיק און איך האָב כּמעט יראת־הכּבוד פאַר מיין נאַקעטער הויט, בעת עס פאַלט אויף איר די שיין פון דעם לאָמפּ און עס גלעט זי די קילע ברוינע האַנט.

ווי אַנדערש זענען דידאָזיקע אַלע זאַכן אין די זעלנער־באַרדעלן, וווּהין אונדז איז דערלויבט צו גיין און ווו מ׳שטייט און מען וואַרט אין א לאַנגער ריי. איך וויל גאָר ווענן זיי נישט קלערן, אָבער ווי אויף להכעיס גייען זיי מיר נישט אַרויס פון זינען, און איך דערשרעק מיך, ווייל אפשר קאָן מען גאָר פון אַזאַ זאַך קיין מאָל נישט פּטור ווערן.

דערנאָך אָבער פיל איך די ליפּן פון דער שמאָלער, טונקעלער און איך רייס מיך צו זיי, איך פאַרמאַך די אויגן און וואָלט וועלן דערמיט אַלץ אויסלעשן, קריג און גרויל און געמיינהייט, כּדי זיך אויפצוכאַפּן יונג און גליקלעך; איך קלער וועגן דעם בילד פונם מיידל אויפן פּלאַקאַט און גלויב אויף א מאָמענט, אַז מיין לעבן הענגט אָפּ דערפון זי צו באַזיצן. — און אַלץ שטאַרקער דריק איך זיך אין די אָרעמס, וואָס נעמען מיך אַרום, אפשר וועט געשען אַ וווּנדער.

— — — — — — — — — — — — — —

ווי עס איז געפינען מיר זיך דערנאָך ווידער אַלע צוזאַמען. לעער איז זייער אויפגערוימט. מיר געזעגענען זיך האַרציק און קריכן אריין אין אונדזערע שטיוול. די נאַכט־לופט קילט אונדזערע הייסע קערפּער. די טאָפּאָלעס שטאַרצן תּויך פון דער פינצטערניש אַרויס און רוישן. די לבנה שטייט אויפן הימל און אין וואַסער פון קאַנאַל. מיר לויפן נישט. מיר גייען איינער נעבן אַנדערן מיט לאַנגע טריט. לעער זאָגט:

„א זעלנער־ברויט איז עס ווערט געווען!“

איך קאָן ביי זיך נישט פועלן צו רעדן, איך בין אפילו נישט פריילעך.

מיט אַמאָל דערהערן מיר טריט און באַהאַלטן זיך הינטער די קוסטעס.

די טריט דערנעענטערן זיך, האַרט פאַרביי אונדז. מיר דערזען א נאַקעטן זעלנער, אין שטיוול פונקט ווי מיר, ער האָט א פּאַקעט אונטערן אָרעם און טראָגט זיך אין גאַלאָפּ פאָרווערטס. דאָס איז טיאַדען, ער טראָגט זיך ווי דער ווינט, אָט איז ער פאַרשוווּנדן.

מיר לאַכן. מאָרגן וועט ער זיך זידלען. אומבאַמערקט קו־מען מיר צו צו אונדזערע שטרוי־זעק

*
* *

מען רופט מיך אין דער קאַנצעלאַריע. דער קאָמפּאַניע־פירער גיט מיר אַן אורלויב־שיין און א פּאַסיר־שיין און ווינטשט מיר אַ גליקלעכע רייזע. איך טו א קוק וואָס פאַר אַן אורלויב איך האָב. זיבעצן טעג — פערצן טעג אורלויב און דריי אויף דער רייזע. ס'איז צו ווייניק און איך פרעג, צי קאָן איך נישט באַקומען פינף טעג אויף דער רייזע. בערטינק ווייזט אָן אויף מיין שיין. ערשט דאַן דערזע איך, אַז איך דאַרף נישט תיכף צוריקקומען צום פראָנט. נאָכן אורלויב דאַרף איך זיך נאָך מעלדן אויף די קורסן אין סטעפּ־לאַגער.

די איבעריקע זענען מיך מקנא. קאַט גיט מיר גוטע עצות, וויאַזוי איך זאָל פּרוּוון איינגאַנצן שוין מער נישט צו קומען.

— קוים ביסטו אָפּגעריסן, בלייבסטו שוין דאָרט שטעקן.

מיר וואָלט אייגנטלעך ליבער געווען, ווען איך זאָל קאָנען פאָרן מיט אַכט טעג שפּעטער, ווייל א וואָך צייט בלייבן מיר נאָך דאָ, און דאָ איז דאָך אונדז גוט.

פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף גיין אין קאַנטינע א לעבע־טאָן. מיר זענען אַלע אַ ביסל בגילופין. איך ווער אומעטיק; גאַנ־צע זעקס וואָכן וועל איך דאָ נישט זיין. ס'איז נאַטירלעך אַ גרויס גליק, אָבער ווי וועט עס אויסזען, ווען איך וועל צוריק־קומען? צי וועל איך זיי נאָך דאָ אַלע געפינען? האַיע און קע־מעריך זענען שוין נישטאָ — ווער גייט נאָך זיי?

מיר טרינקען און איך קוק זיי אָן איינעם נאָכן אַנדערן. אַלבערט זיצט נעבן מיר און רויכערט, ער איז מונטער, מיר זע־נען שטענדיק געווען צוזאַמען; — קעגנאיבער קאַט מיט די פּראָפּעלאָזטע אַקסלען, מיטן ברייטן גראָבן פינגער און דער רוזיקער שטים, מילער מיט די אויסגעשצירעטע ציין און דעם בילנדיקן געלעכטער; — טיאַדען מיט זיינע מייזענע־אויגן; — לעער, וואָס האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד און זעט אויס ווי פון פערציק יאָר.

איבער אונדזערע קעפּ שוועבט אַ געדיכטער רויך. וואָס וואָלט געווען דער זעלנער אָן טאַבאַק! די קאַנטינע איז אַן ערד־מקלט, ביר איז מער ווי אַ משקה, עס איז אַ סימן, אַז מען קאָן רויק אויסגלייכן די ביינער. מיר זענען עס אויך ווי געהעריק מקים, די פיס האָבן מיר אויסגעצויגן ווי גרויס זיי זענען, און מיר שפייען געמיטלעך, וויפיל דאָס האַרץ גלוסט. עפּעס זעט עס אויס מאָדנע ביי דעם, וואָס פאָרט מאָרגן פונ־דאַנען אַוועק.

ביינאַכט זענען מיר נאָכאַמאָל אויף יענער זייט קאַנאַל. איך האָב כמעט מורא דער שמאָלער, טונקעלער צו זאָגן, אַז איך פאָר אָפּ און אַז איך וועל צוריק קומען, וועלן מיר זיכער זיין ערגעץ ווו ווייטער; אַז מיר וועלן זיך, הייסט עס, מער נישט זען. אָבער זי שאָקלט בלויז צו מיטן קאָפּ און רעאַגירט גאָר־נישט אויף דעם. איך קאָן עס לכתחילה גאָרנישט פאַרשטיין, אָבער דערנאָך ווערט עס מיר קלאָר. לעער איז טאַקע גערעכט: ווען איך זאָל געווען גיין אויפן פראָנט, וואָלט עס ווידער גע־הייסן: „עלנטער יינג", אָבער אן אורלאָפּירטער—דערפון ווילן זיי גאָרנישט וויסן, ס'איז נישט אַזוי אינטערעסאַנט. כאַפּט זי דער טייוול מיט איר זשומען און ריידן. מען גלויבט אין אַ וווּנדער און עס לאָזט זיך גאָר אויס שפּעטער מיט אַ זעלנער־ברויטל.

אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי איך האָב זיך אנטלויזט, מאַרשיר איך צו דער פעלד־באַן. אַלבערט און קאַט באַגלייטן מיך. אויף דער סטאַנציע דערוויסן מיר זיך, אַז ביזן אָבפאָרן וועט נאָך

דויערן א פּאָר שעה. זיי מוזן זיך ביידע תּיכּף אומקערן. מיר געזעגענען זיך.

— זיי געזונט, קאַט.

— זייַ געזונט, אַלבערט.

זיי גייען און ווינקען נאָך אַ פּאָר מאָל פונדערווייטנס. זייערע געשטאַלטן ווערן קלענער. מיר איז באַקאַנט זייער יעדער טריט, יעדע באַוועגונג, איך וואָלט זיי דערקענט פון ווי ווייט. דערנאָך פאַרשווינדן זיי.

איך זעץ זיך אַוועק אויף מיין ראַניעץ און וואַרט.

פּלוצלונג כאַפּט מיך אָן אַ ווילדע אומגעדולד, וואָס גיכער פונדאַנען זיך אָפּצוטראָגן.

* *

*

איך וואַלגער מיך אויף וואָקזאַלן, איך שטיי נעבן זופּ-קעסלען, איך שלאָף אויף פּאָדלאָגעס; — דערנאָך אָבער ווערט די לאַנדשאַפט דריקנדיק, אומהיימלעך און באַקאַנט. אין אָוונט לויפט זי פאַרביי פאַר די פענסטער מיט דערפער, וואָס די שטרוידע-כער אויף די געטינקעווטע הייזער זעען אויס פּונקט ווי אָנגע-צויגענע היטלען; מיט קאָרנפעלדער, וואָס שימערירן ביים קרומען ליכט ווי פּערלמוטער, מיט פּרוכטגערטנער און שייערן און אַל-טע דעמבעס.

די נעמען פון די סטאַציעס פאַרוואַנדלען זיך אין באַגריפן. פון וועלכע ס'ציטערט מיין האַרץ. דער צוג האַקט און האַקט, איך שטיי ביים פענסטער, האַלט מיך זיך אָן די ראַמען. די-דאָזיקע נעמען זענען צונויפגעבונדן מיט מיין יוגנט.

פלאַכע לאָנקעס, פעלדער, הייף; — אַ געשפּאַן שלעפּט זיך איינזאַם איבערן וועג, וואָס לויפט פּאַראַלעל מיטן האָריזאָנט. אַ פּאַרצוימטער וועג, ווו ס'וואַרטן פויערים, מיידלעך, וואָס ווינקען, קינדער, וואָס שפּילן זיך ביים באַן-פלאַנט, וועגן, וואָס פירן אין לאַנד, גלאַטע וועגן אָן אַרטילעריע.

ס'איז אָוונט, און ווען דער צוג וואָלט נישט אַזוי געהאַקט, וואָלט איך געשריען. דאָס פלאַכלאַנד צעשפּרייט זיך ברייט; פון

דער ווייטנס, אין אַ שוואַכע בלאָקייט, באַווייזן זיך די סילועטן פון די באַרגשפּיצן. איך דערקען די כאַראַקטעריסטישע ליניע פון דאָלקנבאַרג. דעמדאָזיקן שפּיציקן קאַם, וואָס האַקט זיך פּלוצלונג אָפּ, דאָרט וווּ ס'ענדיקט זיך דער וואַלד. דערנאָך קומט די שטאָט.

אָבער איצט פליסט די גאָלדרויטע ליכטיקייט, אַוועקשווימענדיק, איבער דער וועלט. דער צוג טראָגט זיך איבער איין קרומער ליניע און איבער אַ צווייטער; — און די טאָפּאָלעס שטייען פאַנטאַסטישע, פאַרשאָטענטע, טונקעלע, ווייט איינער הינטערן אַנדערן אין אַ לאַנגער ריי, אויסגעפאָרמט פון שאָטן, ליכט און בענקשאַפט.

דאָס פעלד דרייט זיך מיט זיי פאַמעלעך פאַרביי; דער צוג מיידט זיי אויס. באַלד ווערן זיי געדיכטער, גיסן זיך כמעט צונויף, און אַ ווײַלע זע איך נאָר איין איינציקן בוים; דערנאָך רוקן זיי זיך ווידער אַרויס און זיי בלייבן נאָך לאַנג אַליין אונטערן הימל, ביז זיי ווערן פאַרשטעלט דורך די ערשטע הייזער.

מ'זעצט זיך איבער אין אַן אַנדערן צוג. איך שטיי בײַם פענסטער, איך קאָן מיך נישט שיידן. די איבעריקע קלויבן צונויף זייערע זאַכן. איך חזר אײַנדערשטיל דעם נאָמען פון דער גאַס, וואָס מיר שניידן דורך — ברעמערגאַס — ברעמערגאַס — וועלאָסיפּעדיסטן, פורן, מענטשן, ס'איז אַ גרויסע גאַס און אַ גרויער טונעל; — ער נעמט מיך אַרום, גלייך ווי ער וואָלט געווען מײַן מוטער.

דערנאָך שטעלט זיך דער צוג אָפּ, און אָט איז דער וואָקזאַל מיטן שטענדיקן ליאַרם, געשרייען און פּלאַקאַטן. איך טו אָן מײַן טאָרניסטער, פאַרפעסטיק די האַטשקעס, נעם מײַן ביקס אין האַנט און שלעפּ מיך אַראָפּ פון די שטיגן.

אויפן פּעראָן קוק איך מיך אַרום. איך קאָן נישט קיינעם פון דעם גאַנצן עולם מענטשן, וואָס טומלען זיך דאָ אַרום. אַ שוועסטער פון רויטן קרייץ דערלאַנגט מיר עפּעס צו טרינקען. איך קער זיך אָפּ. זי קוקט מיך אָן מיט אַ נאַרישן שמייכל, ווי דורכגעדרונגען פון איר וויכטיקייט:

— „זעט נאָר, איך גיב אַ זעלנער קאַווע" — זי זאָגט מיר „חבר", דאָס האָט מיר גראָד געפעלט.

אין דרויסן אָבער פאַרן וואָקזאַל רוישט דער טייך נישט ווייט פון גאַס, שווימט זיך ווייס דורך די שליוזן פון דער מילבריק. דער פירקאַנטיקער אַלטער טורם שטייט דערנעבן, און פאַר אים דער גרויסער פילפאַרביקער דעמב, און הינטער אים דער אָוונט.

דאָ פלעגן מיר אָפט זיצן — ווי לאַנג איז עס דען געווען — איבער דער בריק זענען מיר געגאַנגען און איינגעאָטעמט דעם קילן, עיפּושדיקן ריח פון גרינלעכן וואַסער; אויף דער צווייטער זייט פון די שליוזן האָבן מיר זיך אין הייסע טעג געפרייט מיטן שפּריצנדיקן ווייסן שוים און זיך דערציילט מעשיות וועגן אונדזערע לערער.

איך גיי איבער דער בריק, קוק מיך אַרום אויף רעכטס און אויף לינקס; דאָס וואַסער איז נאָך אַלץ פול מיט געצוויקסן און גיסט זיך כסדר אַראָפּ אין ברייטע קרייזן. אין טורם-בנין שטייען די פּרעסערינס, פּונקט ווי דעמאָלט, מיט נאַקעטע אָרעמס ביי די ווייסע וועש, און די היץ פון די פּרעסאייזנס טראָגט זיך דורך די אָפענע פענסטער. הינט לויפן אַרום איבער דער שמאָלער גאַס, פאַר די הויזטירן שטייען מענטשן און קוקן מיר נאָך ווי איך גיי פאַרביי אַ שמוציקער און אָנגעלאָדן מיט מיינע זאַכן.

אָט אין דערדאָזיקער קאָנדיטאָריי האָבן מיר געגעסן ליאָדעס און זיך געאיבט אין רויכערן פּאַפּיראָסן. אויף דער גאַס, וואָס טראָגט זיך איצט פאַר מיר פאַרביי, קען איך גוט יעדעס איינציקע הויז; דאָט געשעפט פון קאָלאָניאַל-סחורות, דעם אַפּטייק-סקלאַד, די בעקעריי און דערנאָך שטיי איך ביי דער ברוינער טיר מיט דער אָפּגעבראָכענער קליאַמקע. און עס ווערט מיר שווער די האַנט; איך טו אַן עפן די טיר, און עפעס כאַפּט מיך אַרום אַ מאָדנע קילקייט, עס שווינדלט מיר פאַר די אויגן.

אונטער מיינע שטיוול קנאַקן די טרעפּ. אויבן קלאַפּט אַ טיר, איינציער קוקט אַריבער איבערן פּאָרענטש. עס איז די קיך-טיר, וואָס טוט זיך אָן עפן, זיי מאַכן דאָרט גראָד קאַרטאָפל-לאַטקעס,

דער ריח צעטראָגט זיך איבערן גאַנצן הויז, היינט איז דאָך שבת, און דאָס איז טאַקע מיין שוועסטער, די וואָס בויגט זיך אריבער. איך שעם מיך א רגע און לאָז אראָפּ דעם קאָפּ, דער־נאָך נעם איך אראָפּ דאָס היטל און קוק ארויף. יאָ, דאָס איז מיין עלטסטע שוועסטער.

— פּאַול! — שרייט זי, — פּאַול!

איך שאָקל מיטן קאָפּ, מיין טאָרניסטער קלאַפּט זיך אָן דעם פּאָרענטש, מיין ביקס איז אזוי שווער.

זי רייסט אויף א טיר און שרייט:

— מאַמע, מאַמע, פּאַול איז געקומען!

— איך קאָן שוין ווייטער נישט גיין. „מאַמע, מאמע, פּאַול איז געקומען".

איך שפּאַר זיך אָן אָן דער וואַנט און כאַפּ ארום מיין היטל און מיין ביקס. איך כאַפּ זיי ארום אזוי פעסט ווי עס לאָזט זיך נאָר, אָבער איך קאָן מער קיין טריט נישט טאָן, די טרעפּ פארשווונדן פון מיינע אויגן, די קאָלבע טוט מיר א האַק אין די פוס און מיט כעס פארבייס איך די ציין, אָבער איך קאָן נישט ביישטיין קעגן דעם איינעם וואָרט, וואָס מיין שוועס־טער האָט אויסגעשריען, עס העלפט קיין זאַך נישט. איך קווועל מיך שרעקלעך צו לאַכן און צו רעדן, אָבער איך קאָן קיין וואָרט נישט ארויסריידן, און אזוי שטיי איך אויף די טרעפּ, אומגליק־לעך, הילפלאָז, אין א מוראדיקן קראַמף און די טרערן גיסן זיך מיר אָן אן אויפהער איבערן פּנים.

מיין שוועסטער קומט צוריק און פרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

און אָט נעם איך מיך אין די הענט און דערקריך ווי עס איז ביזן פּאָדער־צימער. מיין ביקס שטעל איך אוועק אין א ווינקל, דעם טאָרניסטער ביי דער וואַנט און דאָס היטל אויף אים. דערנאָך טו איך א זאָג מיט כעס.

— אָבער גיב מיר דאָך ענדלעך א נאָזטיכל!

זי גיט מיר פון דער שאַנק ארויס א נאָזטיכל און איך ווייש מיר אָפּ דאָס פּנים. איבער מיר אויף דער וואַנט הענגט

דאָס גלעזערנע קעסטל מיט פאַרשידנפאַרביקע זומערפייגעלעך, וואָס איך האָב אַמאָל געזאַמלט.

איצט דערהער איך מיין מוטערס שטים. זי קומט פון שלאָפצימער.

— זי איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען? — פרעג איך מיין שוועסטער.

— זי איז קראַנק, — ענטפערט זי.

איך גיי צו איר אריין, דערלאַנג איר די האַנט און זאָג, אַזוי רויק ווי איך קאָן נאָר:

— „אָט בין איך דאָ, מאַמע".

זי ליגט שטיל אין האַלב-טונקעלן ווינקל. דערנאָך פרעגט זי אַנגסטפול, און איך שפיר ווי זי טאַפּט מיך ארום מיט אירע בליקן:

— צו ביסטו פאַרוואונדעט?

— ניין, איך האָב אורלויב.

מיין מוטער איז זייער בלייך. איך האָב מורא צו מאַכן ליכטיק.

— אָט ליג איך און וויין, זאָגט זי, אנשטאָט מיך צו פרייען

— צו ביסטו קראַנק! מאַמע? — טו איך א פרעג.

הייַנט וועל איך מיך אביסל אויפהויבן, זאָגט זי און ווענדט זיך צו מיין שוועסטער, וואָס לויפט כסדר הין-און-צוריק אין קיך, כדי דאָס עסן זאָל נישט צוברענען.

— עסן אויף די פלאַש געפרעגלטע יאַגדעס, דאָס האָסטו דאָך ליב — טוט זי א זאָג.

— יאָ, מאַמע, דאָס האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט.

— פונקט ווי מיר זאָלן וויסן, אַז דו וועסט קומען, זאָגט מיין שוועסטער מיט א געלעכטער, גראָד דאָס, וואָס דו האָסט ליב — קאַרטאָפל-לאַטקעס און דערצו נאָך יאַגדעס.

— ס'איז דאָך טאַקע הייַנט שבת — ענטפער איך.

— זעץ זיך נעבן מיר, — זאָגט מיין מוטער.

זי קוקט מיך אָן. אירע הענט זענען וויַיס, קרענקלעך און שמאָל אין פאַרגלייַך מיט מיינע. מיר רעדן נאָר עטלעכע ווער-

סער און איך בין איר ווייער דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי פרעגט גאָרנישט. און וואָס האָב איך איר, באמת, צו זאָגן: אַלץ, וואָס עס האָט געקאָנט פּאָרקומען, איז דאָך געשען. איך האָב מיך אַ געזונטער, אַ פרישער אַרויסגעדרייט און אָט זיץ איך נעבן איר. און אין קיך שטייט מיין שוועסטער, קאָכט נאַכטמאָל און זינגט זיך אונטער.

— מיין ליב קינד, — זאָגט מיין מאַמע.

מיר זענען אין אונדזערע פאַמיליען-באַציונגען קיינמאָל נישט געווען זייער צערטלעך איינער מיטן צווייטן, אָרעמע לייט, וואָס דאַרפן שווער האָרעווען און פּלאָגן זיך מיט שטענדיקער זאָרג און דאגות, זענען בכלל ווייט פון סענטימענטן. זיי פאַרשטייען עס לגמרי אַנדערש, זיי האָבן נישט ליב איבערצוחזרן צו אָפט דאָס, וואָס זיי ווייסן, אַזוי אויך, אַז מיין מאַמע זאָגט מיר: „ליב קינד״ איז עס אזוי פיל ווי ביי אנדערע ווער ווייס וואָס. איך ווייס גאַנץ באַשטימט, אַז דער טלאַי יאַגדעס איז דאָס איינציקע, וואָס זי האָט פאַר דער צייט אָפּגעשפּאָרט און באהאַלטן פאַר מיר, פּונקט ווי דער אַלטגעבאַקענער קעקס, מיט וועלכן זי איז מיך איצט מכבד. זי האָט זיכער דורך עפּעס אַ גינסטיקן צופאַל באַקומען עטלעכע שטיקלעך און גלייך באַהאַלטן פאַר מיר.

איך זיץ ביי איר בעט, און דורכן פענצטער פינקלען אין ברוין און גאָלד-קאָליר די קאַשטאַנען-ביימער אין גאָרטן קעגנאיבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. פּאַמעלעך צי איך דעם אָטעם אַריין און אַרויס און זאָג זיך אינדערשטיל:

„דו ביסט אינדערהיים, דו ביסט אינדערהיים״.

אָבער עפּעס אַ מין שעמעוודיקייט לאָזט מיך נישט אָפּ און איך קאָן נאָך אַלץ צו זיך נישט קומען, שווער זיך צוצוגעוווינען צום דאָזיקן געדאַנק. אָט איז מיין מאַמע, אָט איז מיין שוועסטער, מיין קעסטל זומער-פויגעלעך און דער מאַהאָן-קלאַוויר — איך אָבער בין נאָך נישט אינגאַנצן דאָ. אינמיטן ליגט עפּעס אַ שלייער און אַ טריט.

דעריבער שטיי איך אויף, ברענג מיין טאָרניסטער צום

בעט צו און פּאַק אויס דאָס, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט: אַ גאַנצן עדאַמער קעז, וואָס קאָסט האָט מיר באַזאָרגט, צוויי זעלנערישע ברויטן, דרייפערטל פונט פוטער, צוויי פּושקעס לעבערווורשט, אַ פונט שמאַלץ און אַ זעקעלע רייז.

— דאָס וועט איך זיכער צונויץ קומען — זיי שאָקלען צו מיט די קעפּ.

— דאָ איז עס זיכער נישט אַזוי לייכט צו קריגן? — וויל איך וויסן.

— יאָ, קיין סך איז נישטאָ. האָט איר דאָרט, אויף די פּאָזיציעס, ווייניקסטנס געגוג?

איך שמייכל און ווייז אָן אויף די מיטגעבראַכטע פּראָדוקטן.

— אַזוי פיל, פאַרשטייט זיך, נישט שטענדיק, אָבער מען גיט זיך אַן עצה.

ערנאַ טראָגט אַוועק די פּראָדוקטן. פלוצלינג טוט מיר מיין מאַמע האַסטיק אַ כאַפּ פאַרן האַנט און פרעגט זיך פאַרהיקנדיק:

— צו איז דאָרט, אין דרויסן, זייער שלעכט געווען, פּאַול?

מאַמע, וואָס זאָל איך דיר אויף דעם ענטפערן! דו וועסט עס נישט פאַרשטיין און קיינמאָל נישט משיג זיין.

צו איז געווען שלעכט, פרעגסטו — דו, מאַמע. — איך שאָקל מיטן קאָפּ און זאָג:

— ניין, מאַמע, נישט אַזוי שטאַרק שלעכט. מיר זענען דאָך מיט אַ סך צוזאַמען און דעריבער איז עס שוין נישט אַזוי שלעכט.

— יאָ, אָבער גאָרנישט לאַנג איז דאָ געווען הייגריך ברעדעמייער און האָט דערציילט, אַז איצט איז דאָרט פּשוט שרעקלעך. מיטן גאַז און נאָך אַזעלכע מעשיות.

דאָס איז מיין מאַמע, וואָס זאָגט עס. זי זאָגט „מיטן גאַז און נאָך אַזעלכע מעשיות”, זי ווייס נישט וואָס זי רעדט, זי האָט באָר מורא פאַר מיר. זאָל איך איר דערציילן, אַז מיר האָבן איינמאָל געפונען דריי קעגנערישע גרובנס מיט מענטשן פאַר-

פליהערטע אין זייערע פּאָזעס, ווי דער שלאָג וואָלט זיי געטראָפן אויף די שוץ-וואַלן. אין די אָקאָפּעס, ווו נאָר זיי זענען גראָד דערמאָלט געווען, געשטאַנען און געלעגן, די מענטשן מיט פלויע פּנימער, טויט.

— אָך, מאַמע, מאָלצ וואָס מענטשן רעדן אַלץ, ענטפער איך. ברעדעמייער האָט דערציילט גלאַט אין דער וועלט אַריין. דו זעסט דאָך, אַז איך בין געזונט און דיק.

אַ דאַנק דער ציטערנדיקער זאָרג פון מיין מוטער געפין איך צוריק מיין רויִקייט. איצט קאָן איך שוין אַרומגיין, ריידן און דערציילן, נישט מורא האָבנדיק, אַז איך זאָל זיך פלוצלונג מוזן אָנהאַלטן אין וואַנט, ווייל די וועלט ווערט ווייך ווי גומי און די אָדערן שלאַבריק ווי איבערגעברענטער פלאַקס.

מיין מוטער וויל זיך אָנטאָן, איך גיי דערווייל אריין אין קיך צו מיין שוועסטער.

— וואָס איז דער מאַמען? טו איך אַ פרעג.

זי קוועטשט מיט די פּלייצעס:

— זי ליגט שוין אזוי אַ פּאָר חדשים, מיר האָבן עס דיר גאָר נישט געוואָלט שרייבן. עס זענען שוין געווען ביי איר עטלעכע דאָקטוירים. איינער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָר אַ ראַק.

* * *

איך גיי אין באַצירק-ביוראָ זיך מעלדן. פּאַמעלעך שלעפּ איך זיך איבער די גאַסן. דאָ און דאָרט שטעלט מיך אימיצער אָפּ, הויבט אָן רעדן. איך טראָג זיך גשווינט אָפּ, ווייל איך וויל זיך נישט אַריינלאָזן מיט קיינעם אין קיין לאַנגן שמועס.

גייענדיק צוריק פון קאַזאַרמע, דערהער איך פלוצלונג ווי אימיצער רופט מיך אויפן קול. איך דריי זיך אויס, א שטאַרק פאַרטראַכטער, און שטיי פאַר אַ מאַיאָר. ער צעבייזערט זיך אויף מיר:

— צו קאָנט איר נישט גריסן?

— זייט מיר מוחל, הער מאַיאָר, זאָג איך צעטומלט, איך האָב אייך נישט באַמערקט.

ער הייבט נאָך שטאַרקער אויף זיין שטים:

— צי קאָנט איר זיך אפילו נישט קליגער אויסדריקן?

עס ווילט זיך מיר אים דערלאַנגען אין מאָרדע, איך באַהערש זיך אָבער, ווייל עס איז מיר א שאָד מיין אורלויב, איך נעם זיך אין די הענט און זאָג:

— איך האָב דעם הער מאַיאָר נישט באַמערקט.

— טאָ גיט-זשע אכטונג! כעסט ער זיך.

— ווי הייסט איר?

— איך — ראַפּאָטיר.

זיין רויטער דיקער פּנים איז נאָך אַלץ רויט אָנגעדראָלפּט.

— אַרמיי-טייל?

איך גיב איבער אַלץ לויט די אינסטרוקציעס.

אים איז נאָך אָבער אַלץ ווייניק.

— ווו געפינט איר זיך?

— איצט האָב איך שוין אָבער גענוג און זאָג.

— צווישן לאַנגעמאַרק און ביקסשוט.

— וויאַזוי? פרעגט ער א ביסל פאַרבליפט.

איך דערקלער אים, אַז איך בין ערשט מיט א שעה צוריק געקומען אויף אורלויב און מיין, אַז איצט וועט ער זיך שוין אָפּטשעפּן. איך בין זיך אָבער טועה. ער ווערט איצט נאָך ווילדער:

— עס ווילט זיך אייך, ווי עס ווייזט אויס, אַריינפירן אהער פראָנט-זיטן, וואָס? ס'וועט אייך נישט געלינגען! דאָ, ביי אונדז, הערשט גאָט-צו-דאַנקען אָרדענונג!

ער קאָמאַנדירט:

— צוואַנציק טריט צוריק, מאַרש, מאַרש!

אין מיר קאָכט א ווילדער צאָרן, אָבער איך קאָן קעגן אים גאָרנישט אויפטאָן. ווען ער זאָל נאָר וועלן, הייסט ער מיך גלייך פאַרהאַלטן. איך שפרינג צוריק, גיי פאָרויס און אויף א שטח פון זעקס מעטער ווייט פון אים גיב איך אָפּ דעם גע-

פאָדערטן כבוד-גרוס. אַזוי לאַנג ביז איך טרעט צוריק אויף זעקס מעטער הינטער אים.

ער רופט מיך ווידער צוריק און דערקלערט מיר לייטזעליק, אַז ער וויל ווידער אַמאָל האַנדלען בנוגע מיר לפנים משורת-הדין. איך מאַך דעם אָנשטעל, אַז איך בין אים זייער דאַנקבאַר.

„מאַרש"! קאָמאַנדירט ער.

איך דריי זיך אויס און צי אָפּ ווי די באַן.

דער גאַנצער אָוונט איז פאַר מיר צוליב דערדאָזיקער סצענע אַן איבערגעפּירטער. איך גיי געשווינט אַהיים, וואַרף אַוועק אין אַ ווינקל מיין מונדיר, דאָס האָב איך איבעריקנס אָן דעם אויך געוואָלט טאָן — נעם אַרויס פון שאַנק מיין ציוויל-אַנצוג און טו אים אָן.

איך שפּיל זיך אין אים נישט גוט. דער אַנצוג איז מיר קורץ און שמאָל, איך בין פאַר דער דינסט-צייט אויסגעוואַקסן. דער קראַגן און דער קראַוואַט זענען מיר זייער אומבאַקוועם, ענדלעך בינדט מיר מיין שוועסטער אויס דעם קראַוואַט. ווי לייכט אַזאַ אַנצוג איז, מ'האָט דעם איינדרוק ווי מען זאָל טראָגן בלויז אַ העמד און אונטערהויזן.

איך באַטראַכט זיך אין שפּיגל. עפּעס אַ מין משונהדיק אויסזען, אַן אויסגעצויגענער, פון דער זון אָפּגעבּרענטער יונגער יאַט.

מיין מאַמע איז צופרידן, וואָס איך האָב אָנגעטאָן דעם ציוויל-אַנצוג; עפּעס בין איך איר איצט נענטער. מיין פאָטער אָבער וואָלט וועלן, אַז איך זאָל בעסער טראָגן דעם מונדיר, אים ווילט זיך גיין מיט מיר צו זיינע באַקאַנטע.

איך זאָג זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּ.

ווי אָנגענעם ס'איז צו זיצן ערגעץ ווו אינדערשטיל, ווי למשל, אין שענק-גאָרטן קעגנאיבער אונטער די קאַשטאַנען-בוימער, באַנט פון שפּיל-פּלאַץ. די בלעטער פאַלן אויפן טיש און אויף דער ערד, ווייניק נאָר, די ערשטע. איך האָב פאַר זיך אַ גלאָז ביר, - טרינקען האָט מען זיך אויסגעלערנט אין מיליטערדינסט.

דאָס גלאָז איז שוין אויף אַ העלפט אויסגעליידיקט, איך האָב נאָך, הייסט עס, עטלעכע גוטע. קילע זופּן, און אַחוץ דעם קאָן איך דאָך באַשטעלן אַ צווייטע און אפילו אַ דריטע גלאָז, אַז איך וויל נאָר. נישטאָ דאָ קיין קאָמאַנדע־רופן, קיין פויקן־פייער, די קינדער פון ווירט שפּילן זיך אויפן ספּאָרט־פּלאַץ, און דער הונט ליגט אַוועק זיין קאָפּ אויף מיינע קני. דער הימל איז בלוי, פון צווישן די בלעטער פון די קאַשטאַנען־ביימער קוקט אַרויס דער גרינער טורם פון דער מאַרגאַרעטן־קירך.

דאָס אַלץ איז גוט און ס׳געפעלט מיר. מיט די מענטשן אָבער קאָן איך זיך קיין עצה נישט געבן. די איינציקע, וואָס פרעגט נישט, איז מיין מאַמע. מיטן פאָטער אָבער איז עס שוין לגמרי אַנדערש. אים ווילט זיך דווקא איך זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן פראָנט, עפּעס האָט ער אַזעלכע רירנדיקע און נאַרישע פאָדערונגען, מיט אים איז מיר אַ סך שווערער. ער האַלט מיך אין איין מאַטערן איך זאָל אים עפּעס דערציילן. איך פאַרשטיי גוט, אַז ער ווייס נישט, אַז אַזעלכע זאַכן קאָן מען נישט דערציילן, און איך וואָלט אים, באמת, געוואָלט צוליב־טאָן; ס׳איז אָבער אַ סכנה פאַר מיר אַזעלכע זאַכן איבערצוגעבן, איך האָב מורא, אַז פון מויל צו מויל וועלן זיי ווערן ריזעדיק גרויס און ווער ווייסט זיי דאַן קאָנען באַהערשן. מיר גופא וואָלטן זיך דאָך לגמרי אַנדערש באַצויגן, ווען מיר ווייסן פריער, וואָס דאָרט קומט פאָר.

איך באַנוגן זיך דעריבער דערמיט, וואָס איך דערצייל אים עטלעכע לוסטיקע מעשיות. ער פרעגט מיך אָבער, צי האָב איך שוין מיטגעמאַכט אַן ערנסטן באָענטן קאַמף. איך זאָג, נאַטירלעך, אַז נאָכנישט און הויב זיך אויף אַוועקצוגיין.

ס׳ווערט אָבער נישט בעסער. נאָכדעם ווי איך האָב זיך אויפן גאַס עטלעכע מאָל דערשראָקן, וויל אין קוויטשען פון די טראַמווייען האָב איך פּלוצלונג געמיינט צו הערן דאָס וואָיען פון די גראַנאַטן, דערשפּיר איך ווי אימיצער קלאַפּט מיר אין פּלייצע. ס׳איז מיין דייטשער לערער, וואָס פאַרוואַרפט מיך מיט די געוויינלעכע פראַגן.

— נו, האָס הערט זיך עפּעס אויפן פראָנט. שרעקלעך, שרעקלעך, וואָס ניין? אָ, ס'איז שרעקלעך, אָבער מיר מוזן פאַר יעדן פּרייז דורכהאַלטן. און סוף-כּל-סוף האָט איר דאָך אויף די פּאָזיציעס לפּחות גוט צו עסן, ווי איך האָב געהערט. איר זעט גוט אויס, פּאַול, קרעפּטיק! דאָ איז עס, נאַטירלעך, אַ סך ערגער, און אַנדערש קאָן עס דאָך נישט זיין, ס'איז דאָך זעלבס-פאַרשטענדלעך, ס'בעסטע מוזן מיר דאָך אָפּגעבן אונדזערע זעלנער.

ער פאַרשלעפּט מיך אין קאַפע-הויז און זעצט מיך אוועק אויבן-אָן ביי אַ שטאַמטיש. אַ גרויסאַרטיקער קבלת-פּנים, אַ דירעקטאָר דערלאַנגט מיר די האַנט און זאָגט:

— אַזוי, איר קומט פון פראָנט? ווי איז דאָרט די שטימונג? אויסגעצייכנט, אויסגעצייכנט, וואָס?

איך דערקלער, אַז יעדער איינער וואָלט גאַנץ גערן אַהיימ-געגאַנגען.

ער צעלאַכט זיך אויפן קול.

— דאָס גלויב איך! אָבער קודם כּל מוזט איר צעהאַקן דעם פראַנצמאַן! איר רויכערט? ביטע, נעמט אַ ציגאַר. קעלנער, דערלאַנגט אויך פאַר אונדזער יונגן קעמפער אַ גלאָז ביר.

ליידער, האָב איך גענומען אַ ציגאַר און דעריבער מוז איך בלייבן. אַלע צעגיסן זיי זיך פון גוטסקייט, און וואָס דאַרף מען מער. נישט געקוקט דערויף בין איך אויפגערעגט און רויכער האַסטיק, אַ צי נאָך אַ צי. כּדי ווייניקסטנס עפּעס צו טאָן, גיס איך אַריין אין זיך דאָס גלאָז ביר מיט איין מאָל. מאָמענטאַל באַשטעלט מען פאַר מיר אַ צווייטס; דער עולם ווייס, וואָס ער איז מחויב צו טאָן פאַרן זעלנער. זיי דיספּוטירן וועגן דעם, וואָס מיר דאַרפן אַנעקטירן. דער דירעקטאָר מיט דער אייזערנער זייגער-קייט וויל לפּחות: גאַנץ בעלגיע, די קוילן-געביטן פון פראַנקרייך און גרויסע שטחים פון רוסלאַנד.

ער גיט אָן גאַנץ גענויע מאָטיוון פאַרוואָס מיר מוזן עס האָבן, און טרעט נישט אָפּ אַזוי לאַנג פון זיינע פאָדערונגען, ביז די איבעריקע זענען סוף כּל סוף מיט אים מסכּים. דערנאָך

האָבט ער מיר אָן מסביר צו זיין, ווי ס'מוז אין פראַנקרייך פּאַסירן בעת דער דורכברוך און ווענדט זיך ווידער אַמאָל צו מיר:

— נו, מאַכט שוין דאָרט אַ סוף מיט אייער אייביקן פּאָזיציע-קריג. טוט זיך אַ רוק פאַראויס, וואַרפט זיי אַרויס, די כּלבים, און דאַן האָט איר דעם שלום.

איך ענטפער, אַז לויט אונדזער מיינונג איז קיין דורכברוך בשום אופן נישט מעגלעך. יענע דאָרט אויבן האָבן צופיל רעזערוון, אויסערדעם איז דער קריג לגמרי עפּעס אַנדערש, ווי דאָס, וואָס מ'שטעלט זיך פאָר.

ער אָפּאָנירט מיט גרויס זיכערקייט און באַווייזט מיר, אַז איך אָריענטיר זיך בכלל דערין זייער שלעכט.

— געוויס, דער יחיד — זאָגט ער — אָבער דאָ האַנדלט זיך דאָך וועגן כּלל. און מכח דעם קאָנט איר שוין לגמרי נישט אורטיילן. איר זעט נאָר אייער קליינעם פראָנט-טייל און דעריבער האָט איר נישט קיין שום פּערספּעקטיוו. איר טוט אייער פליכט, איר שטעלט איין דאָס לעבן, איר פאַרדינט דערמיט דעם גרעסטן כּבוד — יעדערער פון אייך האָט געדאַרפט קריגן דעם אייזערנעם קרייץ — אָבער קודם כּל מוז ווערן דורכגעריסן דער קעגנערישער פראָנט אין פלאַנדריע און דערנאָך פון אויבן צעשמעטערט ווערן אויף שטיקלעך.

ער סאָפּעט און ווישט זיך די באָרד.

— לחלוטין צעשמעטערט מוז ער ווערן פון אויבן ביז אונטן. און דערנאָך אויף פּאַריז.

איך וואָלט זייער וועלן וויסן, ווי אַזוי ער שטעלט זיך עס פאָר און גיס אַריין אין זיך דאָס דריטע גלאָז ביר. תּיכּף הייסט ער ברענגען נאָך איינס.

אָבער איך טו זיך אַ הויב אויף. ער רוקט מיר אַריין אין קעשענע נאָך עטלעכע ציגאַרן און איז מיך משלח מיט אַ העכסט פריינדשאַפטלעכן קלאַפּ:

— אַלדאָס גוטס! איך האָף, אַז אינגיכן וועלן מיר הערן וועגן אייערע גרויסע העלדן-טאַטן.

איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט דעם אורלויב לגמרי אַנדערש. מיט אַ יאָר צוריק איז עס באמת גאָר אַנדערש געווען. אפשר האָב איך זיך טאַקע פֿאַר דער צייט געענדערט. צווישן הייבט און דעמאָלט ליגט אַ גאַנצער תהום. דעמאָלט האָב איך נאָך דעם קריג לחלוטין נישט געקענט, מיר זענען געשטאַנען אויף רויקע פּאָזיציעס. הייגט מערק איך, אַז נישט ווויסנדיק, בין איך געוואָרן אַן אַנדערער. איך געפֿין מיר דאָ קיין אָרט נישט. ס'איז עפּעס פֿאַר מיר נאָר אַ פֿרעמדע וועלט. איינע פֿרעגן, די צווייטע פֿרעגן נישט און מ'זעט, אַז זיי שטאָלצירן דערמיט; אָפּטמאָל זאָגן זיי עס נאָך מיט אַ מינע פֿון גרויס גאווה, וואָס מ'קאָן וועגן דעם נישט רעדן. זיי מאַכן בכלל דערפֿון אַ וויכטיקן ענין.

צום ליבסטן זיץ איך אַליין, דעמאָלט שטערט מיר קיינער נישט. ווייל אַלע חזרן זיי תמיד איבער איינס און דאָס זעלבע, ווי שלעכט ס'איז און ווי גוט ס'איז, איינער געפֿינט אַזוי, דער צווייטער אַנדערש — בכלל אינטערעסירט עס זיי בלויז אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל ס'איז נוגע זייער אייגענע עקזיסטענץ. איך האָב פֿריער געוויס אויך אַזוי געלעבט, אָבער איצט בין איך זייער ווייט פֿון דעם אַלעם.

עפּעס רעדן זיי מיר צופֿיל. זיי האָבן דאגות, צילן, פֿאַרלאַנגען, וואָס איך קאָן זיי בשום אופֿן נישט באַנעמען אויף זייער שטייגער. אָפּטמאָל זיץ איך מיט איינעם פֿון זיי אין קליינעם שטאָטגאָרטן און פּרווו אים קלאָר צו מאַכן, אַז דאָס איז שוין אייגנטלעך אַלץ; צו זיצן אַזוי שטיל. זיי פֿאַרשטייען עס נאַטירלעך, זענען מסכּים, געפֿינען, אַז ס'איז אַזוי, אָבער נאָר מיט ווערטער, נאָר מיט ווערטער, דאָס איז עס טאַקע — זיי שפּירן עס, אָבער תּמיד בלויז אויף דער העלפֿט, זייער צווייטער מהות איז ביי אַנדערע זאַכן, זיי זענען אַזוי איינגעטיילט, קיינער שפּירט עס נישט מיט זיין גאַנצן לעבן; א ך קאָן באמת אַליין אויך נישט זאָגן, וואָס איך מיין אייגנטלעך.

בעת איך זע זיי אַזעלכע אין זייערע צימערן, אין זייערע ביוראָס, ביי זייערע פּראָפֿעסיעס, ציט עס מיך שטאַרק צו, איך וואָלט אויך וועלן דאָ זיין און פֿאַרגעסן דעם קריג; אָבער באַלד

שטויסט עס מיך אָפּ. ס׳איז אַזוי ענג, ווי קאָן דאָס אויספילן אַ גאַנצן לעבן, מ׳דאַרף עס צעברעכן, צעטראַסקען, ווי קאָן עס אַזוי זיין, בעת דאָרט, אויפן פראָנט, טראָגן זיך די קוילן איבער די אָקאָפּעס און די גראַנאַטן טראַסקען, און די פאַרווונדעטע שלעפּט מען צוריק אויף די לייוונטענע טראָג־בעטלעך און די חברים באַהאַלטן זיך אין די ווינקלען פון די שוצגראָבנס. דאָ זענען עפּעס לגמרי אנדערע מענטשן, מענטשן, וואָס איך פאַרשטיי זיי נישט, וואָס איך בין זיי מקנא און פאַראַכט זיי גלייכצייטיק. נישט ווילנדיק מוז איך קלערן וועגן קאַטן און אַלבערטן און מילערן און טיאַדען, וואָס טוען זיי דאָרט איצט? אפשר זיצן זיי אין קאַנטינע אָדער זיי שווימען — באַלד מוזן זיי ווידער גיין אויפן פראָנט.

* * *

אין מיין צימער, קעגנאיבער דעם טיש, שטייט אַ לעדערנע קאַנאַפּע. איך זעץ זיך אַוועק. אויף די ווענט הענגען אַ סך בילדער, אָנגעקלאַפּט מיט קנאָפּקעס, וואָס איך האָב אַמאָל אויסגעשניטן פון צייטשריפטן. פּאָסטקאַרטלעך און צייכנונגען, וואָס זענען מיר געווען געפעלן. אין ווינקל שטייט אַ קליינער אייזערנער אויוון. ביי דער צווייטער וואַנט אַן עטאַזשערקע מיט מיינע ביכער.

אין דעם צימער האָב איך געלעבט, איידער איך בין געוואָרן אַ זעלנער. די ביכער האָב איך מיר איינגעקויפט ביסלעכווייז פון דעם געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט פון לעקציעס. אַ סך פון זיי זענען געניצטע, אַלע קלאַסיקער, למשל, אַ באַנד האָט געקאָסט אַ מאַרק מיט צוואַנציק פעניק און שטייפן בלויען לייוונט. איך האָב זיי געקויפט אינגאַנצן, ווייל איך בין געווען ערנסט, ביי אויסגעוויילטע ווערק האָב איך קיינמאָל נישט געטרויט דעם אַרויסגעבער, ווי גוט זיי זאָלן נישט זיין. דעריבער האָב איך שטענדיק געקויפט בלויז „געזאַמלטע ווערק". געלייענט האָב איך זיי מיט גרויס התמדה, אָבער סרוב פון זיי האָבן מיך נישט שטאַרק באַפרידיקט. דעריבער האָב איך מער געהאַלטן פון

די נייע ביכער, פון די מאָדערנע, וועלכע זענען, נאַטירלעך, טאַקע געווען אַ סך טייערער. עטלעכע פון זיי האָב איך אַפילו דערוואַרבן נישט איינגאַנצן אויף קיין ערלעכן שטייגער, איך האָב זיי געליען און נישט צוריקגעגעבן, ווייל איך האָב זיך מיט זיי נישט געקאָנט צעשיידן.

איין פּאָליצע פון דער עטאַזשערקע איז אָנגעשטעלט בלויז מיט שול-ביכער. זיי זענען שטאַרק אָפּגענוצט, ווייל מען האָט זיי ווייניק געשוינט, די זייטלעך ארויסגעריסן, מען ווייסט דאָך צו וואָס און גאָר הינטן איז אָנגעפּאַקט העפטן, פּאַפּירן און בריוו, צייכענונגען און מוסטערן.

איך וויל זיך אַריבערטראָגן אין מיינע געדאַנקען צוריק אין יענער צייט. זי איז דאָך נאָך דאָ אין צימער, איך שפּיר עס תיכּף, די ווענט טראָגן זי אויף זיך. מיינע הענט ליגן אויף דעם פּאָרענטש פון דער סאָפעקע; איצט מאַך איך מיר באַקוועם און לייג אויך ארויף די פיס, און אַזוי זיץ איך מיר אין ווינקל, פּונקט ווי די סאָפעקע זאָל מיך האַלטן אין אירע אָרעמס. דאָס קליינע פענצטער איז אָפן, עס זעט זיך דאָס באַקאַנטע בילד פון דער גאַס מיטן הויכן קירכן-טורם אויפן ראָג. אויפן טיש שטייען אַ פּאָר בלומען, עס ליגן פעדער-האַלטערס, בלייפעדערס, אַ מושל אַלס פּרעס-פּאַפּיר, דער טינטער — דאָ איז אַלץ געבליבן אומפאַרענדערט.

אַזוי וועט עס אויך בלייבן אויב מיר וועט אָפּגליקן. דער קריג וועט זיך ענדיקן און איך וועל קומען אַהיים אויף שטענדיק. פּונקט ווי איצט וועל איך דאָ זיצן און אָנקוקן מיין צימער און וואַרטן.

איך בין אויפגערעגט, אָבער איך וויל עס נישט זיין, ווייל עס איז נישט ריכטיק. עס ווילט זיך מיר ווידער דערשפּירן די דיאָזיקע שטילע התלהבות, דאָס געפיל פון העפטיקן, אומדערקלערלעכן דראַנג, ווי פריער. בעת איך בין צוגעגאַנגען צו מיינע ביכער. ווידער זאָל מיך אַרומכאַפּן דער ווינט פון די ווונטשן, וואָס טראָגט זיך פון די פאַרשידנפאַרביקע ביכער-רוקנס, ער זאָל צעשמעלצן דעם שווערן, טויטן שטיק בליי, וואָס ליגט ערגעץ

ווי אין מיר באַדאַלטן און ווידער וועקן אין מיר די אומגעדולד פון דער צוקונפט, די באַפליגלטע פרייד מיט דער וועלט פון געדאַנקען; — ער זאָל מיר צוריקברענגען מיין פאַרלאָרענע יוגנט־ענערגיע.

איך זיץ און וואַרט.

פלוצלינג פאַלט מיר איין, אַז איך מוז גיין צו קעמעריכס מאַמע; מיטלשטעטן קאָן איך אויך באַזוכן, ער איז זיכער אין קאַזאַר־מע. איך קוק דורכן פענצטער: — הינטערן זוניקן גאַסן־בילד באַ־ווייזן זיך מיט נעפל באַדעקטע בערגלעך, פאַרוואַנדלען זיך אין א העלן הערבסט־טאָג, ווו איך זיץ ביים פייער און עס מיט קאַטן און אַלבערטן געבראָטענע קאַרטאָפל מיט שאָלעכץ.

אָבער וועגן דעם וויל איך איצט נישט קלערן, איך טרייב אָפּ דעמדאָזיקן געדאַנק, דאָס צימער זאָל ריידן, זאָל מיך אַרומ־כאַפּן און טראָגן, איך וויל פילן, אַז איך געהער אַהער, און זיך צוהערן, כדי איך זאָל וויסן, ווען איך גיי צוריק אויפן פראָנט. דער קריג פאַרזינקט און דערטרינקט זיך, בעת עס קומט די כוואַליע פון אַהיימקער, ער האָט זיך געענדיקט, ער פרעסט אונדז נישט אויף, ער האָט נישט איבער אונדז קיין אנדערע שליטה ווי די אויסערלעכע.

די ביכער־רוקנס שטייען איינער נעבן אנדערן. איך דערקען זיי און דערמאָן זיך אפילו וויאַזוי איך האָב זיי איינ־געשטעלט. איך בעט זיי מיט מיינע אויגן: רעדט צו מיר,—נעמט מיך אויף, — נעם מיך אויף, דו לעבן פון פריער, — דו שיין זאָרגלאָז לעבן — נעם מיך ווידער אויף —

איך וואַרט, איך וואַרט.

בילדער טראָגן זיך פאַרביי, זיי האַלטן זיך נישט פעסט, זיי זענען בלויז שאָטנס און דערינערונגען.

קיין זאַך נישט — קיין זאַך נישט.

מיין אומרויִקייט וואַקסט.

א מוראדיק געפיל פון פרעמדקייט דערוועקט זיך פלוצלינג אין מיר. איך קאָן נישט צוריקגעפינען, איך בין אויסגעשלאָסן; ווי איך זאָל נישט בעטן און וויפיל איך זאָל זיך נישט אָנ־

שטרענגען, קיין זאַך רירט זיך נישט, איינזאַם און טרויעריק זיץ איך דאָ ווי אַ פאַרמשפּטער. און די פאַרגאַנגענהייט קערט זיך אָפּ. גלייכצייטיק שפּיר איך עפּעס אַ מין מורא איר צו שטאַרק צו בעטן, ווייל איך ווייס נישט, וואָס עס קאָן דערפון שפּעטער אַרויסקומען. איך בין אַ זעלנער, און דערביי מוז איך זיך האַלטן.

אַ מידער שטיי איך אויף און קוק אַרויס דורכן פענצטער. דערנאָך נעם איך איינס פון די ביכער, הייב אָן צו בלעטערן, כדי צו לערנען. אָבער איך שטעל עס אַוועק און נעם אָן אַנדערס. איך זע אין בוך ערטער, וואָס זענען אונטערגעשטראָכן. איך זוך, בלעטער, נעם נייע ביכער. נעבן מיר ליגט שוין אַ גאַנצער פּאַק, באַלד קומען צו נאָך אַנדערע, האַסטיקער — בלעטער, העפטן, בריוו.

שטים שטיי איך פאַר דעם אַלעם. ווי פאַר אַ געריכט.

מוטלאָז.

ווערטער, ווערטער, ווערטער — זיי דערגייען נישט צו מיר, דערגרייכן מיך נישט.

פּאַמעלעך שטעל איך צוריק אַוועק די ביכער אויף זייערע ערטער.

פאַרביי, אויף אייביק פאַרביי.

שטיל גיי איך אַרויס פון צימער.

* *

איך האָב נאָך די האָפענונג נישט פאַרלאָרן. מיין צימער טרעט איך שוין מער נישט איבער. איך טרייסט זיך אָבער דערמיט, וואָס עטלעכע טעג דאַרפן נאָך נישט זיין דער סוף. איך האָב דערנאָך — שפּעטער — גאַנצע יאָרן צייט דערויף.

דערווייל גיי איך צו מיטלשטעטן אין קאַזאַרמע און מיר זיצן אין זיין חדר, דאָ איז אַ לופט, וואָס איך האָב נישט ליב, אָבער איך בין צו איר געוווינט.

מיטלשטעט האָט פאַר מיר גרייט אַ נייעס, וואָס עלעקטריזירט מיך פּשוט.

ער דערציילט מיר, אַז קאַנטאַרעק איז אַהער געקומען אַלס

לאַנד־שטורמאַן*) — שטעל דיר פאָר, זאָגט ער און נעמט אַרויס אַ פּאָר גוטע ציגאַרן, איך קום אַהער פון לאַזאַרעט און ער גייט מיר אַנטקעגן. ער שטרעקט מיר אויס זיין לאַפּע און קוואָקעט.

— זעט נאָר, מיטלשטעט, וואָס מאַכט מען?

איך גלאָץ אויס אַ פּאָר אויגן און ענטפער:

— לאַנד־שטורמאַן, קאַנטאַרעק, דינסט איז דינסט און שנאַפּס איז שנאַפּס, דאָס האָט איר אייגנטלעך אַמבעסטן געדאַרפט וויסן. האַלט זיך ווי געהעריק, בעת איר רעדט מיט אַ העכערן פון אייך! — האָסט געדאַרפט זען בעת־מעשה זיין פּנים! אַן אמתע זויערע אוגערקע! באַלד פּרווט ער זיך אָבער נאָכאַמאָל צו רעדן פּריינט־לעכער. איך ענטפער אים אָבער נאָך שאַרפער. און אַט נוצט ער אויס אין קאַמף זיין שטאַרקסטע געווער און פרעגט פאַרטרויליך:

-- זאָל איך אייך מיטהעלפן, אַז מען זאָל אייך צולאָזן צום עקזאַמען?

ער האָט מיך געוואָלט דערמאָנען, פאַרשטייסט צי נישט. און אַט ווער איך אַן אויפגעקאָכטער און דערמאָן אים אויך:

לאַנד־שטורמאַן, קאַנטאַרעק, מיט צוויי יאָר צוריק האָט איר אונדז אַגיטירט זיך צו מעלדן אין באַצירקס־ביוראָ; צוזאַמען מיט אונדז אויך יאָזעף בעהם, וואָס האָט אייגנטלעך נישט געוואָלט. ער איז געפאַלן מיט דריי חדשים פריער, איידער מען האָט אים אָפּגערופן פון פראָנט. אָן אייך וואָלט ער דערצו נישט גע־קומען. און איצט: צוריק. מיר וועלן זיך נאָך דורכריידן. מיר איז אָנגעקומען לייכט זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון זיין קאָמפּאַניע. קודם כּל האָב איך אים מיטגענומען אין קליידער־מאַגאַזין און געזען מען זאָל אים ווי געהעריק אויספּוצן. די וועסט אים באַלד זען.

מיר גייען אַריין אין הויף. די קאָמפּאַניע שטייט גרייט. מיטלשטעט גייט צו נעענטער און קאָנטראָלירט.

און אַט דערזע איך קאַנטאַרעקן און האַלט זיך איין מיט אַלע כּוחות נישט אויסצושיסן מיט קיין געלעכטער. ער טראָגט אַ

*) לאַנדשטורם — קריגספּעיקע איינוווינער, וואָס געהערן אָבער נישט צום פאַקטישן מיליטער. (איב.)

לאַנגן אָפּגעבליאַקירטן בלויען ראָק. אויפן רוקן און אויף ד
אַרבל זענען אַרייננעשטעלט גרויסע טונקעלע לאַטעס. דער ראָק
האָט וואַרשיינלעך געהערט עפּעס צו אַ מין ריז. דערפאַר אָבער
זענען שוין די אויסגעריבענע שוואַרצע הויזן אַ ביסל צו קורץ,
זיי דערגרייכן אים בלויז ביז צו די קני. די שיך אָבער זענען
טאַקע דערפאַר ברייטע, אייזן־האַרטע, אַלטפרענקישע טרעטערס
מיט לאַנגע שפּיצן, ביי די זייטן צו שנורעוועןן. אַלס אויסגלייך
איז דאָס היטל ווידער צו קליין, אַ מוראדיק שמוציק קרעצל.
דער אַלגעמיינער איינדרוק איז מער ווי אַ קאָמישער, ער רופט
ממש ארויס אַ רחמנות־געפיל.

מיטלשטעט בלייבט פאַר אים שטיין:

לאַנד־שטורמאַן, קאַנטאַרעק, צי דאָס הייסט אַן אויסגע־
פּוצטער קנאָפּ? ווי עס ווייזט אויס האָט איר עס קיינמאָל נישט
געלערנט, עס איז צו ווייניק קאַנטאַרעק, צו ווייניק. —

איך קוועל ממש פון נחת. פּונקט אַזוי האָט קאַנטאַרעק אין
שולע געזידלט מיטלשטעטן, מיטן זעלבן טאָן:

„צו ווייניק, מיטלשטעט, צו ווייניק. —

מיטלשטעט שטראָפט אים ווייטער:

— קוקט זיך נאָר צו צו בעטכערן, ער קאָן אייך דינען
אַלס ביישפּיל, ביי אים מעגט איר זיך לערנען.

איך טרוי פּשוט נישט מיינע אויגן.

בעטכער איז טאַקע אויך דאָ, בעטכער אונדזער שול־פּאָר־
טיער. און ער קאָן דאָס דינען אַלס ביישפּיל! קאַנטאַרעק וואַרפט
אויף מיר אַ בליק, ווי ער זאָל מיך וועלן איינשלינגען. איך
אָבער באַטראַכט רויק זיין פּרצוף, גלייך ווי איך קען אים גאָר־
נישט.

ווי משונהדיק באַריש זעט ער אויס אין זיין קרעצל אויפן
קאָפּ און אין זיין העלבלויען מונדיר! און פאַר אַזאַ מין פאַר־
שוין האָט מען עס פריער געציטערט און געפּלאַטערט, בעת ער
האָט געטראָגנט אויף דער קאַטעדרע און פּלעגט שטעכן מיטן
בלייפעדער יעדן איינעם פון אונדז פאַר די אומרעגלמעסיקע

פראַנצויזישע צייטווערטער, מיט וועלכע מ'האָט שפּעטער אין פראַנקרייך לגמרי גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן.

ס'זענען נאָך כמעט נישט אַריבער קיין גאַנצע צוויי יאָר; — און אָט שטייט דאָ איצט דער לאַנדשטורמאַן קאַנטאָרעק, אַן אַבדיקירטער מלך, מיט קרומע קני און אָרעמס ווי טאָפּ-אויערן, מיט שלעכט געפּוצטע קנעפּ און אין אַ לעכערלעכער פּאָזע, אַן אוממעגלעכער זעלנער.

בשום-אופן קאָן איך אים איצט נישט צונויפבינדן מיט יענעם דראָענדיקן בילד אויף דער קאַטעדרע, און איך וואָלט באמת זייער געוואלט וויסן, וואָס וועל איך טאָן, אויב דערדאָזיקער עלנטער פאַרשוין וועט מיך, דעם אַלטן זעלנער, נאָך אַמאָל ווען ס'איז אַ פרעג טאָן:

— „נו. בוימער, זאָגט מיר נאָר ווי וועט זיין דער עבר פון צייטוואָרט — —

דערווייל באַפעלט מיטלשטעט אָנהויבן זיך צו איבן און אָנגרייפן, קאַנטאָרעק ווערט פון אים גוטמוטיק באַשטימט אַלס גרופּע-פירער.

דערין ליגט אַ באַזונדערער גרונט. בעתן אָנגריף מוז זיך דער גרופּעפירער תמיד געפינען אויף צוואָנציק טריט פריער פאַר זיין גרופּע; — ווי נאָר מ'קאָמאַנדעוועט: צוריק — מאַרש! מאַכט די אָנגרייפער-ריי בלויז אַ ווענדונג, דער גרופּע-פירער אָבער וואָס צוליב דערדאָזיקער באַוועגונג געפינט ער זיך פּלוצלונג צוואָנציק טריט הינטער דער ליניע, מוז לויפן אין גאַלאָפּ, כדי ווידער צו קומען אויף צוואָנציק טריט פריער פאַר דער גרופּע. צוזאַמען זענען עס אַלזאָ פערציק טריט מאַרש, מאַרש. ווי נאָר ער קומט אָבער אָן, ווערט ווידער תיכף קאָמאַנדירט צוריק — מאַרש! און ער מוז ווידער לויפן פערציק טריט אויף דער צווייטער זייט אויף דעם אופן מאַכט די גרופּע גאַנץ געמיטלעך בלויז איין ווענדונג און אַ פּאָר טריט, בעת דער גרופּע-פירער טאַנצט אַרום הין און צוריק ווי אַ פּאַיאַץ אויף אַ שטעקן. דערדאָזיקער גאַנצער אויפטו איז איינער פון הימלשטאָס אויסגעפּרוּווטע רעצעפּטן.

קאַנטאָרעק קאָן פון מיטלשטעטן מער נישט פאַרלאַנגען,

ווייל ער האָט אים אַמאָל נישט דורכגעלאָזן ביים עקזאַמען און מיטלשטעט וואָלט געווען אַ גרויסער שוטה נישט אויסצונוצן אַזאַ גוטע געלעגנהייט, איידער ער גייט צוריק אַוועק אויפן פראָנט! מ׳שטאַרבט דאָך אפשר אַביסל לייכטער, וויסנדיק, אַז אַ זעלנער קאָן אויך אַמאָל האָבן די מעגלעכקייט צו ווייזן, אַז ער איז אַ מענטש.

דערווייל לויפט קאַנטאָרעק הין און צוריק ווי אַן איבערגעשראָקענער ווילדער חזיר. אין אַ צייט אַרום רייסט מיטלשטעט איבער דידאַקטישע שפּיל און איצט הויבט זיך אָן די זייער וויכטיקע איבונג פון קריכן אויף די קני און עלנבויגנס, האַלטנדיק ווי געהעריק דעם שנור, רוקט קאַנטאָרעק זיין פּראַכט-פיגור איבערן זאַמד, האַרט פאַרביי אונדז. ער סאָפּעט שטאַרק, און זיין סאָפּן איז אמתע מוזיק.

מיטלשטעט מונטערט אים אויף, טרייסטנדיק דעם לאַנדשטורמאַן קאַנטאָרעק מיט ציטאַטן פון אויבערלערער קאַנטאָרעק.

— „לאַנדשטורמאַן קאַנטאָרעק, מיר האָבן דאָס גליק צו לעבן אין אַ גרויסער צייט און מוזן זיך אַלע צונויפנעמען און איבערטראָגן אויך דאָס ביטערע.

קאַנטאָרעק שפּייט אויס אַ שמוציק שטיקל האָלץ, וואָס איז אים אַריין צווישן די ציין, און שוויצט.

מיטלשטעט בויגט זיך אַראָפּ און דרשנט ווייטער:

— „און צוליב קלייניקייטן, לאַנדשטורמאַן קאַנטאָרעק, דאַרף מען קיינמאָל די גרויסע איבערלעבענישן נישט פאַרגעסן!

מיך וווּנדערט, וואָס קאַנטאָרעק ווערט נישט צעפּלאַצט מיט איין קנאַל, באַזונדערס איצט, בעת די ספּאָרט-איבונגען, ווען מיטלשטעט קאָפּירט אים גרויסאַרטיק, כאַפּנדיק אים פאַרן לאַץ, פאַרן שפּיץ גאָמבע, שיטנדיק דערביי מיט פאַרשידענע חכמות פונקט ווי קאַנטאָרעק האָט עס פריער געמאַכט מיט אים.

דערנאָך ווערט פאַרטיילט דער ווייטערדיקער דינסט.

— קאַנטאָרעק און בעטכער, גייט נאָכן ברויט! נעמט מיט דאָס האַנט-וועגעלע!

אין אַ פּאָר מינוט אַרום לאָזט זיך אַוועק ס׳פּאָרל מיטן

האַנטוועגעלע. קאַנטאָרעק, אַ צעקאָכטער, האַלט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. דער פּאַרטיער איז שטאָלץ, ווייל ער האָט אַ לייכטן דינסט.

די ברויטפאַבריק איז אויפן צווייטן עק שטאָט. ביידע מוזן זיך דעריבער שלעפּן הין און צוריק איבער דער גאַנצער שטאָט.

— די אַרבעט דויערט שוין ביי אייך אַ פּאָר טעג— כּעסט זיך מיטלשטעט— ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען זיך שוין אויף אייך נישט דערוואַרטן.

— גרויסאַרטיק — זאָג איך — און ער האָט זיך נאָך נישט באַקלאָגט ?

— ער האָט עס שוין געפּרוווט ! אונדזער קאָמאַנדיר האָט שרעקלעך געלאַכט, דערהערנדיק די דאָזיקע מעשה. ער קאָן נישט פאַרטראָגן קיין לערער. אויסערדעם פלירטעווע איך מיט זיין טאָכטער.

— ער וועט דיר אָפּטאָן אַ שטיקל ביים עקזאַמען.

— איך פייף אויף אים— ענטפערט מיטלשטעט געלאַסן— זיין אָנקלאַגע איז אויסערדעם געווען לגמרי צוועקלאָז, ווייל איך האָב געקאָנט דערווייזן, אַז זיין דינסט איז מייסטנס געווען זייער אַ לייכטער.

— האָסט נישט געקאָנט ווי געהעריק אים אָנלערנען ? — טו איך אַ פרעג.

— צופיל כּבוד פאַר אים — ענטפערט מיטלשטעט רויק און שטאָלץ.

* *

*

וואָס איז דער אורלויב ? — אַ מין וואַקלעניש, וואָס מאַכט נאָר שפּעטער אַלץ נאָך שווערער. שוין איצט מישט זיך אריין דער אָפּשייד.

מיין מאַמע קוקט מיך שווייגנדיק אָן ; — זי ציילט די טעג, איך ווייס עס ; יעדן פרימאָרגן איז זי טרויעריק. שוין ווי־דער אַ טאָג ווייניקער. מיין טאָרניסטער האָט זי פאַררוקט, זי וויל נישט, אַז ער זאָל איר דערמאָנען אָן מיין אַוועקפאָרן.

די שעהן לויפן געשווינט. בעת מ׳זיצט ליידיק און מען

טראַכט זיך אַריין. איך טו זיך אַ כאַפּ און גיי באַגלייטן מיין שוועסטער. זי גייט אין יאַטקע, אפשר וועט זי קריגן עטלעכע פונט ביינער. עס איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך. פון באַגינען אָן שטייט דער עולם שעהן לאַנג אין דער ריי. גאַנץ אָפט פאַלט מען דאָרט אין חלשות.

מיר האָבן נישט קיין גליק. נאָכדעם ווי מיר זענען, זיך בייטנדיק, אָפּגעשטאַנען גאַנצע דריי שעה, פאַרמאַכט מען די יאַטקע. נישטאָ מער קיין ביינער.

עס איז גוט, וואָס איך באַקום פּראָדוקטן. איך ברענג דער-פון אַ טייל מיין מאַמען, און מיר האָבן אַלע אַ ביסל בעסער צו עסן.

די טעג ווערן כסדר שווערער און מיין מאַמעס אויגן אַלץ טרויעריקער. נאָך פיר טעג. איך מוז גייען צו קעמעריכס מוטער.

* *

*

מען קאָן עס בשום אופן נישט שילדערן אויפן פּאַפּיר. דידאָזיקע ציטערנדיקע כליפּנדיקע פרוי, וואָס טרייסלט מיך און שרייט אויף מיר:

„פאַרוואָס־זשע לעבסטו, אַז ער איז טויט?

וואָס פאַרפלייצט מיך ממש מיט טרערן און שרייט:

„צו וואָס זענט איר בכלל דאָ, קינדער ווי איר" —

וואָס טוט זיך אַ וואָרף אויף אַ שטול און וויינט!

— „צי האָסטו אים געזען? צו האָסטו אים נאָך געזען? ווי אַזוי איז ער געשטאָרבן?

איך זאָג איר, אַז ער האָט באַקומען אַ קויל אין האַרצן און איז אויפן אָרט געשטאָרבן. זי קוקט מיך אָן, זי צווייפלט:

— דו זאָגסט ליגן, איך ווייס עס בעסער.

איך האָב געפילט ווי שווער ער איז געשטאָרבן. איך האָב געהערט זיין שטים, זיין אַנגסט האָב איך באַנאַכט געשפּירט, — זאָג דעם אמת, איך וויל עס וויסן, איך מוז עס וויסן.

— ניין, — זאָג איך, איך בין נעבן אים געווען, ער איז גלייך געוועזן טויט.

זי בעט מיך שטילערהייט:

„זאָג עס מיר, דו מוזט עס. איך ווייס דו ווילסט מיך דערמיט טרייסטן, אָבער צי דען זעסטו נישט אז דו קוועלסט מיך נאָך ערגער, ווי ווען דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת. איך קאָן די אומגעוויסהייט מער נישט אריבערטראָגן, זאָג מיר ווי עס איז געווען, ווי שרעקלעך עס זאָל נישט זיין. עס איז נאָך אַלץ בעסער, ווי דאָס וואָס איך קלער.

איך וואָלט עס איר שוין קיינמאָל נישט געזאָגט, ווען זי זאָל מיך אפילו צעהאקן אויף שטיקלעך. איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות, אָבער דאָך קומט זי מיר אויס א ביסל נאַריש. זי מוז זיך דאָך איין פּאַר אַלע מאָל זאָגן, קעמעריך בלייבט טויט, צו זי ווייס עס אדער נישט. אַז מען האָט געזען אַזויפיל טויטע, קאָן מען שוין בשום אופן נישט באַגרייפן וויאַזוי מען קלאָגט און מען ליידט אַזויפיל צוליב איין איינצלנעם. און איך טו דעריבער אַ זאָג שוין א ביסל אומגעדולדיק:

— ער איז תיכּף געווען טויט. ער האָט עס גאָרנישט געפילט. זיין פּנים איז געווען גאַנץ רויק.

זי שווייגט. דערנאָך פרעגט זי לאַנגזאַם:

— צי קאָנסטו מיר דערויף שווערן?

— יאָ.

— מיט אַלץ וואָס דיר איז הייליק?

אַך גאָט, וואָס איז שוין דען ביי מיר הייליק? דאָס בייט זיך דאָך ביי אונדז אזוי געשווינט.

— אָ, ער איז תיכּף געווען טויט.

— ווילסטו אַליין נישט צוריק קומען, אויב עס איז נישט אמת?

— איך וויל נישט צוריק קומען, אויב ער איז נישט געווען תיכּף טויט.

איך וואָלט נאָך ווער ווייסט וואָס אויף זיך גענומען. אָבער עס ווייזט אויס, אַז זי גלויבט מיר. זי קרעכצט און וויינט אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד. איך זאָל איר דערציילן וויאַזוי עס איז

געוויינט און איך קלער אויס א מעשה, אין וועלכער איך גלויב כמעט אליין.

ווען איך גיי אוועק קושט זי מיך און שענקט מיר זיינס א בילד. ער שטייט אויף אים אין זיין רעקרוטן-מונדיר אָנגע-שפּאַרט אָן א רונדן טיש, וואָס זיינע פיסלעך זענען פון אומ-געשיילטע ווייסע בוים-צווייגן. פון ווייטנס זעט זיך א וואַלד, גע-מאָלט אלס קוליס. אויפן טיש שטייט א קופּעל ביר.

* *

*

עס איז מיין לעצטער אָוונט אין דער היים. אַלע זענען שווייגעדיק. איך גיי פרי שלאָפן, איך כאַפּ אָן דאָס קישן, איך דריק עס צו זיך און גראָב דערין איין דעם קאָפּ. ווער ווייס צי וועל איך ווען עס איז נאָכאַמאָל שלאָפן אויף אַזא ווייכן געלעגער!

מיין מאַמע קומט שפּעטער נאָכאַמאָל צו מיר אין צימער. זי מיינט, אַז איך שלאָף, און איך מאַך זיך טאַקע שלאָפנדיק. צו ריידן, וואַכעדיק צו זיין איינער מיטן אַנדערן, איז צו שווער.

זי זיצט כמעט ביז אינדערפרי, כאָטש זי ליידט יסורים און קרימט זיך אָפּטמאָל. סוף-כל-סוף קאָן איך עס מער נישט איבערטראָגן. איך מאַך דעם אָנשטעל, ווי איך זאָל זיך פלוצלינג האָבן אויפגעכאַפּט.

— גיי שלאָפן, מאַמע, דו וועסט זיך נאָך דאָ פאַרקילן.

— זי זאָגט:

„שלאָפן וועל איך נאָך קאָנען גענוג שפּעטער"

איך זעץ זיך אַנידער:

איך גיי דאָך נישט פונדאַנען אויפן שלאַכט-פעלד, מאַמע. פיר וואָכן מוז איך דאָך נאָך פריער בלייבן אין באַראַקן-לאַגער. פון דאָרט וועל איך זיך נאָך אפשר אויף א זונטיק צו אייך אַריבערכאַפּן.

זי שווייגט. דערנאָך פרעגט זי שטילערהייט:

— שרעקסטו זיך זייער?

— ניין, מאַמע.

איך וויל דיר נאָך עפּעס זאָגן?

— זיי פּאַרזיכטיק מיט די פרויען אין פראנקרייך. זיי זענען דאָרט שלעכט.

— אַך מאַמע, מאַמע! פאַר דיר בין איך א קינד, — פאַרוואָס זאָל איך נישט אָפּוועקלייגן דעם קאָפּ אויף דיין שויס און וויינען? פאַרוואָס מוז איך כסדר זיין דער שטאַרקער און דער רויקערער, מיר ווילט זיך דאָך אויך אַמאָל וויינען און ווערן געטרייסט, איך בין דאָך, באמת, נישט פיל מער ווי א קינד, אין שאַנק העגגען נאָך מיינע קורצע יינגלערישע הויזן, עס איז דאָך ערשט נישט לאַנג געווען, פאַרוואָס איז עס שוין פאַרביי?

איך זאָג אזוי רויק ווי איך קאָן נאָר:

— דאָרט ווו מיר שטייען זענען נישטאָ קיין פרויען, מאַמע.

— און זיי גאַנץ פאָרזיכטיק דאָרט אין פעלד, פּאָול.

— אַך מאַמע, מאַמע! פאַרוואָס דריק איך דיך נישט אין מיינע אָרעמס און מיר זאָלן שטאַרבן ביידע. סאַרא עלנטע הינט מיר זעמיר אייגנטלעך!

— יאָ מאַמע, דאָס וועל איך טאָן.

— איך וועל יעדן טאָג פאַר דיר גאָט בעטן, פּאָול.

אַך מאַמע, מאַמע, לאָמיר אויפשטיין און אַוועקגיין, צוריק דורך די יאָרן ביז דאָסדאָזיקע גאַנצע עלנט זאָל אויף אונדז מער נישט ליגן, צוריק צו דיר און מיר אַליין, מאַמע!

— אפשר קאָנסטו באַקומען א פּאָסטן, וואָס איז נישט אַזוי געפערלעך.

— יאָ, מאַמע איך וועל אפשר אריין אין קיך, דאָס קאָן שוין זיין.

— נעם טאַקע אָן דעמדאָזיקן פּאָסטן, אפילו ווען די איבעריקע וועלן ריידן. —

— דאָס אַרט מיך קנאַפּ וואָס, מאַמע.

זי זיפצט. איר פּנים איז א ווייסער שיין אין דער טונקלקייט.

— איצט מוזטו גיין שלאָפן, מאַמע.

זי ענטפערט נישט.

איך שטיי אויף און לייג איר אַרויף מיין דעקע אויף די אַקסלען. זי שפּאַרט זיך אָן אויף מיין אָרעם, זי האָט שמערצן, אַזוי פּ״ר איך זי אַוועק. א קורצע ווײַלע בלייב איך נאָך בײַ איר.

— דו מוזט טאַקע איצט געזונט ווערן, מאַמע, ביז איך וועל צוריקקומען.

— יאָ, יאָ, מיין קינד.

— איר דאַרפט מיר קיין זאַך נישט שיקן, מאמע. מיר האָבן דאָרט גענוג צו עסן. אייך וועט עס מער צונוץ קומען.

ווי עלנט ליגט זי אין איר בעט, זי, די, וואָס האָט מיך ליב מער ווי אַלץ אויף דער וועלט. אַז איך וויל שוין אַוועקגיין זאָגט זי האסטיק:

— איך האָב דיר נאָך אָנגעגרייט צוויי פּאָר אונטערהויזן, עס איז גוטע וואָל, זייער וואַרעמע. פאַרגעס נאָר נישט זיי איינצופּאַקן.

— אך מאַמע, איך ווייס וואָס די צוויי פּאָר אונטערהויזן האָבן דיך געקאָסט, וויפיל דו ביסט אָפּגעשטאַנען און אַרומגע־לאָפן און געבעטלט! אך מאַמע, מאַמע, ווי קאָן מען עס משיג זיין, אַז איך מוז פון דיר אַוועק, ווער אַנדערש האָט דען אויף מיר מער רעכט פון דיר. איך זיץ נאָך דאָ, און דו ליגסט דאָרט, מיר האָבן זיך איינאַנדער אַזויפיל צו זאָגן, אָבער מיר וועלן שוין קיינמאָל דערצו נישט קומען.

— גוטע נאַכט, מאַמע.

— גוטע נאַכט, מיין קינד.

— דאָס צימער איז טונקל. מיין מוטערס אָטעם טראָגט זיך אין אים אַרום. אינמיטן קלאַפּט דער זייגער. אין דרויסן פאַר די פענצטער בלאָזט עס. די קאַשטאַנען־בוימער רוישן.

אין קאָרידאָר פאַל איך איבער מיין טאָרניסטער, דאָס ליגט שוין א פול געפּאַקטער, ווייל איך מוז מאָרגן גאנץ פרי אָפּפאָרן.

איך בייס מיינע קישנס. איך כאַפּ אַרום מיט די פויסטן די אייזערנע שטאַנגען פון מיין בעט. איך האָב נישט געטאָרט קומען אַהער. איך בין געווען גלייכגילטיק און אָפטמאָל האָפ־

נוּנגסלאָז דאָרט אויפן פעלד; — איך וועל שוין קיינמאָל נישט קאָנען אַזוי זיין. איך בין געווען אַ זעלנער און איצט בין איך נישט מער ווי די פאַרקערפּערונג פון ליידן וועגן זיך, וועגן מיין מוטער, וועגן אַלץ, וואָס איז אַזוי טרייסטלאָז און אָן אַ סוף.

איך האָב נישט געטאָרט פאַרן אויף אורלויב.

VIII

די באַראקן אין סטעפּ־לאַגער קען איך נאָך. דאָ האָט חימלשטאס דערצויגן טיאדען. ווייטער קען איך דאָ אבער קיינעם נישט; אַלץ האָט זיך דאָ געביטן, ווי שטענדיק. נאָר עטלעכע פון די דאָזיקע מענטשן האָב איך פריהער פארבייגייענדיק באַמערקט.

מיין דינסט־אַרבעט פיר איך אויס מעכאַניש. אין אָוונט בין איך כמעט שטענדיק אין דער זעלנער־היים, דאָ ליגן אויסגעשפרייט פאַרשידענע צייטונגען, וואָס איך לייען זיי אָבער נישט. עס שטייט דאָ אָבער א קלאַוויר און זייער גערן שפּיל איך אויף אים. צוויי מיידלעך באַדינען אונדז, איינע פון זיי איז א יונגע.

דער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט הויכע דראָט־פּאַרקאַנעס. אויב מיר קומען שפּעט פון זעלנער־היים מוזן מיר האָבן פּאַסיר־שיינען. ווער עס קאָן זיך פאַרשטענדיקן מיטן וואַך־פּאָסטן, קריכט, גאַטירלעך, אַזוי אויך דורך.

צווישן גרינע קוסטעס און ווייסע בזשאָזע־וועלדער מאַכן מיר יעדן טאָג אין סטעפּ אונדזערע קאָמפּאַניע־איבונגען. עס איז צו דערליידן, אזיב מען פאַרלאַנגט שוין נישט מער, מען לויפט פאָרויס, מען טוט זיך א וואָרף און דער אָטעם בייגט הין און צוריק די שטענגלעך אויף די בלעטער. דאָס קלאָרע זאַמד ליגט געדיכט אויפן באָדן, ריין ווי אין א לאַבאָראַטאָריע, צונויפגעמישט מיט א סך קליינינקע שטיינדעלעך. עס איז זייער אָנציענדיק איינצוגראָבן דערין די הענט.

צום שענסטן אָבער זענען די וועלדער מיט זייערע

בזשאָזע-ראַנדן. יעדן מאָמענט בייטן זיי די פאַרב. איצט לייכטן די שטאַמען ווייס ווי געפאַלענער שניי, און זיידיק און לופטיק שוועבן צווישן זיי די פאַרשידנפאַרביקע בלעטער; — אין אַ מינוט אַרום פאַרוואַנדלט זיך אַלץ אין אַ קריסטאַלענער בלאַקייט, וואָס טראָגט זיך ווי באַזילבערט פון ראַנד און פאַרטרייבט די גרינקייט; אָבער באַלד פאַרטונקלט עס זיך אויף איין אָרט כמעט ווי שוואַרץ, בעת עס טראָגט זיך אַ וואָלקן איבער דער זון און דערדאָזיקער שאָטן לויפט ווי אַ געשפענסט לענגאויס די איצט בלייכע שטאַמען, ווייטער איבערן סטעפּ צום האָריזאָנט, — דערווייל שטייען שוין די בזשאָזעס ווי יום-טובדיקע פענער מיט ווייסע שטאַנגען פאַרן רויט-גאָלדענעם גלאַנץ פון די אַרומיקע באַפאַרבטע קוסטעס.

דאָסדאָזיקע שפּיל פון די צאַרטע ליכטיקייטן און דורכזיכטיקע שאָטנס ווירקן אָפּטמאָל אויף מיר אַזוי פאַרשיכּורנדיק, אַז איך דערהער כמעט נישט די קאָמאַנדע-רופן.

בעת מ׳איז אַליין, הויבט מען אָן באַטראַכטן און ליב צו קריגן די נאַטור. און איך האָב דאָ נישט קיין גרויסע באַקאַנטשאַפט און וויל עס אויך צופיל נישט האָבן. מ׳איז צו ווייניק איינער מיטן אַנדערן באַקאַנט, מ׳זאָל קאָנען מער טאָן ווי אַביסל פּלאַפּלען און אין אָוונט שפּילן זיבעצן-און-פיר אָדער זיך וויצלען.

נעבן אונדזערע באַראַקן געפינט זיך דער גרויסער רוסן-לאַגער. ער איז אַפילו אָפּגעטיילט פון אונדז מיט הויכע דראָט-ווענט, אָבער דאָך גיט זיך אָפּט איין די געפאַנגענע צו אונדז אַריבערצוקומען. זיי האַלטן זיך זייער שרעקעוודיק, דערצו האָבן דאָס רוב פון זיי לאַנגע בערד און זענען גרויס, צוליב דעם מאַכן זיי אויף אונדז אַן איינדרוק פון פאַרשמיסענע, הכנעהדיקע בערנאַרדינער.

זיי קריכן אַרום אונדזערע באַראַקן און רעווידירן די אָפּפאַל-פעסלעך. מ׳קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס זיי געפינען דאָרט. אונדזער באַשפּייזונג איז אַ גאַנץ קנאַפּע, און דערצו אַ שלעכטע, ווי לבשל ברוקווע געשניטן אויף זעקס חלקים און אַ געטראַנק פון מערן-זאַפט, וואָס איז נאָך דערצו שטאַרק שמוציק;

קאַרטאָפֿל איז שוין אַן אמתער יום-טובֿדיקער מאכל, און דאָס העכסטע איז אַ שיטערע רייז-זופּ, אין וועלכער ס'דאַרפֿן פֿלומרשט אַרומשווימען קליינע שטיקלעך פֿלייש. זיי זענען אָבער אַזוי קליין געשניטן, אַז מ'קאָן זיי לגמרי נישט געפֿינען.

נישט געקוקט דערויף עסט מען, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ. אַז אימיצער איז באמת אַזוי רייך, ער זאָל נישט דאַרפֿן הונגערן, שטייען צען אַנדערע אַרום אים, וואָס וואָלטן עס גערן בײַ אים אָפּגענומען. נאָר די רעשטלעך, וואָס דער לעפֿל קאָן עס שוין נישט אָנכאַפּן, ווערן אַרויסגעוואָרפֿן און אַרײַנגעגאָסן אין די אָפּפֿאַל-פֿעסלעך. דערצו קומען נאָך אַמאָל צו שטיקלעך ריבן-שאָלעכץ, פֿאַרשימלטע ברויט-סקאָרקעס און אַלערליי פּסולת.

דאָס דאָזיקע שיטערע, מוטנע, שמוציקע וואַסער איז דער ציל פֿון די געפֿאַנגענע. גיריק שעפּן זיי דאָס אויס פֿון די שטינקעדיקע פֿעסלעך און טראָגן עס אַוועק אונטער זייערע בלוזקעס.

ס'איז משונהדיק, די דאָזיקע שונאים אונדזערע צו זען אַזוי נאָענט. זיי האָבן פּנימער, איבער וועלכע מ'מוז זיך נישט ווילנדיק פֿאַרטראַכטן, גוטע פּויערים-פּנימער, ברייטע שטערנס, ברייטע נעזער, ברייטע ליפּן, ברייטע הענט, געקרויזטע האָר. מ'האָט זיי געדאַרפֿט באַנוצן צום אַקערן, שנײַדן און רייסן עפּל. זיי זעען נאָך אויס אַ סך גוטמוטיקער ווי אונדזערע פּויערים אין פֿריזלאַנד.

ס'ווערט טרויעריק זיך צוצוקוקן צו זייערע באַוועגונגען, צו זייער בעטלען עפּעס עסן. זיי זענען אַלע גאַנץ שוואַך, ווײַל זיי קריגן פּונקט אַזוי פֿיל, אַז זיי זאָלן נישט אויסגיין פֿון הונגער. מיר גופֿא באַקומען דאָך שוין לאַנג נישט קיין עסן צו דער זעט. זיי האָבן שלשול, מיט צעשראָקענע פּנימער ווייזן אַ סך פֿון זיי די פֿאַרבלוטיקטע העמדער. זייערע רוקנס, זייערע נאַקנס זענען אויסגעקרומטע, די קני טרייסלען זיך, דער קאָפּ קוקט קרום פֿון אונטן אַרויף, בעת זיי שטרעקן אויס די האַנט, און מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס זיי קאָנען, בעטלען זיי — בעטלען מיט די דאָזיקע ווייכע, שטילע באַסאָווע שטימען, וואָס זענען ווי וואַרעמע אויוונס אין היימישע שטיבער.

ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס דערלאַנגען זיי אַ זעץ, אַז זיי זאָלן אומפאַלן; — אָבער אַזעלכע זענען דאָ ווייניק. ס'רוב טוט זיי גאָרנישט, מ'גייט גלייכגילטיק נעבן זיי פאַרביי. צייטנווייז אָבער, ווען זיי זענען שוין שרעקלעך עלנט — פשוט נעבעכדיק — פאַלט מען אַריין אין אַ ווילדן כעס און דאַן איז מען זיי מכבד מיט קלעפּ. ווען זיי זאָלן כאָטש ווייניקסטנס אַזוי נישט אָנקוקן, — וואָס פאַר אַ יאָמער ס'קאָן שטעקן אין אַזעלכע צוויי קליינע פּונקטן, וואָס מ'קאָן זיי צומאַכן מיטן איינציקן גראָבן פינגער: אין די אויגן.

אין אָוונט קומען זיי אין די באַראַקן און האַנדלען. זיי גיבן אָפּ אַלץ, וואָס זיי האָבן, פאַר ברויט. אָפטמאָל געלינגט עס זיי, ווייל זיי האָבן גוטע שטיוול, אונדזערע אָבער זענען זייער שלעכט. די לעדער פון זייערע הויכע שעפּסן-שטיוול איז וווּנדערבאַר ווייך, פּונקט ווי יוכטן *). אונדזערע פויערשע בנים, וואָס באַקומען צוגעשיקט פון דער היים געריכערטע פליישן, האָבן די מעגלעכקייט אָפּצוקויפן ביי זיי אַזעלכע מינים שטיוול. דער מקח פאַר אַ פּאָר שטיוול איז בערך דריי זעלנער-ברויטן אָדער איין ברויט און אַ קליינע האַרטע קישקע חזיר-ווורשט. אָבער כמעט אַלע רוסן האָבן שוין לאַנג אָפּגעגעבן אַלע זאַכן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. זיי גייען שוין אַלע אָפּגעריסן און פּרוּוון זיך נאָך צו צאָלן פאַרן ברויט מיט קליינע שניצערייען און פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט פון גראַנאַטן-שטיקלעך און פון קופּערנע רינגען. פאַר דידאָזיקע זאַכן באַקומט מען אָבער גאַנץ ווייניק, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען זיי צו מאַכן — מ'גיט זיי אָפּ פאַר אַ פּאָר פּענעצער ברויט.

אונדזערע פויערים זענען גראָבהויטיקע און כיטרע, בעת זיי האַנדלען. זיי האַלטן דעם רוס דאָס שטיק ברויט אָדער ווורשט אַזוי לאַנג האַרט אונטערן נאָז, ביז ער ווערט בלייך פון גיריקייט, פאַרגלאָצט די אויגן, און דעמאָלט איז אים שוין אַלץ

---

*) יוכטן — רוסישע לע[illegible]

איינס. אונדזערע אָבער פּאַרפּאַקן דעם באַקומענעם שלל מיט דער גאַנצער פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער זיי צייכענען זיך אויס, נעמען אַרויס זייער דיקן טאַשן-מעסער, שניידן אָפּ פּאַמעלעך און מיט גרויס הנאה א שטיק ברויט פאר זיך און דערנאָך, ביי יעדן ביסן, אַ שטיק האַרטע גוטע וווּרשט און לאָזן זיך וווּל-גיין אַלס באַלוינונג פאַרן גוטן מסחר.

מ'ווערט אויפגערעגט זיך. צוקוקענדיק צו דידאַזיקע עובדות און ס'ווילט זיך שטאַרק אַ פּויק טאָן זיי אין די האַר-טע שאַרבנס. גאַנץ זעלטן גיבן זיי עפּעס אָפּ פון זייער פּרעסן.

מ'קען דאָך, אייגנטלעך, פּלל נישט איינער דעם צווייטן.

* * *

איך בין גאַנץ אָפט אויף דער וואַך ביי די רוסן. אין דער פינצטער זעט מען זייערע געשטאַלטן זיך באַוועגן, ווי קראַנ-קע באַטשאַנעס, ווי גרויסע פויגל.

זיי קומען צו האַרט צו די קראַטן, לייגן צו זייערע פּנימער און רוקן אַריין די פינגער. אָפטמאָל שטייען א סך איינער נעבן צווייטן. אַזוי אָטעמען זיי אַריין דעם ווינט, וואָס טראָגט זיך פון סטעפּ און פון די וועלדער.

זעלטן ווען רעדן זיי, און דאַן נאָר עטלעכע ווערטער. זיי זענען מענטשלעכער, און איך גלויב, אַז אַפילו ברידערלעכער איינער צו דעם אַנדערן ווי מיר דאָ. אָבער ס'איז אפשר בלויז נאָר צוליב דעם, ווייל זיי פילן זיך אומגליקלעכער פון אונדז. דער-צו איז דאָך פאַר זיי דער קריג שוין געענדיקט. אָבער זיצן דאָ און וואַרטן אויף אַ שלשול, איז דאָך אויך קיין לעבן נישט.

די לאַנדשטורם-לייט, וואָס באַוואַכן זיי, דערציילן, אַז מתחילת זענען זיי געווען אַ סך לעבעדיקער. זיך באַשעפטיקט

אפילו מיט משכּב־זכר — געהאַט צווישן זיך באַציונגען, וואָס פלעגן זיך אָפּט ענדיקן מיט פויסטן און מעסערס. איצט אָבער זענען זיי שוין לחלוטין פאַרטעמפּט און גלייכגילטיק, דאָס רוב פאַרנעמט זיך שוין אפילו נישט מער מיט קיין אָנאַניזם, אַזוי שוואַך זענען זיי, כאָטש עס איז באַוווּסט, אַז גאַנץ אָפּט איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז גאַנצע באַראַקן האָבן אָנאַנירט.

זיי שטייען ביי די קראַטעס; אָפּטמאָל טראָגט זיך איינער אָפּ, שטעלט זיך אָבער באַלד אַן אַנדערער אויף זיין אָרט אין דער ריי.

דאָס רוב שטייען שטיל, נאָר איינצלנע בעטן מען זאָל זיי אוועקשענקען דעם מוגדשטיק פון אַן אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס.

איך זע זייערע טונקעלע געשטאַלטן. דער ווינט בלאָזט אין זייערע בערד. איך ווייס וועגן זיי גאָרנישט, נאָר אַז זיי זענען געפאַנגענע און דווקא דאָס דערשיטערט מיך. זייער לעבן איז נאָמענ־לאָז און אָן א שום שולד. ווען איך זאָל וויסן וועגן זיי מער, למשל, ווי זיי הייסן, ווי זיי לעבן, וואָס אויף זיי וואַרט, וואָס זיי דריקט, דאַן וואָלט מיין דערשיטערונג געהאַט א ציל, וואָס וואָלט אפשר דערפירט צו מיטלייד! איצט אָבער שפיר איך הינטער זיי נאָר דעם שמערץ פון דער קרעאַטור, פון א באַשע־פעניש, די מוראדיקע שווערמוט פון לעבן און די אכזריות פון מענטשן.

א באַפעל האָט דידאַזיקע שטילע געשטאַלטן פאַרוואַנדלט אין אונדזערע שונאים, א באַפעל וואָלט זיי פונקט אַזוי געקאָנט מאַכן פאַר אונדזערע פריינט. ערגעץ־ווו ביי א טיש זיצן עטלע־כע מענטשן און שרייבן אונטער א פּאַפּיר, וואָס קיינער פון אונדז קען עס נישט, און יאָרן לאַנג איז אונדזער העכסטער ציל דאָס, וואָס עס ווערט פאַראַכט פון דער גאַנצער וועלט און פאַרדינט די גרעסטע שטראָף. און זאָל אימיצער טאַקע זיין א בריה און זיך קאָנען אָריענטירן, בעת ער זעט דאָ דידאַזיקע שטילע מענטשן מיט די קינדערישע פּנימער און די אַפּאָסטאָל־בערד! יעדער אונטעראָפיציר איז דעם רעקרוט, יעדער לערער דעם

תלמיד אַ סך אַן ערגערער שונא ווי זיי אונדז. און דאָך וואָלטן מיר ווידער געשאָסן אין זיי און זיי אין אונדז, ווען זיי זאָלן זיין פריי.

איך דערשרעק זיך; ווייטער טראַכטן טאָר איך נישט. דער־דאָזיקער וועג פירט צום אָפּגרונט, צום תהום. אויף דעם איז נאָך נישט געקומען די צייט; איך וויל אָבער דעם־דאָזיקן געדאַנק נישט פאַרלירן, איך וויל אים באַהאַלטן, ווייטער שפּינען, ביז דער קריג וועט נעמען אַ סוף. מיין האַרץ קלאַפּט: צי איז דאָ דער ציל, צי איז דאָס דאָס גרויסע, דאָס איינמאָליקע, וועגן וואָס איך האָב געטראַכט אין גרובן, וואָס איך האָב געזוכט אַלס לעבנס־אינהאַלט נאָך דער־דאָזיקער קאַטאַסטראָפע פון דער גאַנצער מענטשלעכקייט, צי איז עס אַן אויפגאַבע פאַרן לעבן שפּעטער, צי איז עס וועט די יאָרן פון איבערגעלעבטן גרויל?

איך נעם אַרויס מיינע פּאַפּיראָסן, צעברעך זיי אויף צווייען און גיב עס אָפּ די רוסן. זיי פאַרנייגן זיך און ציגדן זיי אָן. און איצט טליען אויף עטלעכע פּנימער רויטע פּונקטן. זיי טרייסטן מיך; עס זעט אויס, ווי דאָס זאָלן זיין קליינע פענצטערלעך אין טונקעלע דאָרפישע הייזער, וואָס פאַרראַטן, אַז דאָרט הינטן זענען פאַראַן צימערן, וואָס קאָנען דינען אַלס פולשטענדיקער מקום־מקלט.

די טעג גייען פאַרביי. אין אַ נעפּלדיקן פרימאָרגן ווערט ווידער באַגראָבן אַ רוס; איצט שטאַרבן דאָך כמעט יעדן טאָג עטלעכע פון זיי. איך שטיי גראָד אויפן וואַך־פּאָסטן, בעת מען איז אים מקבר. די געפאַנגענע זינגען אַ קירך־ליד, זיי זינגען מיטן כאָר, און עס קלינגט, ווי עס זאָלן גאָרנישט זיין מער קיין שטימען, נאָר עפּעס אַן אָרגל, וואָס שטייט דאָרט ווייט אין סטעפּ.

די קבורה גייט צו גיכשווינד.

אין אָוונט שטייען זיי ווידער ביי די קראַטעס, און דער ווינט קומט פון די בוזשאָזע־וועלדער דירעקט צו זיי. די שטערן זענען קאַלט.

איך קען איצט עטלעכע פון זיי, וואָס רעדן גאָרנישט

שלעכט דייטש. איינער פון זיי איז אַ מוזיקער, ער דערציילט, אַז ער איז אין בערלין געווען אַ פידלער.

דערהערנדיק אַז איך שפּיל אַביסל קלאַוויר, ברענגט ער זיין פידל און הויבט אָן שפּילן. די איבעריקע זעצן זיך אַוועק אַנגעשפּאַרט מיט די רוקנס אָן די קראַטעס. ער שטייט און שפּילט, אויף זיין פּנים ליגט דער פאַרלאָרענער אויסדרוק, וועלכן עס האָבן געוויינלעך פידלער, ווען זיי פאַרמאַכן די אויגן, דערנאָך באַוועגט ער ווידער דעם אינסטרומענט אין ריטם און שמייכלט מיר צו.

ער שפּילט, ווייזט אויס, פאָלקס-לידער, ווייל אַלע ברומען אונטער. זיי זעען אויס ווי טונקעלע בערגלעך, וואָס ברומען אַרויס טיף פון אונטער דער ערד. די פידל-שטים שטייט איבער זיי ווי אַ שלאַנק מיידל און איז העל און איינזאַם. די שטימען הערן אויף, און די פידל בלייבט — זי איז דין אין דער נאַכט, גלייך ווי זי זאָל פרירן; מען מוז שטיין גאַנץ נאָענט, אין אַ צימער וואָלט עס זיכער געקלונגען פיל בעסער, — דאָ אין דרויסן ווערט מען טרויעריק, בעת זי בלאָנקעט זיך דאָ אַליין אַרום.

איך באַקום נישט קיין אורלויב אויף זונטיק, ווייל איך האָב דאָ נישט לאַנג געהאַט אַ גרעסערן אורלויב. דעם לעצטן זונטיק פאַר מיין אָפּפאָרן קומען דעריבער מיין פאָטער און מיין עלטסטע שוועסטער צו מיר. מיר זיצן אָפּ דעם גאַנצן טאָג אין זעלנער-היים, וווהין זאָלן מיר, למשל, גיין, אין די באַראַקן ווילט זיך נישט. מיטאָג-צייט מאַכן מיר אַ שפּאַציר איבערן סטעפּ.

די שעהן שלעפּן זיך, מיר ווייסן נישט וועגן וואָס צו רעדן. און אָט רעדן זיי מכוח מיין מאַמעס קראַנקהייט. איצט ווייסט מען שוין גענוי, אַז עס איז אַ ראַק, זי ליגט שוין אין שפּיטאָל און ווערט קורצלעך אָפּערירט. די דאָקטוירים האָפן, אַז זי וועט געזונט ווערן, אָבער מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט, אַז אַ ראַק זאָל מען קאָנען אויסהיילן.

— וווּ ליגט זי, — טו איך אַ פרעג.

— אין לואיזן-שפּיטאָל! — זאָגט מיין פאָטער.

— אין וואָס פאַר א קלאַס?

— אין דריטן. מיר מוזן וואַרטן, ביז מיר וועלן וויסן וויפיל עס דאַרף קאָסטן די אָפּעראַציע. זי האָט אַליין געוואָלט אין דריטן קלאַס, זי האָט געזאָגט, אז דאָרט וועט זי האָבן געזעלשאַפט, און עס איז טאַקע א סך ביליקער.

— ליגט זי דאָך אָבער מיט א סך קראַנקע צוזאַמען, זאָל זי כאָטש קאָנען שלאָפן.

מיין פאָטער שאָקלט מיטן קאָפּ. זיין פּנים איז פאַרמאַטערט און פול קנייטשן. מיין מוטער האָט לאַנג געקרענקט, זי איז אמת אַוועק אין שפּיטאָל, נאָר ווען זי איז שוין געווען דערצו געצווונגען, און דאָך האָט עס אָפּגעקאָסט א מאַסע געלט, און לגמרי צעבראָכן מיין פאָטערס עקזיסטענץ.

— ווען מען זאָל שוין כאָטש וויסן וויפיל עס דאַרף קאָסטן די אָפּעראַציע, — טוט ער א פרעג.

— איר האָט זיך גאָרנישט געפרעגט?

— נישט דירעקט, דאָס קאָן מען נישט — דעם דאָקטאָר טאָר מען נישט דערבייזערן, ווייל ער דאַרף דאָך די מוטער אָפּערירן.

יאָ, קלער איך דאַן פאַרביטערט, דאָס זענען מיר. דאָס זענען זיי, די אָרעמע לייט, זיי האָבן מורא צו פרעגן וויפיל עס דאַרף קאָסטן און פּלאָגן זיך שרעקלעך דעריבער; יענע אָבער, וואָס נויטיקן זיך נישט אין דעם, האַלטן פאַר זעלבסט־פאַרשטענדלעך צו באַשטימען פריער דעם פּרייז. אויף זיי וועט דער דאָקטאָר נישט ווערן אין כּעס.

די קוראַציע דערנאָך איז אויך זייער טייער, זאָגט מיין פאָטער.

— די קראַנקן־קאַסע צאָלט גאָרנישט? — פרעג איך.

— די מוטער איז שוין צו לאַנג קראַנק.

— צי האָט איר נאָך עפּעס געלט?

ער שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, איך קאָן אָבער איצט ווידער האָבן איבער־שעהן. איך וויים: ער וועט שטיין ביז צוועלף אינדערנאַכט ביי-

זיין טיש און היבלעווען און קלעפּן און שניידן. אַכט אין אָהײם וועט ער עפּעס אָפּעסן פון די געשמאַקע מאכלים, וואָס זיי באַקומען אויף קאַרטן. דערנאָך נעמען א פּראָשעק קעגן זיין קאָפּ־ווייטאָג און ווייטער ארבעטן.

כדי אים א ביסל אויפמונטערן, דערציי״ל איך אים עטלעכע מעשיות, וואָס פאַלן מיר גראָד איין, זעלנערישע וויצן וועגן גענערעלער און פעלדפעבלס, וואָס ווערן ביי אונדז טעגלעך געשאַפן.

דערנאָך באַגלייט איך זיי ביידע צו דער באַן־סטאַציע. זיי גיבן מיר א סלאָי מאַרמעלאַד און א פּעקל קאַרטאָפל־לאַטקעס, וואָס מיין מאַמע האָט נאָך פאַר מיר אָפּגעבאַקן.

זיי פאָרן אוועק און איך גיי צוריק.

אין אָוונט באַשמיר איך די לאַטקעס מיט מאַרמעלאַד און עס. עס שמעקט מיר נישט. איך גיי אַרויס און האָב בדעה אָוועקציגעבן די לאַטקעס די רוסן. פּלוצלינג אבער דערמאָן איך זיך, אַז מיין מוטער אליין האָט געבאַקן דידאָזיקע לאַטקעס און האָט אפשר שטייענדיק ביים פייער, געהאַט שרעקלעכע יסורים. איך לייג אריין דאָס פּעקל צוריק אין מיין טאָרניסטער און נעם פאר די רוסן נאָר צוויי שטיק.

IX

מיר פאָרן עטלעכע טעג. איבער אונדזערע קעפּ טראָגן זיך די ערשטע פּליער. מיר פאָרן פאַרביי פאַר גרויסע טראַנספּאָרט־צוגן. האַרמאַטן, האַרמאַטן אָן אַ צאָל און אָן אַן ערך. מיר זעצן זיך אַריין אין פעלד־באַן. איך זוך מיין רעגימענט. קיינער ווייס נישט ווו ער שטייט. ערגעץ־ווו נעכטיק איך איבער, ערגעץ־ווו באַקום איך איינדערפרי פּראָוויאַנט און עטלעכע אומבאַשטימטע אינסטרוקציעס. און אַזוי לאָז איך זיך מיט מיין טאָרניסטער און מיין געווער ווייטער אין וועג אַריין.

אַז איך קום אַהין, געפין איך נישט קיין איינציקן פון אונדז אויפן דאָזיקן צעשאָסענעם פּלאַץ. איך דערוויס זיך, אַז מיר האָבן זיך גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ פליענדיקער דיוויזיע, וואָס מען שיקט זי כסדר אומעטום, ווו עס ברענט. די דאָזיקע ידיעה רופט נישט אַרויס ביי מיר קיין פרייל עכע שטימונג. מען גיט מיר איבער וועגן גרויסע פאַרלוסטן, וואָס מיר האָבן לעצטנס געהאַט. איך פרעג זיך נאָך אויף קאַטן און אַלבערטן. קיינער ווייס פון זיי נישט צו זאָגן.

איך זוך ווייטער, בלאָנדזשע אַרום, עס איז עפּעס אַ משונהדיק געפיל. איין נאַכט און נאָך אַ נאַכט וואַלגער איך זיך אין פעלד ווי אַן אינדיאַנער. דערנאָך באַקום איך ענדלעך גענויע ידיעות און נאָכמיטאָג קאָן איך זיך שוין מעלדן אין קאַנצעלאַריע.

דער פעלדפעבל לאָזט מיך דאָ איבער. די קאָמפּאַניע קומט

אין צוויי טעג אַרום צוריק, עס האָט נישט קיין זין מיך אהין צו שיקן.

— ווי איז אייך געגאַנגען אין אורלויב ? — פרעגט ער, גאַנץ גוט, וואָס ?

— מער ווייניקער, — זאָג איך.

— יאָ, יאָ, — זיפצט ער, ווען מען זאָל נישט דאַרפן זיך אומקערן אהער. די צווייטע העלפט ווערט שוין צוליב דעם שטענדיק פאַרפּושט.

איך שלעפּ זיך אַרום, ביז עס קומט אָן אינדערפרי די קאָמפּאַניע, גרוי, שמוציק, פאַרביטערט און פאַרצאָרנט. און אָט שפּרינג איך אויף, שפּאַר זיך אריין אין רעכטן מיטן, מיינע אויגן זוכן; אָט איז דאָרט טיאדען, דאָ בלאָזט זיך מילער און אָט זענען אויך קאַט און קראָפּ. מיר לייגן אַוועק אונדזערע שטרוי-זעק איינעם נעבן אַנדערן. עפּעס פיל איך זיך שולדיק, קוקענדיק אויף זיי, כאָטש איך האָב נישט דערצו קיין שום גרונט. איידער מיר גייען שלאָפן נעם איך אַרויס די קאַרטאָפל-לאַטקעס מיטן מאַרמעלאַד, כדי זיי זאָלן דערפון אויך עפּעס געניסן.

די צוויי אויבערשטע לאַטקעס זענען שוין אַ ביסל פאַרשימלט, מען קאָן זיי נאָך אָבער עסן. איך נעם זיי פאַר זיך און די פרישע גיב איך קאַטן און קראָפּן.

קאַט עסט און פרעגט:

— דאָס האָסטו זיכער מיטגעבראַכט פון דיין מאַמען, וואָס ?

איך שאָקל צו מיטן קאָפּ.

— גוט, זאָגט ער, מען שפּירט עס תיכף.

עס ווילט זיך מיר וויינען. איך דערקען זיך אַליין נישט מער. אָבער עס וועט שוין ווידער בעסער ווערן, דאָ מיט קאַטן און אַלבערטן און די אַלע איבעריקע. דאָ געהער איך צו זיי.

— דו האָסט געהאַט גליק, פליסטערט קראָפּ איידער מיר שלאָפן איין, מען שמועסט, אַז מיר גייען קיין רוסלאַנד.

קיין רוסלאַנד. דאָרט איז דאָך שוין נישטאָ קיין מלחמה.

פונדערווייטנס דונערט דער פראָנט. די באַראַקן־ווענט קנאַקן.

* * *

אלץ ווערט געפוצט און געריבן. איין באַפעל יאָגט דעם צווייטן. פון אַלע זייטן רעווידירט מען אונדז. אָנשטאָט די צע־ריסענע גיט מען אונדז גאַנצע מלבושים. איך כאַפּ אויף דעם אופן א לגמרי נייעם ראָק, קאָט אפילו אַ גאַנצן מונדיר. עס פאַר־שפרייט זיך א קלאַנג וועגן שלום, אָבער וואַרשיינלעכער איז, פאַרשטייט זיך, די צווייטע ידיעה: מען טראַנספּאָרטירט אונדז איבער קיין רוסלאַנד. אָבער צו וואָס דאַרפן מיר אין רוסלאַנד בעסערע זאַכן? סוף־כל־סוף ווערט דער ענין קלאָר. דער קייזער קומט אויף א רעוויזיע, דעריבער איז דער גאַנצער טאַראַראַם.

אַכט טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז מען גע־פינט זיך ערגעץ אין א רעקרוטן־קאַזאַרמע, אַזוי האָט מען גע־אַרבעט און זיך געאיבט. אַלע זענען פאַרביטערט און נערוועז, ווייל דאָס איבערמאָסיקע פוצן איז נישט פאַר אונדז און דער פּאַראַד־מאַרש אוודאי אוודאי נישט. גראָד אַזעלכע מעשיות דענערווירן און פאַרביטערן דעם זעלנער מער ווי דער שוץ־גרובן.

ענדלעך איז געקומען דער מאָמענט. מיר שטייען אומ־באַוועגלעך, און דער קייזער באַווייזט זיך. מיר זענען בייגעריק צו וויסן ווי ער זעט אויס. ער גייט פאַרביי לענגאויס דעם פראָנט, און איך בין אייגנטלעך אַ ביסל אַנטוישט: לויט די בילדער האָב איך זיך אים פאָרגעשטעלט גרעסער און מעכטי־קער, קודם כל מיט אַ דונערנדיקן קול.

ער טיילט אייזערנע קרייצן און רעדט מיט דעם און מיט יענעם. דערנאָך מאַרשירן מיר אַוועק.

שפּעטער שמועסן מיר זיך דורך. טיאַדען זאָגט פאַר־וונדערט:

— דאָס, הייסט עס, איז דער העכסטער אויף דער וועלט

פֿאַר דעם מוז יעדערער שטיין אומבאַוועגלעך, יעדער איינער בכלל!

ער פּלפּולט זיך:

— פֿאַר דעם מוז דאָך הינדענבורג אויך שטיין אומבאַוועגלעך, שטייף, וואָס ניין?

— יאָ, אַזוי איז עס, — באַשטעטיקט קאַט.

טיאַדען איז נאָך נישט פֿאַרטיק. ער פֿאַרטראַכט זיך און פֿרעגט ווייטער:

— נו, אַ קעניג אויך שטיין אומבאַוועגלעך פֿאַר אַ קייזער.

קייזער ווייסט עס נישט גענוי, אָבער מיר מיינען, אַז עס איז נישט אַזוי. אַזעלכע צוויי זענען ביידע אַזוי הויך, אַז זיכער דאַרף שוין דאָ נישט זיין קיין ריכטיק שטייפשטיין.

— שאַרע מיך טפּשות ס'קריכט דיר אין קאָפּ אַריין, — זאָגט קאַט — דער עיקר איז, וואָס דו אַליין שטייסט אומבאַוועגלעך.

אָבער טיאַדען איז לגמרי פֿאַרכישופֿט. זיין תּמיד זייער טרוקענע פֿאַנטאַזיע אַרבעט איצט מעשים.

— הערט — זאָגט ער — איך קאָן עס בשום אופֿן נישט משיג זיין, אַז אַ קייזער מוז האָבן די לאַטרינע פּינקט אַזוי ווי איך.

— צוליב דעם דאַרפֿסטו זיך אָפּסמען — לאַכט קראָפּ.

— משוגע און דריי זענען זיבן, — דערגאַנצט קאַט — דו האָסט לייז, אין שאַרבן, טיאַדען, גיי טאַקע געשווינט אין לאַטרינע, ווערסטו האָבן אַ קלאָרן קאָפּ און נישט רעדן ווי אַ קינד אין די וויקעלעך.

טיאַדען פֿאַרשווינדט.

— איין זאַך וואָלט איך אָבער דאָך געוואָלט וויסן, — זאָגט אַלבערט — צי וואָלט געווען קריג, ווען דער קייזער זאָל זאָגן ניין.

— דאָס גלויב איך געוויס — וואַרף איך אַריין — ער האָט טאַקע דעם קריג סיי־ווי־סיי נישט געוואָלט האָבן.

— נו, אויב ער אַליין נישט, אפשר דאָ״, ווען, למשל,

אַ צוואַנציק, דרייסיק מענטשן אויף דער וועלט וואָלטן געזאָגט ניין.

— דאָס געוויס, — גיב איך צו, — יענע האָבן עס אָבער דווקא געוואָלט.

— ס'איז, באמת, קאָמיש, אַז מ'טראַכט זיך דערין אַריינ־זאָגט ווייטער קראָפּ — מיר געפינען זיך דאָ, כדי אונדזער פאָטערלאַנד צו פאַרטיידיקן, אָבער די פראַנצויזן זענען דאָך אויך דאָ, כדי זייער פאָטערלאַנד צו פאַרטיידיקן. היינט ווער פון אונדז האָט רעכט?

— אפשר ביידע — טו איך אַ זאָג, גלויב אָבער אַליין נישט אין דעם.

— יאָ, אוודאי, — באַמערקט אַלבערט, און איך זע אויף אים, אַז ער וויל מיך צודריקן צו דער וואַנט — אָבער אונדזערע פּראָפעסאָרן און גלחים און צייטונגען זאָגן, אַז נאָר מיר זענען גערעכט, און האָפנטלעך, וועט עס טאַקע אַזוי זיין; — אָבער די פראַנצויזישע פּראָפעסאָרן און גלחים און צייטונגען פאַרזיכערן, אַז נאָר זיי האָבן רעכט, היינט וויזשע איז דער אמת?

— דאָס ווייס איך נישט — טו איך אַ זאָג — בינו לבינו גייט אַ קריג, און יעדן חודש ווערן אַריינגעצויגן אַנדערע לענדער.

טיאַדען באַווייזט זיך ווידער. ער איז נאָך אַלץ אויפגערעגט און לאָזט זיך גלייך צוריק אַריין אין אַ שמועס. ער וויל וויסן, ווי אַזוי הויבט זיך בכלל אָן אַ קריג.

— ס'רוב דערפון וואָס איין לאַנד באַליידיקט שטאַרק אַ צווייטס, — דערקלערט אַלבערט מיט אַ געוויסן אויטאָריטעט.

אָבער טיאַדען באַגנוגנט זיך נישט.

— איין לאַנד? דאָס פאַרשטיי איך נישט. אַ באַרג אין דייטשלאַנד קאָן דאָך נישט באַליידיקן קיין באַרג אין פראַנקרייך. אָדער אַ טייך, א וואַלד, צי אַ ווייצנפעלד.

— צי ביסטו טאַקע אַזאַ שוטה, אָדער דו מאַכסט זיך? — כעסט זיך קראָפּ — איך מיין דאָך נישט דאָס. איין פאָלק באַליידיקט דאָס אַנדערע.

— אויב אַזוי האָב איך דאָ נישט וואָס צו זוכן — ענטפערט טיאַדען — איך פיל זיך נישט באַליידיקט.

— דיין קאָפּ איז קיין זאַך נישט תּופֿס — זאָגט אַלבערט אויפגערעגט — דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן דיר, דו פּויערשער מוח!

— אויב אַזוי קאָן איך דאָך טאַקע אַהיים גיין, — עקשנט זיך טיאַדען, און אַלע צעלאַכן זיך אויפן קול.

— אַך, מענטש איינער, ס'איז דאָך דאָס פאָלק אלס כּלל, די מלוכה — באַמערקט מילער.

— מלוכה, מלוכה — בייזערט זיך טיאַדען און מאַכט מיט די הענט — פעלד-זשאַנדאַרמען, פּאָליציי, שטייערן, דאָס איז אייער מלוכה. אויב דו האָסט דערמיט צו טאָן, דאַנק איך דיר דערפאַר.

— דאָס שטימט — זאָגט קאַט — דאָס האָסטו צום ערשטן מאָל געזאָגט אַ ריכטיק וואָרט, טיאַדען, די מלוכה און די היים — יאָ, ס'איז באמת אַ גרויסער אונטערשיד צווישן זיי.

— זיי זענען דאָך אָבער צונויפגעבונדן — זאָגט קראָפּ — נישטאָ קיין היים אָן אַ מלוכה.

— ריכטיק. אָבער דו מוזט דאָך צוגעבן, אַז מיר זענען כּמעט אַלע פּשוטע מענטשן. און אין פראַנקרייך זענען דאָך ס'רוב מענטשן אויך אַרבעטער, האַנטווערקער אָדער קליינע באַאַמטע. פאַרוואָס-זשע, למשל, זאָל אַ פראַנצויזישער שלאָסער אָדער שוסטער וועלן אויף אונדז אָנפאַלן? ניין, ס'זענען נאָר די רעגירונגען. איך האָב קיינמאָל, ביז איך בין אַהערגעקומען, קיין שום פראַנצויז נישט געזען, און מיט ס'רוב פראַנצויזן, איז פּונקט דיזעלבע זאַך ווי מיט אונדז. מ'האָט ביי זיי אַזוי געפרעגט, פּונקט ווי ביי אונדז.

— צו וואָס-זשע דאַרף מען, אויב אַזוי, בכלל דעם קריג? — פרעגט טיאַדען.

קאַט קוועטשט מיט די אַקסלען:

— „ס'זענען זיכער פאַראַן מענטשן, וואָס דער קריג ברענגט זיי נוצן".

— נו, איך געהער נישט צו זיי — ברומט טיאַדען.

— דו נישט, און קיינער נישט פון אונדז אַלע דאָ.

— ווער דען זשע? — וווּנדערט זיך טיאַדען — דעם קייזער נוצט ער דאָך אויך נישט. ער האָט דאָך אַזוי אויך אַלץ, וואָס ער דאַרף.

— דאָס זאָלסטו נישט זאָגן — ענטפערט קאַט — קיין קריג האָט ער נאָך ביז אַהער נישט געהאַט. און יעדער גרעסערער קייזער דאַרף לפּחות האָבן איין קריג, אויב נישט, ווערט ער נישט באַרימט. דאָס ווייסטו אַפילו פון דיינע שולביכער.

— גענעראַלן ווערן אויך באַרימט נאָר דורכן קריג, — זאָגט דעטערינג,

נאָך באַרימטער ווי מלכים — באַשטעטיקט קאַט.

גאַנץ זיכער זענען אין דעם פאַראינטערעסירט אַזעלכע מענטשן, וואָס ווילן פון קריג פאַרדינען — ברומט דעטערינג.

— איך מיין, ס׳איז אייגנטלעך מער עפּעס אַ מין פיבער — זאָגט אַלבערט — קיינער וויל עס אייגנטלעך נישט און מיט אַמאָל ברעכט עס אויס. מיר האָבן דעם קריג נישט געוואָלט, די איבעריקע זאָגן אויך דאָס זעלבע — און נישט געקוקט דערויף איז די האַלבע וועלט פון אים פאַרכאַפּט.

— דאָרט אויבן אָבער קורסירן אַ סך מער שקרים ווי ביי אונדז — באַמערק איך — איר געדענקט נאָך געוויס יענע פלוגבלעטער ביי די געפאנגענע, ווו מ׳האָט געשריבן, אַז מיר פרעסן בלומרשט בעלגישע קינדער. די יאַטן, וואָס שרייבן אַזעלכע אָבסורדן האָבן זיי געדאַרפט אויסהענגען. זיי זענען די אמתע שולדיקע.

מילער שטייט אויף.

— ס׳איז לכּל הדעות בעסער, וואָס דער קריג קומט פאָר דאָ און נישט אין דייטשלאַנד. קוקט זיך נאָר צו צו די שלאַכטפעלדער.

— דאָס איז אמת — איז אפילו טיאַדען מסכּים — אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען ס׳זאָל בכלל קיין קריג נישט זיין.

שטאָלץ גײט ער פון דאַנען אַוועק, ווייל ער האָט אונדז,

די אייניעריקע, געגעבן די געהעריקע לעקציע. און זיין מיינונג איז דאָ פאַקטיש די טיפּישע, איר הערט זי דאָ כּסדר און איר האָט באמת נישט וואָס אויף איר צו ענטפערן, ווייל גלייכצייטיק מיט איר הערט אויף יעטוועדעס פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ, וואָס ס'האָט מיט איר אַ שייכות.

דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון זעלנער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ער איז דאָ, און דאָס איז אַלץ, דאָס איבעריקע באַטראַכט ער פּראַקטיש און פון זיין פּערזענלעכן שטאַנדפּונקט.

אַלבערט לייגט זיך אַוועק אַ פאַרביטערטער אויפן גראָז.

— בעסער איז מכּח דעמדאָזיקן גאַנצן טאַראַראַם נישט צו רעדן.

— און קיין זאַך וועט זיך אויך דערפון נישט ענדערן, — באַשטעטיקט קאַט.

אַלס צולאָג צו די צרות מוזן מיר אָפּגעבן צוריק אַלע נייע זאַכן און אָנטון ווידער אונדזערע אַלטע טראַנטעס. די גוטע האָט מען אונדז בלויז געגעבן צום פּאַראַד.

*　　　*

*

אָנשטאָט קיין רוסלאַנד גייען מיר צוריק אויפן פראָנט. אונטערוועגס מאַרשירן מיר דורך אַ קלאָגעדיקן וואַלד מיט אויסגעריסענע שטאַמען און אַדורכגעלעכערטן באָדן. אויף עטלעכע ערטער זענען די לעכער אומגעהויער גרויס און טיף.

— דאָנערוועטער, סאַראַ מוראדיקער חורבן — זאָג איך צו קאַטן.

— מינען-וואַרפער, — ענטפערט ער און ווייזט אָן איבערהויך.

אויף די צווייגן הענגען טויטע. אַ נאַקעטער זעלנער זיצט איינגעהויקערט אויף אַ שטאַם, אויפן קאָפּ האָט ער נאָך זיין היטל, איז אָבער אויסערדעם אינגאַנצן אַ הוילער. זיצן, זיצט פון אים נאָר איין העלפט, דער אויבערשטער טייל קערפּער, פון וועלכן ס'פעלן די פיס.

— פון אים האָבן זיי אָראָפּגעריסן דעם מונדיר — ברומט טיאַדען.

קאַט זאָגט:

— ס'איז קאָמיש, מיר האָבן עס דאָך שוין אַ פּאָר מאָל געזען. אַז אַזאַ מין מינע כאַפּט זיך אַריין, ווערט מען פּאַקטיש ווי אַרויסגעשטויסן פון מונדיר. דאָס מאַכט דער לופט־דרוק.

איך זוך ווייטער. ס'איז ווירקלעך אַזוי. דאָרט הענגען בלויז מונדיר־שטיקלעך, אַנדערשוווּ קלעפּט אַ בלוטיק געמויזעכץ, וואָס איז פריער געווען מענטשלעכע גלידער. אָט ליגט אַ קערפּער, וואָס האָט נאָך בלויז אויף איין פוס אַ שטיק אונטערהויזן און אַרום האַלדז דעם קראַגן פון מונדיר. ווייטער איז ער אינגאַנצן נאַקעט, דער מונדיר הענגט שטיקערווייז אַרום בוים. ביידע אָרעמס פעלן, פּונקט ווי אימיצער זאָל זיי האָבן אַרויסגעדרייט. איינעם פון זיי דערזע איך אויף צוואָנציק טריט ווייטער אין די קוסטעס.

דער טויטער ליגט אויפן פּנים. דאָ ווו ס'געפינען זיך די אָרעמ־וווּנדן, איז די ערד שוואַרץ פון בלוט. אונטער די פיס איז דאָס גרינס צעקראַצט, ס'זעט אויס ווי דער מענטש זאָל נאָך האָבן געצאַפּלט.

— ס'איז נישט קיין געלעכטער, קאַט — טו איך אַ זאָג.

— קיין גראַנאַט־שפּליטער אין בויך איז עס אויך נישט, ענטפערט ער הויבנדיק מיט די אַקסלען.

— נאָר נישט ווייך ווערן — באַמערקט טיאַדען.

די גאַנצע מעשה, ווי ס'שיינט, האָט געמוזט געשען נאָך גאָרנישט לאַנג. דאָס בלוט איז נאָך פריש. אַזוי ווי אַלע מענטשן, וואָס מיר זעען דאָ, זענען טויט, האַלטן מיר זיך דאָ לאַנג נישט אויף, נאָר מעלדן עס אויף דער נאָענטסטער סאַניטאַר־סטאַציע. סוף־כל־סוף איז עס טאַקע נישט אונדזער עסק, אָפּצונעמען די אַרבעט בײַ דידאָזיקע משא־פערד.

* * *

מען דאַרף אַרויסשיקן אַ פּאַטרול, כּדי פעסטצושטעלן ווי ווייט די פײַנטלעכע פּאָזיציע איז נאָך באַזעצט. צוליב מײַן אורלויב האָב איך עפּעס אַ מין משונהדיק געפיל בנוגע די איבעריקע און דעריבער באַשליס איך מיטצוגיין. מיר רעדן אַרום דעם פּלאַן, קריכן אריבער דורכן דראָט און צעשיידן זיך, כּדי איינציקווייז צו קריכן ווייטער. נאָך אַ קורצער ווײַלע געפין איך אַ פלאַכן גרובן און לאָז זיך אַהין אַראָפּ. פונדאַנען שפּיר איך אויס.

דער גאַנצער שטח איז פול מיט מיטלגרויסע קוילנוואַרפערס.

אַ לײַכט-שירם וויקלט זיך פונאַנדער. דער פּלאַץ ליגט ווי פאַרשטיינערט אין דער בלײַכער ליכטיקייט. און שוואַרצער שלאָגט דעריבער אָפּ די טונקלקייט הינטער אים. אין גרובן האָבן זיי פריער דערציילט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט שוואַרצע. עס איז אומאַנגענעם, מען זעט זיי שלעכט, אויסערדעם זענען זיי אַלס פּאַטרולן זייער געשיקט. צום גליק זענען זיי אָפטמאָל נישט שטאַרק קלוג; — קאַט און קראָפּ, ביידע האָבן אַמאָל אויף אַ פּאַטרול דערשאָסן אַ שוואַרצן קעגנער-פּאַטרול, ווײַל, אומגעהייער גיריק נאָך פּאַפּיראָסן, האָבן די לײַט אונטערוועגס גערויכערט. קאַט און אַלבערט באַמיען זיך דעריבער אויסצושפּירן בלויז די גליענדיקע פּאַפּיראָסן-קעפּלעך.

נעבן מיר פאַלט אַ קלײנער גראַנאַט. איך האָב נישט געהערט זײַן פײַפן און דערשרעק זיך שטאַרק. אין זעלבן מאָמענט באַפאַלט מיך עפּעס אַ מין משונהדיקער אַנגסט. איך בין דאָ אַליין און כּמעט הילפלאָז אין דער פינצטער — אפשר קוקן שוין אויף מיר לאַנג פון אַ גרובן ארויס צוויי אַנדערע אויגן, און עס ליגט שוין גרייט אַ האַנט-גראַנאַט מיך אויפן אָרט צו צערײַסן. איך פּרוּוו זיך באַרויִקן. עס איז נישט מײַן ערשטער פּאַטרול און אויך נישט קיין באַזונדערס געפערלעכער, אָבער עס איז דער ערשטער נאָך מײַן אורלויב און אויסערדעם איז מיר די דאָזיקע געגנט לגמרי פרעמד.

איך דערקלער זיך אַליין, אַז מײַן אויפרעגונג האָט לגמרי

קיין זין נישט, אַז אין דער פינצטער לויערט קיינער נישט אויף מיר, ווייל דאַן וואָלט מען נישט אַזוי פלאַך געשאָסן.

עס איז אָבער אומזיסט. אין אַ שרעקלעכן מישמאַש טראָגן זיך די געדאַנקען אין מיין מוח — איך הער די וואָרנענדיקע שטים פון מיין מאַמען, איך זע די רוסן מיט די לאַנגע בערד אָנגעשפאַרט אין די קראַטעס, פאַר מיינע אויגן שוועבט דאָס ליכטיקע ווונדערבאַרע בילד פון אַ קאַנטינע מיט שטולן, מיט אַ קינאָ, און גלייך פאַרוואַנדלט עס זיך אין מיין פאַנטאַזיע אין אַ שרעקלעכער, גרויער, אכזריותדיקער געוועור-עפענונג, וואָס גייט מיר שטיל לויערנדיק נאָך, וווהין איך פרוּוו נישט אַ דריי צו טאָן דעם קאָפּ; איך באַגיס זיך מיט אַ קאַלטן שווייס.

איך ליג נאָך אַלץ אין מיין ערד-מולטער. איך קוק אויפן זייגער, עס זענען בלויז אַריבער עטלעכע מינוט. מיין שטערן איז נאַס, מיינע אויגן-לעכער זענען פייכט, די הענט ציטערן, און איך קייך אינדערשטיל. עס איז נישט מער ווי אַ מוראדיקער אַנגסט-אָנפאַל, אַ פּשוטע, געמיינע הינטישע אַנגסט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און קריכן ווייטער.

דער ווונש צו בלייבן ליגן פאַראַליזירט לחלוטין מיין ענערגיע, מיין ווילן אויפצושטיין. מיינע גלידער קלעפּן זיך צום באָדן, איך מאַך אַן אומזיסטן פּרוּוו—זיי ווילן זיך נישט אָפּרייסן. איך דריק זיך צו צו דער ערד, איך קאָן זיך נישט רירן, איך באַשליס צו בלייבן ליגן.

מאָמענטאַל פאַרגיסט מיך אָבער ווידער אַ כוואַליע, אַ כוואַליע פון בושה, חרטה און גלייכצייטיק אויך פון פאָרזיכטיקייט.

איך הויב זיך אַ ביסל אויף, כדי אַרויסצוקוקן. מיינע אויגן ברענען, אַזוי שטאַרק קוק איך אין דער פינצטערניש. אַ ליכטקויל באַווייזט זיך אינדערהויך — איך רוק זיך אַרײַן צוריק.

איך פיר אַן אומזיניקן ווילדן קאַמף, איך וויל אַרויסגיין פון ערד-מולטער און רוק זיך אָבער אַריין צוריק, איך זאָג זיך: „דו מוזט, עס זענען דיינע חברים, עס איז דאָך נישט עפּעס אַ פּין נאַרישער באַפעל" — און מאָמענטאַל אָבער: „וואָס גייט עס

מיך אָן, איך האָב נאָר איין לעבן צו פארלירן."

דאָס האָט אַלץ געמאכט דער אורלויב, אַנטשולדיק איך זיך פארביטערט· אָבער איך גלויב דערין אליין נישט, עס ווערט מיר מוראדיק שלעכט. פאמעלעך הויב איך זיך אויף, שטרעק אויס די אָרעמס, רוק זיך ווייטער און ליג איצט אינדערהעלפט אויפן ראַנד פון גרובן.

פלוצלינג דערהער איך א גערויש און צאַפּל אריין צוריק. נישט געקוקט אויפן אַרטילעריע-ליאַרם הערן זיך גאנץ גענוי פארדעכטיקע געשרייען. איך הער זיך צו; — דער גערויש איז הינטער מיר. עס זענען אונדזערע מענטשן, וואָס גייען דורכן גרובן. איצט הער איך שוין אויך איינגעהאלטענע קולות. לויטן טאָן קאָן עס אפשר זיין קאַט, וואָס רעדט דאָרט.

אַן אומגעוויינלעכע װארעמקייט גיסט זיך פלוצלינג אריין אין מיינע אָדערן. דידאָזיקע שטימען, דידאָזיקע עטלעכע, שטילע ווערטער, דידאָזיקע טריט אין גרובן הינטער מיר רייסן מיך ארויס מיט איין קלאַפּ פון דער מוראדיקער פארגליווערטקייט, פון דעם אימת-המות, פון וועלכן איך וואָלט זיך שוין אפשר קיין מאָל נישט באפרייט. זיי זענען מער ווי מיין לעבן דידאָזיקע שטימען, זיי זענען מער ווי מוטערלעכקייט און אַנגסט, זיי זענען דאָס שטאַרקסטע און שיצנדיקסטע, וואָס איז בכלל פאראן אויף דער וועלט: עס זענען די שטימען פון מיינע חברים.

איך בין נישט מער קיין ציטערנדיק שטיק לעבן אַליין אין דער פינצטער – איך געהער זיי און זיי מיר, מיר האָבן אַלע דיזעלבע אַנגסט און דאָסזעלבע לעבן, מיר זענען פארבונדן אויף א פשוטן און שווערן אופן. איך וואָלט וועלן אריינרוקן מיין פנים אין זיי, אין דידאָזיקע שטימען, אין דידאָזיקע פּאָר ווערטער, וואָס האָבן מיך געראַטעוועט און וועלן מיר ביי-שטיין.

* *
*

פאָרזיכטיק גליטש איך זיך איבערן ראַנד און רוק זיך פאָרויס ווי א שלאנג. אויף אַלע פיר שלעפ איך זיך ווייטער;

עס גייט גוט, איך צייכן מיר אָן די ריכטונג, קוק זיך אַרום און באַמערק דאָס בילד פון האַרמאַטן-פייער, כדי עס צוריק צו געפינען. דערנאָך זוך איך וויאַזוי צו באַקומען א קאָנטאַקט מיט די איבעריקע.

איך האָב נאָך אַלץ מורא, אָבער דאָס איז א קלוגע מורא, אָן אומגעווייגלעך שטאַרקע פּאָזיטיווקייט. די נאַכט איז ווינטיק, און ביים אויפפלאַקערן פון עפּעגונגס-פייער טראָגן זיך שאָטנס הין-און-צוריק. מען זעט דעריבער צו ווייניק און צו פיל. אָפּט-מאָל ווער איך ווי פאַרגליווערט, אָבער דאָס איז אַלץ גאָרנישט. אויף אַזא אופן קום איך גענוג ווייט פאָרויס און קער זיך דאַן אין א בויגן ווידער אום. דעם קאָנטאַקט מיט אונדזערע געפין איך אָבער נישט. יעדער מעטער נאָענטער צו אונדזער אָקאָפּ פאַר-שטאַרקט מיין זיכערקייט, אָבער אויך מיין האַסטיקייט. עס וואָלט שוין זיין זייער מיאוס איצט נאָך צו האָבן די מפּלה.

און אָט באַפאַלט מיך א נייע שרעק. איך קאָן נישט דער-קענען גענוי די ריכטונג. שטיל הויקער איך זיך איין אין א גרובן און פּרוּוו זיך צו אָריענטירן. עס האָט זיך שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אימיצער איז מיט שמחה אריינגעשפּרונגען אין א אָקאָפּ. און דערנאָך ערשט דערזען, אַז עס איז נישט דער ריכטיקער

אין א צייט אַרום הער איך זיך ווידער צו. איך בין נאָך אַלץ נישט אויפן ריכטיקן וועג. דער מישמאַש פון די אָקאָפּעס זעט מיר איצט אויס אַזוי משונהדיק, אַז פון אויפרעגונג ווייס איך איצט בכלל נישט וואוהין זיך צו ווענדן. אפשר קריך איך גאָר אין דער-זעלבער ריכטונג צו די גרובנס, דאָס קאָן זיך ציען אָן א סוף. דעריבער פאַרקירעווע איך זיך אָן א זייט.

דידאָזיקע פאַרשאָלטענע לויכט-שירמס! עפּעס ברענען זיי גאַנצע שעהן, מען קאָן נישט מאַכן די קלענסטע באַוועגונג, באַלד שיסט מען דיך אַרום פון אַלע זייטן.

אָבער עס העלפט נישט, איך מוז זיך פונדאַנען אַרויסבאַ-קומען. מיט די לעצטע כוחות שלעפּ איך זיך ווייטער, איך קריך איבערן באָדן און צערייס זיך די הענט און די שפּיציקע גראַ-

נאַט-שטיקלעך, וואָס שניידן ווי שאַרפע ראַזיר-מעסערס. אָפטמאָל האָב איך דעם איינדרוק, אַז דער הימל ווערט פלומרשט ליכטיקער ביים האָריזאָנט, אָבער עס איז, נאַטירלעך, נישט מער ווי א פאַנטאַזיע. ביסלעכווייז מערק איך אָבער, אַז מיין לעבן איז איינגעשטעלט.

אָט קנאַלט א גראַנאַט, תיכף נאָך אים צוויי אַנדערע און עס הויבט זיך אָן א פייער-אָנגריף. קוילנוואַרפער טראַסקען. איצט איז לעת-עתה נישטאָ מער וואָס צו טאָן, ווי בלייבן ליגן. ווי עס ווייזט אויס גייט אָן אָנגריף. אומעטום באַווייזן זיך לויכטראַקעטן, כמעט אָן אָן אויפהער.

איך ליג צונויפגעדרייט אין א גרויסן גרובן, די פיס אין וואסער ביזן בויך. אַז דער אָנגריף וועט אויסברעכן, וועל איך זיך וואַרפן אין וואסער, ווי ווייט עס וועט זיך לאָזן נישט דערשטיקט צו ווערן, דאָס פנים אין טינוף. איך מוז סימולירן, אַז איך בין טויט.

פלוצלינג דערהער איך ווי דאָס פייער שפרינגט צוריק. מאָמענטאַל רוק איך זיך אַראָפ אין וואסער אריין, דאָס היטל אויפן קאַרק, דאָס מויל נאָר אזוי ווייט אינדערהויך, איך זאָל קאָנען ציען דעם אָטעם.

דערנאָך ווער איך באַוועגונגסלאָז, — ווייל ערגעץ-ווו קנאַקט עפּעס, עס טאַפּט און שאַרט זיך נעבעטער, מיינע אַלע נערוון ווערן אייז-קאַלט צונויפגעשרומפן. עס קנאַקט אַריבער איבער מיר, די ערשטע מחנה איז אַריבער. איך האָב בלויז געהאַט דעם איינציקן ווילדן געדאַנק: וואָס וועסטו טאָן, אויב אימיצער וועט אַריינשפּרינגען צו דיר אין אָקאָפּ אריין? —

איך שלעפּ ארויס געשווינט דעם קליינעם שפּיז, האַלט אים פעסט און לאָז אים אַראָפּ מיטן האַנט צוריק אין בלאָטע אַריין. איך וועל מאָמענטאַל דערשטעכן, ווי נאָר אימיצער וועט אַהער אריינשפרינגען, — האַמערט עס מיר אין קאָפּ. אַריינרוקן אים דעם שפּיז אין האַלדז אַריין, ער זאָל נישט קאָנען שרייען, אנדערש גייט עס נישט, ער וועט זיך פונקט אזוי דערשרעקן ווי איך, און שוין פון בלויז מורא וועלן מיר זיך וואַרפן איינער

אויפן צווייטן, און איך מוז דעריבער זיין דער ערשטער.

איצט שיסן אונדזערע באַטעריעס, און נאָענט נעבן מיר הערן זיך די שאָסן. דאָס מאַכט מיך משוגע ווילד, עס פעלט מיר נאָך, אַז איך זאָל פאַלן פון אייגענע קוילן; איך שילט און קריך מיט די ציין אין טינוף אריין; עס איז אַ ווילדער צאָרן־אויסברוך, ענדלעך קאָן איך שוין נישט מער ווי קרעכצן און בעטן.

דאָס קנאַלן פון די גראַנאַטן קלינגט מיר אין די אויערן. אויב אונדזער עולם מאַכט אַ קעגן־אָנגריף, בין איך געראַטעוועט. איך דריק צו מיין קאָפּ צו דער ערד און הער אַ טעמפּן דונערן ווי ווייטע עקספּלאָזיעס פון בערג־ווערק — און הייב אויף צוריק דעם קאָפּ, כדי זיך צוצוהערן צו די גערוישן פון אויבן.

די קוילנוואַרפערס קנאַקן. איך ווייס, אַז אונדזערע דראָטפאַרצוימונגען זענען פעסט און כמעט אומבאַשעדיקט; אַ טייל פון זיי זענען געמינעוועט; דאָס ביקסן־פייער פאַרשטאַרקט זיך. זיי קאָנען זיך נישט דורכרייסן, מוזן אָפּטרעטן.

איך פאַל ווידער אַנידער, מיינע נערוון זענען אָנגעצויגן ביז צו דער העכסטער מדרגה. ווידער דערהערט זיך דאָס קלאַפּן און קריכן און קנאַקן. אינמיטן אַן איינציקער הילכנדיקער געשריי, זיי ווערן באַשאָסן, דער אָנגריף איז צעקלאַפּט.

*   *

*

ס'איז נאָך געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער. נעבן מיר טראָגן זיך פאַרביי האַסטיקע טריט. די ערשטע. אַריבער.

דאָס קנאַקן פון קוילנוואַרפערס פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אומאויפהערלעכן ליאַרם. גראָד וויל איך זיך אויף אַ ווײַלע אומדרייען, און אָט קלאַפּט עס, און שווער און טראַסקענדיק פאַלט אַ קערפּער צו מיר אין גרובן אַריין, גליטשט זיך אַראָפּ, ליגט אויף מיר —

איך קלער נישט, איך נעם נישט אָן קיין שום באַשלוס — איך דערלאַנג בלויז אַ האַסטיקן שטויס און פיל נאָר ווי דער קערפּער ציטערט און ווערט דערנאָך ווייך און ברעכט צוזאַמען.

מיין האַנט איז קלעפּעדיק און נאַס, בעת איך קום דערנאָך צו זיך.

יענער כאַרכלט. מיר דוכט זיך, אַז ער ברילט, יעדער אָטעמצוג איז ווי אַ געשריי, אַ דונערן — אָבער ס׳זענען בלויז מיינע אָדערן, וואָס קלאַפּן אַזוי. איך וואָלט אים וועלן צוהאַלטן דאָס מויל, אָנשטאָפּן מיט ערד, נאָך אַמאָל דערשטעכן, ער זאָל זיין שטיל, ער גיט מיך אויס; אָבער איך בין שוין אויף אַזוי ווייט געקומען צו זיך און טאָקע דערצו פלוצלונג אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז איך קאָן מער נישט אויפהייבן אויף אים מיין האַנט.

און אַזוי קריך איך אַוועק אין ווייטסטן ווינקל און בלייב דאָרט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, דאָס מעסער אין האַנט, גרייט, ווי נאָר ער טוט זיך אַ ריר, ווידער אויף אים זיך אַ וואָרף צו טאָן — אָבער ער וועט מיר שוין מער גאָרנישט טאָן, דאָס הער איך שוין לויט זיין כאָרכלען.

אומדייטלעך קאָן איך אים זען. איך האָב בלויז איין פאַר־לאַנג, פון דאַנען זיך אַרויסצוקריגן. אויב נישט באַלד, וועט שפּע־טער זיין צו ליכטיק; אפילו איצט איז עס שוין שווערלעך. אָבער, אַז איך פּרוּוו אויפהויבן דעם קאָפּ, זע איך גלייך, אַז ס׳איז אוממעגלעך.

דאָס פייער פון די קוילנוואָרפערס איז אַזוי געדיכט, אַז מ׳וועט מיך דורכלעכערן, נאָך איידער איך וועל טאָן דעם ערשטן שפּרונג.

איך פּרוּוו עס נאָך אַ מאָל מיט מיין היטל, איך רוק עס אַרויף און הויב עס אויף אינדערהויך, כדי פעסטצושטעלן די הויכקייט פון דער שיסעריי. אין איין מאָמענט שפּעטער ווערט עס מיר דורך אַ קויל אָפּגעשאָסן פון האַנט אַרויס. ס׳פייער טראָגט זיך, הייסט עס, גאַנץ נידעריק איבערן גאַנצן שטח. איך געפין זיך נישט גענוג ווייט פון דער פיינטלעכער פּאָזיציע, אַז די שאַרפשיסער זאָלן מיך נישט כאַפּן, אויב איך וועל פּרוּוון אַנטלויפן.

די ליכטיקייט ווערט גרעסער. איך וואַרט מיט דער גרעס־טער שפּאַנונג אויף אַן אָנגריף פון אונדזערע.

מיינע הענט זענען ווייס, אַזוי דריק איך זיי צונויף, אַזוי

בעט איך רחמים, אַז דאָס פייער זאָל נאָכלאָזן און מיינע חברים זאָלן אָהערקומען.

ס'פאַרגייט אַ מינוט נאָך אַ מינוט. איך האָב נישט מער דעם מוט אַ וואָרף צו טאָן אַ בליק אויף דער טונקעלער געשטאַלט דאָ אין גרובן. אָנגעשטרענגט קוק איך אָן אַ זייט און וואַרט, און וואַרט.

די קוילן פייפן, זיי זצנען אַ שטאָלענע נעץ, ס'הערט נישט אויף, ס'הערט נישט אויף.

פלוצלינג דערזע איך מיין פאַרבלוטיקטע האַנט און דערשפיר אַ שרעקלעכע נישטגוטקייט. איך נעם ערד און רייב דערמיט איבער דער הויט, איצט איז די האַנט ווייניקסטנס שמוציק, און מ'זעט נישט מער דאָס בלוט.

דאָס פייער לאָזט נישט נאָך. פוןביידע זייטן איז עס איצט גלייך שטאַרק. ביי אונדז האַלט מען מיך שוין געוויס פאַר פאַרלאָרן.

ס'איז אַ ליכטיקער, גרויער באַגינען.

דאָס כאָרכלען הערט זיך כסדר. איך פאַרמאַך די אויערן, נעם אָבער באַלד צוריק אַרויס די פינגער, ווייל איך וועל צוליב דעם נישט קאָנען הערן אויך דאָס אַנדערע.

די געשטאַלט קעגנאיבער באַוועגט זיך. איך טו זיך אַ טרייסל און קוק נישט ווילנדיק אַהין. איצט בלייבן מיינע אויגן ווי צוגעבונדן.

אָט ליגט דאָ אַ מענטש מיט קליינע וואָנסן, דער קאָפּ אויסגעדרייט אָן אַ זייט, איין אָרעם איז האַלב צונויפגעדרייט, דער קאָפּ דריקט אים, די אַנדערע האַנט ליגט אויף דער ברוסט, זי איז פאַרבלוטיקט.

ער איז טויט, קלער איך. ער מוז טויט זיין, ער פילט נישט מער. — דאָס, וואָס ס'כאָרכלט איז שוין נישט מער ווי דער קערפּער. אָבער דער קאָפּ פּרוּווט זיך אַ הויב טאָן, דאָס קרעכצן הערט אויף אַ מאָמענט שטאַרקער, דערנאָך לאָזט זיך דער שטערן

צוריק אַראָפּ אויפֿן אָרעם. דער מענטש איז נישט טויט, ער שטאַרבט, אָבער ער איז נישט טויט. איך רוק זיך צו, פֿאַרהאַלט דעם אָטעם, שפּאַר זיך אָן אויף די הענט, רוק זיך ווידער אַ ביסל נענטער, וואַרט — ווייטער, אַ שרעקלעכער וועג פֿון דריי מעטער, אַ לאַנגן, מוראַדיקן וועג, ענדלעך בין איך נעבן אים.

און אָט טוט ער אַן עפֿן די אויגן. ער האָט מיך נאָך געהערט און קוקט מיך אָן מיט אַן אויסדרוק פֿון מוראַדיקער שרעק. דער קערפּער ליגט שטיל, אין די אויגן אָבער איז אַזאַ אומגעהויערער ווילן צו אַנטלויפֿן, אַז אַ מאָמענט בין איך נוטה צו גלויבן, אַז זיי זענען בכּח מיטצוררייסן מיט זיך דעם קערפּער.

הונדערט קילאָמעטער ווייט קאָנען זיי אים אַוועקטראָגן פֿון דאַנען. דער קערפּער איז שטיל, לחלוטין רויק, אָן אַ שום טאָן, ס'כאָרכלען איז פֿאַרשטומט. אָבער די אויגן שרייען, אין זיי איז צונויפֿגעזאַמלט די גאַנצע לעבנס-קראַפֿט צו אַן אומגעווייַנלעכער אָנשטרענגונג, כּדי צו אַנטלויפֿן פֿון דעם מוראַדיקן גרויל, פֿון טויט, פֿון מיר.

איך בויג די קני און פֿאַל אויף די עלנבויגנס.

— ניין, ניין — פֿליסטער איך.

די אויגן קוקן מיר נאָך. איך בין נישט בכּח צו מאַכן קיין שום באַוועגונג, כּל זמן זיי זענען דאָ פֿאַראַן.

און אָט פֿאַלט זיין האַנט פּאַמעלעך אַראָפּ פֿון דער ברוסט, בלויז אַ קליין שטיקל, זי פֿאַלט אויף עטלעכע צענטימעטער, אָבער דידאָזיקע באַוועגונג פֿאַראַליזירט! די קראַפֿט פֿון די אויגן. איך בויג זיך צו, שאָקל מיטן קאָפּ און פֿליסטער:

— ניין, ניין, ניין.

איך טו אַ הויב די האַנט, איך מוז אים ווייזן, אַז איך וויל אים העלפֿן, און גלעט אים איבערן שטערן.

די אויגן האָבן אַ ציטער געטאָן פֿון מיין האַנט-באַרירונג, איצט פֿאַרלירן זיי זייער שטייפֿקייט, די ברעמען לאָזן זיך אַראָפּ, די שפּאַנונג ווערט שוואַכער. איך שפּיליע אים אָפּ דעם קראַגן און לייג אים אַוועק באַקוועמער דעם קאָפּ.

זיין מויל איז האַלב אָפֿן, ער באַמיט זיך צו פֿאָרמירן

ווערטער. די ליפּן זענען טרוקן. מיין פעלדפלאַש איז נישטאָ, איך האָב זי נישט מיטגענומען. אָבער אונטן אין גרובן איז פאַראַן וואַסער. איך קלעטער אַראָפּ, שלעפּ אַרויס מיין נאָזטיכל, שפּרייט עס אויס, דריק עס אַראָפּ און שעפּ מיט דער הוילער האַנט דאָס געלע וואַסער, וואָס קוועלט דורכן טיכל.

ער שלינגט עס. איך ברענג אים נאָך. דערנאָך קנעפּל איך אויף זיין ראָק, כדי וואָס ס'לאָזט זיך צו פאַרבינדן. איך מוז עס טאָן צוליב דעם, כדי יענע דאָרט אויבן, אויב זיי וועלן מיך נעמען אין געפאַנגענשאַפט, זאָלן זען, אַז איך האָב אים געהאָלפן און וועלן מיך אפשר נישט דערשיסן. ער פּרוּווט זיך ווערן, אָבער זיין האַנט איז דערצו צו שוואַך. דאָס העמד איז צוגעקלעפּט און ס'איז אוממעגלעך עס אַ ריר צו טאָן, ס'איז פון הינטן צוגעקנעפּלט. נישטאָ קיין אַנדער עצה ווי נאָר עס אויפצושניידן.

איך זוך דאָס מעסער און געפין עס אָפּ. אָבער קוים הויב איך אָן צו שניידן ס'העמד, עפענען זיך צוריק די אויגן, און ווידער ליגט אין זיי דאָס שרייען און דער ווילדער אויסדרוק, אַזוי אַז איך מוז זיי צוהאַלטן, צודריקן און פליסטערן:

— איך וויל דיר דאָך העלפן, קאַמעראַד. קאַמפּ־אַד, קאַמעראַד, קאַמע־אַד — איך שט־ייך אונטער שטאַרק דאָס דאָזיקע וואָרט, כדי ער זאָל מיך פאַרשטיין.

ס'זענען דריי שטעך. מיינע באַנדאַזשן באַדעקן עס, דאָס בלוט אונטער זיי לויפט אַוועק, איך דריק זיי צו פעסטער, ער קרעכצט.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך קאָן טאָן. איצט מוזן מיר וואַרטן, וואַרטן.

*

*

דידאָזיקע שעהן. — דאָס כאָרכלען הויבט זיך אָן פון ס'ניי — ווי פּאַמעלעך אַ מענטש שטאַרבט! ווייל דאָס ווייס איך: ראַטעווען קאָ. מען אים נישט. איך האָב אפילו געפּרוּווט זיך דאָס איינרעדן, אָבער מיטאָגצייט איז דידאָזיקע איינרעדע-

ניש אונטער זיינע קרעכצן צערונען, צעשאָסן געוואָרן. ווען איך זאָל נישט האָבן פאַרלאָרן, בעתן קריכן, מיין רעוואָלווער, וואָלט איך אים דערשאָסן. דערשטעכן קאָן איך אים נישט.

מיטאָגצייט פיל איך, אַז איך האַלט ביים פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין. דער הונגער מאַטערט מיך שרעקלעך, איך קאָן זיך קוים איינהאַלטן פון וויינען. וואָס מיר ווילט זיך עסן, איך קאָן עס אָבער נישט באַקומען. עטלעכע מאָל ברענג איך דעם גוסס וואַסער און טרינק אַליין אויך דערפון.

ס'איז דער ערשטער מענטש, וואָס איך האָב אים מיט מיינע הענט געטויט, וואָס איך קאָן אים גענוי זען, וואָס זיין טויט איז געווען מיין אַרבעט. קאַט און קראָפּ און מילער האָבן שוין אויך געזען, ווען זיי האָבן אימיצן געטראָפן, אַ סך פון אונדז האָבן שוין געהאַט דאָס זעלבע, אין קאַמף פון דער נאָענט איז עס אַן אָפטע דערשיינונג —

אָבער יעדער אָטעמצוג לעכערט מיר דאָס האַרץ. דער דאָזיקער גוסס האָט נאָך געוויס צייט, ער האָט אַ באַהאַלטענעם מעסער, מיט וועלכן ער וועט מיך דערשטעכן: די צייט און מיינע געדאַנקען.

וואָס וואָלט איך נישט אָפּגעגעבן, אַז ער זאָל בלייבן לעבן. ס'איז שווער דאָ צו ליגן און מוזן אים זען און הערן.

דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז ער טויט.

איך אָטעם פריי אָפּ. אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט. דאָס שווייגן איז מיר שוין כמעט שווערער צו פאַרטראָגן ווי דאָס קרעכצן. איך וואָלט וועלן, אַז דאָס כאָרכלען זאָל זיך דאָ ווידער הערן, אָפּגעריסן, הייזעריק, אַמאָל פייפנדיק שטיל און דערנאָך ווידער הייזעריק און אויפן קול.

עס איז נאַריש דאָס, וואָס איך טו. איך מוז אָבער אומבאַדינגט האָבן אַ באַשעפטיקונג. און אָט לייג איך דעם טויטן איבער אויף אַ בעסערן אָרט, כדי עס זאָל אים זיין באַקוועמער צו ליגן, כאָטש ער פילט שוין גאָרנישט. איך מאַך אים צו די אויגן, זיי זענען ברוין, די האָר שוואַרץ, ביי די זייטן געלאָקט.

דאָס מויל איז פול און ווייך אונטער די וואָנסן; די נאָז

אַ ביסל קרימלעך, די הויט ברוינלעך, זי זעט איצט מער נישט אויס אַזוי אַש־גרוי ווי פריער, בעת ער האָט נאָך געלעבט. איין מאָמענט זעט אויס דאָס פנים כמעט ווי אינגאַנצן געזונט— דערנאָך פאַרוואַנדלט עס זיך געשווינט אין איינעם פון יענע פרעמדע מתים־געזיכטער, וועלכע איך האָב אַזוי אָפט געזען און וואָס זענען אַזוי ענלעך איינס אויפן אַנדערן.

זיין פרוי טראַכט זיכער איצט וועגן אים; זי ווייס נישט וואָס עס איז געשען. ער זעט אויס, ווי ער זאָל איר האָבן אָפט געשריבן; — זי וועט נאָך געוויס באַקומען פון אים בריוו — מאָרגן, אין א וואָך אַרום, — אפשר א פאַרוואַלגערטן בריוו נאָך גאָר אין א חודש אַרום. זי וועט אים לייענען און ער וועט אין אים צו איר רעדן.

מיין צושטאַנד ווערט כסדר ערגער, איך קאָן בשום־אופן נישט באַהערשן מיינע געדאנקען, ווי, למשל, זעט אויס זיין פרוי? ווי די טונקעלע, שמאָלע פון יענער זייט קאַנאַל? געהערט זי מיר נישט? אפשר געהערט זי מיר איצט צוליב דעם! ווען קאַנטארעק זאָל כאָטש דאָ איצט זיצן נעבן מיר! ווען מיין מאַמע זאָל מיך אַזוי זען. — דער טויטער וואָלט נאך זיכער געקאָנט לעבן גאַנצע דרייסיק יאָר, ווען איך זאָל האָבן ווי געהעריק איינגעחזרט אין זכרון דעם צוריקוועגס, ווען ער זאָל האָבן געלאָפן צוויי מעטער ווייטער אויף לינקס, וואָלט ער איצט געלעגן אין אָקאָפּ און געשריבן א נייעם בריוו צו זיין פרוי.

אָבער אויף דעם אופן קום איך נישט ווייטער; ווייל דאָס איז דער גורל פון אונדז אַלע; ווען קעמעריך זאָל האָבן געהאַלטן זיין פוס צען צענטימעטער ווייטער רעכטס, ווען האַיע וואָלט זיך אָנגעבויגן פינף צענטימעטער ווייטער.

* *

*

דאָס שווייגן ציט זיך. איך רייד און מוז ריידן. און אַזוי זיץ איך און שמועס מיט אים און זאָג אים אָט וואָס:

— חבר, איך האָב דיך נישט געוואָלט טויטן. ווען דו שפּרינגסט אריין אַהער נאָכאַמאָל, וואָלט איך עס נישט געטאָן,

ווען אויך דו וואָלסט געווען קלוג. אָבער פריער ביסטו מער מיר געווען בלויז א געדאַנק, א קאָמבינאַציע, וואָס האָט געלעבט אין מיין מוח און ארויסגערופן אַן אַנטשלוס; — דידאָזיקע קאָמבינאַציע האָב איך דערשטאָכן. איצט ערשט זע איך, אַז דו ביסט א מענטש פונקט ווי איך. איך האָב געקלערט וועגן דיינע האַנטגראַנאַטן, וועגן דיין באַגנעט און דיין געווער; איצט זע איך דיין פרוי און דיין געזיכט און דאָס געמיינזאַמע. זיי מיר מוחל, קאַמעראַד! מיר זעען עס תמיד צו שפּעט. פאַרוואָס זאָגט מען דאָס אונדז נישט טאָג-איין טאָג-אויס, אז איר זענט פונקט אַזעלכע עלנטע הינט ווי מיר. אַז אייערע מאַמעס שרעקן זיך פונקט אַזוי ווי אונדזערע און אז מיר האָבן דיזעלבע מורא פאַרן טויט און דאָסזעלבע שטאַרבן. און דעמזעלבן שמערץ — זיי מיר מוחל, קאַמעראַד, וויאַזוי האָסטו געקאָנט זיין מיין שונא. ווען מיר זאָלן אַוועקוואַרפן דאָסדאָזיקע געווער און דעמדאָזיקן מונדיר, האָסטו געקאָנט זיין מיין ברודער אַזוי ווי קאַט און אַלבערט. נעם צו ביי מיר צוואַנציק יאָר, חבר, און שטיי אויף, — נעם מער, ווייל איך ווייס נישט וואָס דערמיט אָנצוהויבן".

עס איז שטיל, דער פראָנט איז רויק, ביזן גאַנצן געוועהרדונער. די קוילן ליגן געדיכט, עס ווערט נישט געשאָסן אָן קיין פּלאַן, נאָר שאַרף געצילט אויף אַלע זייטן. איך קאָן נישט ארויסגיין.

— איך וויל שרייבן צו דיין פרוי, זאָג איך האַסטיק דעם טויטן, איך וויל איר שרייבן, פון מיר זאָל זי זיך עס דערוויסן, איך וויל איר אַלץ זאָגן, זי זאָל נישט ליידן, איך וויל איר העלפן און דיינע עלטערן אויך און דיין קינד —

זיין מונדיר איז נאָך האַלב אָפן. זיין בריוונטאַש קאָן מען לייכט געפינען. אבער איך האַלט זיך אָפּ אים צו עפענען, דאָרט ליגט זיכער א ביכל מיט זיין נאָמען. כּל-זמן איך ווייס נישט זיין נאָמען, קאָן איך אים נאָך אפשר פאַרגעסן, די צייט וועט פאַרניכטן דאָס דאָזיקע בילד. זיין נאָמען אָבער איז א טשוואָק, וואָס ווערט אין מיר אַריינגעהאַקט און מען וועט אים שוין קיינמאָל נישט קאָנען ארויסטרייסן. ער האָט

די קראַפט, אַרויסצורופן אַלץ צוריק אין מיין זכרון, ער וועט תמיד צוריקקומען און קאָן זיך פאַר מיר אַוועקשטעלן.

אומאַנטשלאָסן האַלט איך דעם בריוונטאַש אין האַנט. ער פאַלט אַראָפּ און עפנט זיך אויף. עס פאַלן אַרויס עטלעכע בילדער און בריוו. איך קלויב זיי צונויף און וויל זיי צוריק אַריינלייגן, אָבער דער דרוק, אונטער וועלכן איך שטיי, די גאַנצע אומזיכערע לאַגע, דער הונגער, די סכנה, די דאָזיקע שעהן מיטן טויט, האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ יאוש. איך וויל פאַרגיכערן די אויפלייזונג און פאַרשטאַרקן די ליידן און מאַכן אַ סוף, פונקט ווי מען צעשמעטערט אַן אומדערטרעגלעך שמערצנדיקע האַנט אָן אַ בוים, לחלוטין נישט קלערנדיק וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

עס זענען בילדער פון אַ פרוי און אַ קליין מיידעלע, שמאָלע אַמאַטאָרן־פאָטאָגראַפיעס אויפן פאָן פון אַ וואַנט, באַוואַקסן מיט בלעטער. נעבן זיי ליגן בריוו. איך נעם זיי אַרויס און פרוּוו זיי לייענען. ס׳רוב פאַרשטיי איך נישט, אַ שווערער כתב, און איך קאָן ווייניק פראַנצויזיש. אָבער יעדעס וואָרט, וואָס איך איבערזעץ דרינגט מיר אַריין ווי אַ שאָס אין ברוסט — ווי אַ שטאָך אין ברוסט. —

מיין קאָפּ איז לגמרי צעמישט. אַזוי פיל אָבער פאַרשטיי איך נאָך, אַז איך טאָר יענע מענטשן קיינמאָל נישט שרייבן, ווי איך האָב עס פריער געקלערט, אוממעגלעך. איך קוק זיך נאָכאַמאָל צו צו די בילדער. עס זענען נישט קיין רייכע לייט. איך וועל קאָנען שפּעטער זיי שיקן געלט נישט אונטערשרייבנדיק מיין נאָמען, ווי נאָר איך וועל עפּעס פאַרדינען. דאָס גיט מיר צו מוט, אַ קליינער אָנהאַלט לפחות. דער דאָזיקער טויטער איז צונויפגעבונדן מיט מיין לעבן, דעריבער מוז איך אַלץ טאָן און צוזאָגן, כדי זיך צו ראַטעווען; נישט טראַכטנדיק טו איך אַ נדר, אַז איך וועל לעבן בלויז פאַר אים און זיין פאַמיליע.

מיט נאַסע ליפּן רעד איך אין אים אַריין, און גאַנץ טיף אין האַרצן ליגט ביי מיר די האָפענונג, אַז דערמיט וועל איך אויסקויפן מיין חטא און אפשר דאָך פונדאַנען זיך נאָך אַרויס־

קריגן, א קליינע צביעות וואס ערשט שפעטער קאָן מען זיך אין דעם אָריענטירן. און דעריבער טו איך אָן עפן דאָס ביכל און לייען באַזאַכט:

גערארד דיוואל, טיפּאָגראַף.

איך שרייב אויף דעם אַדרעס מיט דעם טויטנס בלייפעדער אויף א קאָנווערט און פּלוצלינג רוק איך אַלץ געשווינט אַריין צוריק אין זיין ראָק.

איך האָב געהרגעט דעם דרוקער גערארד דיוואל. איך מוז ווערן א דרוקער, קלער איך שוין לגמרי א צעמישטער אויפן קאָפּ, ווערן א דרוקער, אַ דרוקער —

* *

*

נאָכמיטאָג בין איך רויקער. מיין שרעק איז געווען אַן אומבאַגרינדעטע. דער נאָמען ווירקט אויף מיר מער נישט. דער אָנפאַל גייט פאַרביי.

„חבר — זאָג איך צום טויטן, אָבער איך זאָג עס שוין רויק געפּאַסט, היינט דו, מאָרגן איך. אָבער אויב איך וועל זיך ארומדרייען, וועל איך קעמפן קעגן דעם, וואָס האָט אונדז ביידן צעבראָכן: דיר דאָס לעבן — און מיר — אויך דאָס לעבן. איך זאָג עס דיר צו, חבר. עס טאָר קיינמאָל מער נישט פאָרקומען

די זון שטייט קרומלעך. איך בין פאַרטעמפּט פון צעמאַטערט-קייט און הונגער. דער נעכטן איז פאַר מיר ווי אַ נעפּל, איך האָב שוין קיין שום האָפענונג נישט פונדאַנען זיך אַרויסצוקריגן. אַזוי קוועל איך זיך און באַגרייף אפילו נישט, אַז עס ווערט אָוונט.

עס קומט דער בין-השמשות. איצט זעט עס מיר אויס גע-שווינט, נאָך א שעה. ווען עס זאָל זיין זומער, נאָך דריי שעה. נאָך א שעה.

און אָט הויב איך אָן פּלוצלינג צו ציטערן, אז עס וועט נאָך עפּעס געשען. איך קלער נישט מער וועגן טויטן, ער איז מיר איצט לגמרי גלייכגילטיק, מיט איין קלאַפּ שפּרינגט ווידער אַרויס דער אינסטינקט צום לעבן און אַלץ וואָס איך האָב זיך פאַרגע-

נומען פארשווינדט מאָמענטאַל. בלויז כדי שוין איצט נישט צו האָבן מער קיין אומגליק פלאַפּ איך מעכאַניש:

„איך וועל אַלץ מקיים זיין, אַלץ מקיים זיין, וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט" — אָבער איצט ווייס איך שוין, אַז איך וועל עס נישט טאָן.

פלוצלינג פאַלט מיר איין, אַז מיינע אייגענע חברים קאָנען אין מיר שיסן אויב איך וועל אַרויסקריכן; זיי ווייסן עס דאָך נישט. איך וועל רופן, ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן, כדי זיי זאָלן מיך פאַרשטיין. איך בלייב אזוי לאַנג ליגן דאָ פאַרן גראָבן, ביז זיי וועלן מיר ענטפערן.

דער ערשטער שטערן, דער פראָנט בלייבט רויק. איך אָטעם אָפּ און רייד פון אויפרעגונג מיט זיך אַליין.

איצט קיין שום נאַרישקייטן. פּאַול — רויק, רויק, פּאַול — דעמאָלט ביסטו געראַטעוועט, פּאַול.

עס ווירקט, בעת איך רייד אַרויס מיין נאָמען, דוכט זיך מיר, אַז דאָס טוט אַן אַנדערער, און דאָס גיט מיר צו קראַפט.

די טונקלקייט וואַקסט. מיין אויפרעגונג ווערט שוואַכער, איך וואַרט צוליב פאָרזיכטיקייט, ביז עס הויבן זיך אויף די ערשטע ראַקעטן. דעמאָלט קריך איך אַרויס פון לאָך. דעם טויטן האָב איך לגמרי פאַרגעסן. פאַר מיר ליגט די אָנקומענדיקע נאַכט און דאָס בלייך־באַלויכטענע פעלד. איך באַמערק א לאָך; אין מאָמענט ווען דאָס ליכט לעשט זיך אויס, טאַנץ איך געשווינט אַריבער, טאַפּ ווייטער, דערגרייך דאָס צווייטע, הויקער זיך איין, רוק זיך ווייטער.

איך קום צו נעענטער. און אָט זע איך ביים שיין פון א ראַקעט, ווי עס באַוועגט זיך נאָך עפּעס אין דראָט, איידער עס ווערט פאַרגליווערט, און ליג שטיל. ביים צווייטן מאָל זע איך עס ווידער, עס זענען גאַנץ באַשטימט חברים פון אונדזער גרובן. אָבער איך בין פאָרזיכטיק, ביז איך דערקען אונדזערע היטלען. דעמאָלט רוף איך.

תיכּף דערהערט זיך אַלס ענטפער מיין נאָמען:

פּאַול — פּאַול —

איך רוף נאָכאַמאָל. עס זענען קאַט און אַלבערט, וואָס האָבן זיך אָוועקגעלאָזן מיט א טראָגבעטל מיך זוכן.

— ביסטו פאַרוווּנדעט?

— ניין, ניין —

מיר טאַנצן אריין אין גרובן. איך פאַרלאַנג עסן און שלינג עס ממש איין. מילער גיט מיר א פאַפיראָס. איך דערצייל אין קורצע ווערטער וואָס ס'איז געשען. עס איז דאָך אָבער נישט קיין נייעס, אַזוינס האָט שוין אָפט פּאַסירט. בלויז דער נאַכט־אָנגריף איז דאָס אומגעוויינלעכע אין דער גאַנצער מעשה. אָבער קאַט איז שוין אַמאָל אין רוסלאַנד אָפּגעלעגן גאַנצע צוויי טעג הינטערן רוסישן פראָנט, אײדער אים איז געלונגען זיך אַדורכצושלאָגן.

וועגן דעם טויטן דרוקער דערצייל איך נישט קיין איין וואָרט.

ערשט אויפן צווייטן טאָג האַלט איך מער נישט אויס, איך מוז עס דערציילן קאַטן און אַלבערטן. זיי באַרויִקן מיך ביידע.

דו קאָנסט דערצו גאָרנישט העלפן. וואָס האָסטו געוואָלט אַנדערש טאָן. אויף דעם ביסטו דאָך דאָ!

איך הער זיך צו אַ דערשלאָגענער צו זייערע רייד, געטרייסט דורך זייער באָנעטקייט. סאַראַ ווילדע אַבסורדן איך האָב דאָרט צוגעטראַכט, אין יענעם משונהדיקן אָקאָפּ.

— טו נאָר אַ קוק אַהין, — ווייזט אָן קאַט.

ביי די אויבערשטע וואַל־טיילן שטייען עטליכע שאַרפשיסער. זיי האָבן געווער מיט טעלעסקאָפּן און לויערן אויף אונדזער פּאָזיציע. פון צייט צו צייט קנאַלט אַ שאָס.

איצט הערן מיר אויסרופן:

— „געפּאַקט". „האָסט געזען ווי הויך ער איז געשפּרונגען?"

דער סערזשאַנט עלריך דרייט זיך שטאָלץ אויס און נאָטירט זיין פּונקט. ער טרעפט שוין היינט דאָס דריטע מאָל.

— וואָס זאָגסטו דערצו? — פרעגט קאַט.

איך שאָקל מיטן קאָפּ.

— אויב ער וועט ווייטער באַווייזן אַזעלכע קונצן, האָט ער היינט אין אָוונט נאָך איין פּילפּאַרביק פייגעלע אין לאַץ — באַמערקט קראָפּ.

— אָדער ער ווערט באַלד וויצע־פעלדפעבל — דערגענצט קאַט.

מיר קוקן זיך איבער.

— איך וואָלט עס נישט געטאָן — טו איך א זאָג.

— לכל הדעות, — זאָגט קאַט — איז עס זייער גוט, וואָס דו זעסט עס גראָד איצט.

דער סערזשאַנט עלריך רוקט זיך ווידער צו צום אויבער־שטן וואַל. די עפּעבונג פון זיין געווער רוט נישט קיין מינוט.

— איצט דאַרפסטו וועגן דיין זאַך קיין וואָרט מער נישט פאַרלירן — שאָקלט אַלבערט צו מיטן קאָפּ — איצט פאַרשטיי איך זיך גופא שוין אויך נישט מער.

— ס'איז בלויז געווען דערפאַר, ווייל איך האָב אַזוי לאַנג געמוזט ליגן מיט אים צוזאַמען — זאָג איך — קריג איז קריג, סוף־כל־סוף.

עלריכס ביקס קנאַלט קורץ און טרוקן.

ג

מיר האָבן געפּאַקט אַ גוטן פּאַסטן. גאַנצע אַכט מאָן מוזן מיר באַוואַכן אַ דאָרף, פֿון וואַנען די איינוווינער זענען אַנטלאָפֿן, ווייל ס'ווערט צו שטאַרק אָנשטאָסן.

דער עיקר דאַרפֿן מיר אַ שוווּנג געבן אויפֿן פּראָוויאַנט-אַמט, וואָס איז נאָכנישט ליידיק. דאַן דאַרפֿן מיר זיך אַליין באַזאָרגן. דערויף זענען מיר גרויסע בריהס.

קאַט, אַלבערט, מילער, טיאַדען, לעער, דעטערינג, אונדזער גאַנצע גרופּע איז אויפֿן פּלאַץ. אמת, האַיע איז טויט. אָבער ס'איז נאָך אַ גרויסער גליק, ווייל אַלע איבעריקע גרופּן האָבן געהאַט אַ סך מער פֿאַרלוסטן ווי אונדזערע.

אַלס אָקאָפּ האָבן מיר זיך אויסגעקליבן אַ בעטאָנירטן קעלער, אין וועלכן ס'פֿירט פֿון דרויסן אַ טרעפּ. דערצו איז דער איינגאַנג נאָך געשיצט מיט אַ ספּעציעלער בעטאָן-וואַנט.

איצט אַנטוויקלען מיר אַ גרויסע טעטיקייט. ווידער האָבן מיר אַ געלעגנהייט אויסצושטרעקן נישט בלויז די פֿיס, נאָר אויך די נשמה. און אַזעלכע געלעגנהייטן נוצן מיר אויס, ווייל אונדזער לאַגע איז צו פֿאַרצווייפֿלט, מיר זאָלן קאָנען זיין לאַנג סענטימענטאַל. דאָס איז נאָר מעגלעך כּל זמן ס'איז נאָך נישט גאַנץ שלעכט. אונדז אָבער בלייבט נישט מער ווי נאָר צו זיין פּראַקטיש. אזוי פּראַקטיש, אַז אָפּטמאָל כאַפּט מיך אַרום אַ גרויל, בעת אין מיין קאָפּ פֿאַרבלאָנדזשעט אויף אַ מאָמענט אַ געדאַנק פֿון

דער פריערדיקער צייט, פון פארן קריג. ער בלייבט אָבער נישט לאַנג.

מיר מוזן אונדזער לאַגע נעמען אַזוי לייכט, ווי ס'איז נאָר מעגלעך. דעריבער נוצן מיר אויס דערצו יעדע געלעגנהייט, און אומויטלבאַר, האַרט, אָן שום איבערגאַנג שטייט נעבן גרויל דער שגעון. מיר קאָנען לגמרי נישט אַנדערש. מיר וואַרפן זיך אַריין.

אויך איצט גייט די אַרבעט מיט גרויס ברען צו שאַפן אַן אידיליע, אַן אידיליע פון פרעסן און שלאָפן, נאַטירלעך.

די בודע ווערט קודם כל אויסגעלייגט מיט מאַטראַצן, וואָס מיר ברענגען צו שלעפן פון די הייזער. אַ זעלנערשער הינטער־חלק וויל אויך אַמאָל זיצן אויף אַ ווייכן אָרט. נאָר אינמיטן צימער בלייבט דער באָדן אינגאַנצן ליידיק. דערנאָך באַזאָרגן מיר זיך דעקן און פערענעס, פראַכטפולע ווייכע זאַכן. אין דאָרף איז דאָך דאָ אַלדאָס גוטס.

אַלבערט און איך געפינען אַ צענעמבאַר מאַהאָגאָן־בעט, מיט אַ הימל פון בלויע זיידנס און אַן איבערוואָרף פון שפּיצן.

מיר שוויצן ווי די מאַלפּעס ביים טראַנספּאָרטירן, אָבער פון אַזאַ מין זאַך קאָן מען זיך דאָך נישט אָפּזאָגן, הגם מ'חייס, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט עס זיכער צעשאָסן ווערן.

קאַט און איך מאַכן אַ קליינעם פּאַטרולן־גאַנג איבער די הייזער. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר געפּאַקט אַ טוץ אייער און צוויי פונט גענוג פרישע פּוטער.

פלוצלינג טוט עפּעס אַ קראַך אין אַ זאַל, און אַן אייזערנער אויוון זעצט דורך די וואַנט, פאַרביי אונדז, איין מעטר נעבן אונדז און ווידער דורכן וואַנט. צוויי לעכער. ער קומט פון הויז קעגנאיבער, וווהין ס'איז אַריינגעפאַלן אַ גראַנאַט.

— אַ ווייסטע מפּלה — כעסט זיך קאַט. און מיר זוכן ווייטער.

מיטאַמאָל שטעלן מיר אָן די אויערן און מאַכן פּיס. תיכף באַוואָרעם שטייען מיר ווי פאַרכשופט: אין אַ קליינעם שטאַל טומלען זיך צוויי לעבעדיקע חזירימלעך.

מיר רייבן זיך די אויגן און קוקן ווידער פאָרזיכטיק אַהין

זיי זענען פאקטיש נאָך אַלץ דאָ. מיר טוען זיי אַ נעם — קיין שום ספק נישט, ס'זענען צוויי אמתע יונגע חזירימלעך.

דאָס וועט טאַקע זיין אַ טייערער מאכל. אויף אַ שטח פון בערך פופציק טריט פון אונדזער אָקאָפּ שטייט אַ קליין הייזל, וואָס האָט געדינט אַלס אָפיצירן־קוואַרטיר. אין קיך געפינט זיך אַ ריזיקע פּליטע אויף צוויי פייערן, פאַנען, טעפּ און קעסלען. אַלץ איז דאָ פאַראַן, אפילו אָנגעהאַקטע קליינע העלצלעך אין אַ קאַסטן — אַן אמתער גן־עדן.

צוויי מאַן זענען פון באַגינען אָן אויף די פעלדער און זוכן קאַרטאָפל, מערן און יונגע אַרבעס. מיר זענען טאַקע פריצים און פייפן אויף די קאָנסערוון פון פּראָוויאַנט־אַמט, מיר ווילן פרישע שפּייזן. אין שפּייזקאַמער ליגען שוין צוויי קעפּ קאַלאַפּיאָרן.

די חזירימלעך האָט מען צוגעכט געמאַכט. דאָס איז געווען קאַטס מלאכה.

צום בראָטן ווילן מיר מאַכן קאַרטאָפל־לאַטקעס. מיר געפינען אָבער נישט קיין ריב־אייזן. אָבער אויך דערצו האָבן מיר באַלד אַן עצה. אין בלעכענעם דעקל האַקן מיר אויס מיט טשוועקעס אַ מאַסע לעכער, און אָט האָבן מיר אַ ריבאייזן! דריי מאַן טוען אָן דיקע הענטשקעס, כּדי צו פאַרהיטן ביים רייבן די פינגער, צוויי אַנדערע שיילן די קאַרטאָפל, און די אַרבעט גייט ווי געשמירט.

קאַט בראָט דאָס חזיר־פלייש, קאָכט די מערן, די אַרבעס און די קאַלאַפּיאָרן, מאַכט אפילו דערצו אַ ווייסן סאָוס.

איך פּרעגל לאַטקעס, צו פיר פאַר אַ מאָל. אין משך פון צען מינוט בין איך אין דער אַרבעט אַ מומחה. איך דריי די פאַטעלניע אויף אַזאַ אופן, אַז די לאַטקעס, וואָס זענען פון איין זייט פאַרטיק, הויבן זיך אויף, דרייען זיך אין דער לופט און לאָזן זיך ווידער אַראָפּ.

די חזירימלעך ווערן געבראָטן נישט צעשניטענערהייט. אַלץ שטייט אַרום זיי ווי אַרום אַ מזבח.

דערווייל זענען אָנגעקומען געסט. צוויי זאַקסישע זעלנער און זיי ווערן פאַרבעטן צום עסן.

זיי זיצן אין עסצימער, וווּ ס'שטייט אַ קלאַוויר. איינער שפּילט, דער צווייטער זינגט: „ווי דער וועזער" ער זינגט מיט געפיל, אָבער אויף זאַקסישן אופן. נישט געקוקט דערויף ווערן מיר אַלע אַזוי גערירט, שטייענדיק אַזוי ביי דער פּליטע און צוגרייטנדיק ייִדישע געשמאַקע מאכלים.

מיטאָג פאַרזאָרגן מיר אַ פאַרדעכטיקן טראַסקן. די קייטן-באַלאָנען ... דערזען דעם רויך פון אונדזער קוימען, און מיר ווערן באַשאָסן מיט פייער. דאָס זענען די פאַרשאָלטענע קליינע שפּרינג-באָמבעס, וואָס מאַכן אַזוי אַרום אַ קליינע לאָך און טרעפן אַזוי ווייט און אַזוי בידעריק. אַלץ נענטער און נענטער פייפט עס אַרום אונדז, אָבער מיר קאָנען דאָך נישט אַוועקוואַרפן דאָס עסן.

די באַנדע האַלט אין איין שיסן, אַ פּאָר שפּליטער רוישן איבן דורכן קיך-פענצטער. דער בראָטן איז באַלד פאַרטיק, אָבער מיט די לאַטקעס איז אַ שווער עסק. די שאָסן פאַלן אַזוי נאָענט, אַז די שפּליטערס טראַסקן כסדר אין דער הויזוואַנט און רייסן זיך אַריין דורך די פענצטער. יעדעס מאָל, ווען איך דערהער אַ פייף, לאָז איך זיך אַראָפּ מיט דער פאַטעלניע און די לאַטקעס אויף די קני, הויקער זיך איין הינטער דער פענצטער-וואַנט. תיכף נאָך דעם שטיי איך אויף צוריק און פּרעגל ווייטער.

די זאַקסן הערן אויף צו שפּילן — אַ שפּליטער איז געפאַלן אויפן קלאַוויר. אויך מיר זענען ביסלעכווייז פאַרטיק און אָרגאַניזירן דעם צוריקצוג. נאָכן נאָענטסטן טראַסק לויפן צוויי מאַן מיט די טעפּ אין די הענט די פּופּציק מעטער ביז צו דעם אָקאָפּ, מיר זעען ווי זיי פאַרשווינדן.

נאָך אַ שאָס. אַלע הויקערן זיך איין, און דערנאָך טראָגן זיך ווידער אָפּ צוויי מאַן מיט אַ גרויסן קרוג פון ערש קלאַסיקער קאַווע און כאַפּן זיך אַריין אין אָקאָפּ פאַרן נאָכקומענדיקן קלאַפּ.

איצט כאַפּן קאַט און קראַפּ דעם בעסטן חלק; די גרויסע פאַן מיטן ברוין געבראָטענעם חזיר-פלייש. אַ וואָיען, אַ פאַל אויף די קני און אָט טראָגן זיי זיך ווי אַ שטורעם די פופציקן מעטער איבערן פרייען פעלד.

איך באַוויַיז נאָך אויסצובאַקן מיינע לעצטע פיר לאַטקעס צוויי מאָל מוז איך בעת דער אַרבעט זיך וואַרפן אויף דער ערד.

אָבער סוף כּל סוף האָבן מיר דאָך נאך פיר לאַטקעס, און עס איז דאָך מיין בעסטער מאכל.

דערנאָך טו איך אַ כאַפּ די פאַן און רוק זיך אַרונטער הינטער דער הויז-טיר. עס פייפט, עס קנאַקט, און איך טראָג זיך אָפּ צוּדריקנדיק מיט ביידע הענט די פאַן צו דער ברוסט. איך בין קוים דערלאָפן, און עס פייפט שטורעמדיק, איך שפּרינג ווי אַ הירש, וואַרף אום די בעטאָן-וואַנט, די שפריצער קנאַקן כסדר, איך פאַל אַראָפּ פון קעלער-טרעפּ. מיינע עלנבויגענס זענען צעהאַקט, איך האָב אָבער נישט פאַרלוירן קיין איינציקע לאַטקע און נישט איבערגעקערט די פאַן.

זייגער צוויי נעמען מיר זיך צום עסן. עס פאַרציט זיך ביז זעקס. ביז האַלב זיבן טרינקען מיר קאַווע — אָפיצירן-קאַווע פון פראָוויאַנט-אַמט — און רויכערן דערצו אָפיצירן-פּאַפּיראָסן און ציגאַרן — אויך פון פראָוויאַנט-אַמט. פונקט האַלב זיבן נעמען מיר זיך צום אָוונטברויט. זייגער צען וואַרפן מיר אַרויס דורך דער טיר די סקעלעטן פון די חזירימלעך. דערנאָך טרינקט מען קאָניאַק און ראָם, ווידער אַמאָל פון געבענטשטן פראָוויאַנט-אַמט, און נאָכאַמאָל לאַנגע, גראָבע ציגאַרן מיט באַנדעראָלן. טיאַדען מיינט, אַז עס פעלט בלויז איין מין: מיידלעך פון אָפיצירן-קלוב.

שפּעט אינאָוונט דערהערן מיר אַ מיאַוטשן. אַ קליינע גרויע קאַץ זיצט פאַר דער טיר. מיר נאַרן זי אַריין און פיטערן זי. דערביי באַקומען מיר ווידער אַפּעטיט, קייענדיק לייגן מיר זיך שלאָפן.

אָבער די נאַכט איז אַ שלעכטע. מיר האָבן געגעסן צו

פעטע מאכלים. פריש חזיר־פלייש ווירקט שלעכט אויף די געדערים. מיר האלטן אין איין לויפן. צוויי דריי מאן זיצן כסדר מיט אראפגעלאזענע הויזן אין שעלטער. איך אליין בין ניין מאל אונטערוועגס.

זייגער פיר ביינאכט שלאגן מיר דעם רעקארד: אלע עלף מאן, דער וואכפאסטן און די געסט, זיצן אין דרויסן.

ברענענדיקע הייזער שטייען ווי פאקעלן אין מיטן נאכט. גראנאטן טראסקן און פאלן אראפ. מוניציע־אפטיילונגען טראגן זיך ווילד איבערן גאס.

דער פראוויאנט־אמט איז פון איין זייט אויפגעריסן, ווי א מחנה בינען שטופן זיך דארט זעלבער־קאלאנעס, נישט קוקנדיק אויף די קוילן־שפליטערס און ווארפן זיך אויפן ברויט.

מיר שטערן זיי נישט. ווען מיר זאלן זיי עפעס וואס א זאג טאן, וואלטן מיר תיכף באקומען א פיינע פארציע שמיץ.

דעריבער מאכן מיר עס אויף אן אנדער אופן. מיר דערקלערן, אז מיר שטייען דא אויף דער וואך. און אזוי ווי מיר אריענטירן זיך דא, ברענגען מיר זיי קאנסערוועון און פארבייטן עס אויף אזעלכע זאכן, וואס אונז פעלט.

וואס האט עס פאר א ווערט — אין א קורצער צייט ארום איז סיי ווי אלץ צעשמעטערט. פאר זיך גופא נעמען מיר פון דעפא שאקאלאד און עסן עס גאנצע טעוועלעך. קאט זאגט, אז עס איז א סגולה צו א שוואכן מאגן. —

כמעט פערצן טאג נאכאנאנד פארברענגען מיר אזוי, מיט עסן, טרינקען און בטלענען. קיינער שטערט אונז נישט.

דאס דארף פארשווינדט ביסלעכווייז אונטער די גראנאטן, און מיר לעבן א גוטן טאג. כל־זמן עס עקזיסטירט נאך איין איינציקער טייל פון פראוויאנט־אמט, איז אונז אלץ איינס, און מיר ווינשן זיך נאר צו דערלעבן דעם סוף פון קריג.

טיאדען איז געווארן אזוי איידל, אז די ציגארן רויכערט ער אויס נאר ביז דער העלפט. ער דערקלערט מעשה־פריץ, אז ער איז אנדערש נישט געוווינט.

אויך קאַט איז זייער מונטער געשטימט. זיין ערשטער באַפעל אין דער פרי איז:

— „עמיל, ברענגט קאַוויאַר און קאַווע!"

מיר זענען בכלל געוואָרן אַלע גרויסע פּריצים, יעדער איינער קוקט אויפן צווייטן, ווי אויף זיין משרת, זעצט זיך אַוועק און גיט אַרויס באַפעלן.

— קראַפּ, מיר בייסט אין פוס, כאַפּט נאָר, איך בעט אייך, די לויז. מיט די ווערטער שטרעקט אים אויס לעער זיין פוס, ווי אַן אַקטריסע, און אַלבערט קראַצט אים מיט אַלע כוחות.

— טיאַדען!

— וואָס? —

— שטייט ווי עס דאַרף צו זיין, טיאַדען, איבעריקנס, ווייסט איר, אַז מ'פרעגט נישט „וואָס" נאָר „צום באַפעל"

און טיאַדען שפּילט זיין ראָל אויסגעצייכנט.

אין אַכט טעג אַרום באַקומען מיר אַ באַפעל אָפּצוטרעטן. זיך געענדיקט אונזערע זיבן גוטע יאָר, מיר זעצן זיך אַרויף אויף צוויי גרויסע לאַסט-אויטאָס. זיי זענען ביז אין דער הויך אָנגעפּאַקט מיט ברעטער. אָבער טאַקע אויף דידאָזיקע ברעטער שטעלן מיר אַוועק — איך און אַלבערט — אונזער הימלבעט, מיטן בלויען זיידענעם פאָרהאַנג, מיט מאַטראַצן און צוויי שפּיצן-דעקעס.

הינטן צוקאָפּנס ליגט פאַר יעדערן אַ זאַק מיט דעם טייערסטן עסנוואַרג, מיר האַלטן עס כסדר אין איין טאַפּן, און די האַרטע חזיר-ווורשט, די פּושקעס לעבער-ווורשט, די קאָנסערוועס, די ציגאַרן-שעכטלעך דערפרייען ממש אונזערע הערצער. יעדער איינער האָט ביי זיך אַזאַ פולגעפּאַקטן זאַק.

קראָפּ און איך האָבן נאָך אָבער אויסערדעם אָפּגעראַטעוועט צוויי רויטע סאַמעטענע פאָטעלן. זיי שטייען אין בעט, און מיר צעשפּרייטן זיך אויף זיי פּונקט ווי אין אַ טעאַטער-לאָזשע. איבער אונדז בלאָזט זיך דער זיידענער איבערוואָרף פּונקט ווי אַ חופּה. יעדערער האַלט אין מויל אַ לאַנגן ציגאַר, אַזוי קוקן מיר פון אויבן אַראָפּ אויף דער גאַנצער געגנט.

צווישן אונדז שטייט אַ פּאַפּוגײַ־שטייגל, וואָס מיר האָבן גע־פונען פאַר דער קאַץ. מיר האָבן זי מיטגענומען, זי ליגט אין שטייג מיט אַ שטיק פלייש און ברומט.

פאַמעלעך שלעפּן זיך די וועגענער איבערן גאַס. מיר זינגען. הינטער אונדז שפּריצן די גראַנאַטן־פאָנטאַנען פון דאָרף אַרויס, וואָס איז איצט לגמרי ליידיק.

* *

*

אין עטלעכע טעג אַרום מאַרשירן מיר ארויס, פאַר צו פאַרנעמען אַ געגנט.

אונטערוועגס באַגעגענען מיר די אַנטלויפנדיקע איינוווינער, וועלכע מ'האָט אַרויסגעשיקט. זיי שלעפּן זייער האָב און גוטס אויף האַנט־און קינדער־וועגעלעך און אָנגעלאָדן אויף די רוקנס. זייערע געשטאַלטן זענען איינגעהויקערט, די געזיכטער פול זאָרג, יאוש, האס און הכנעה. די קינדער הענגען ביי די מאַמעס אויף די הענט, אָפּטמאָל פירט אויך אַן עלטער מיידל די קליינע, וואָס שלעפּן זיך קוים לעבעדיקע פאָרויס און קוקן זיך כסדר אום צו־ריק. עטלעכע טראָגן מיט זיך צעפּליקטע ליאַלקעס. אַלע שווייגן בעת זיי גייען נעבן אונדז פאַרביי.

מיר זענען נאָך אַלץ אין דער מארש־קאָלאָנע, די פראַנ־צויזן וועלן דאָך נישט באַשיסן קיין דאָרף, ווו ס'געפינען זיך נאָך זייערע לאַנדסלייט

אָבער אין אַ פּאָר מינוט אַרום, וואָיעט די לופט, די ערד ציטערט, ס'הערן זיך געשרייען — אַ גראַנאַט האָט צעשמעטערט דעם הינטערשטן צוג,

מיר צעשיטן זיך און פאַלן אויף דער ערד, אָבער אין דעם מאָמענט שפּיר איך ווי איך פאַרליר דאָס גלייכגעוויכט, וואָס פלעגט מיך תמיד, בעת אַ פייער, דיקטירן גענוי וואָס איך האָב צו טאָן.

דער געדאַנק „דו ביסט פאַרלאָרן" רופט אַרויס אַ ווערגנ־דיקע שרעקלעכע אַנגסט — און אין אַ מאָמענט שפּעטער קנאַלט

א קלאַפּ ווי פון א בייטש אין מיין לינקן פוס. איך הער ווי אַלבערט שרייט, ער איז נעבן מיר.

— שטיי אויף, געשווינט, אַלבערט, בריל איך ווי אַ לייב, ווייל מיר ליגן אומגעשיצט אויפן פרייען פעלד.

ער שפרינגט אויף און לויפט, איך נאָך אים. מיר מוזן אַריבערשפרינגען איבער א פּאַרקאַן; ער איז העכער פון אונדז. קראַפּ כאַפּט זיך אָן אָן די צווייגן, איך טו אַ נעם זיין פוס, ער שרייט שרעקלעך, איך טו אים א הויב, ער טאַנצט אַריבער. מיט איין שפּרונג בין איך הינטער אים און פאַל אריין אין א טייך, וואָס פליסט הינטערן פּאַרקאַן.

אונדזערע פּנימער זענען פול וואַסער און שמוץ, אָבער די דעקונג איז גוט. דעריבער קריכן מיר אריין ביזן האַלדז. בעת עס פייפט, לאָזן מיר זיך אַראָפּ אין וואַסער איבער די קעפּ.

נאָכדעם ווי מיר מאַכן דעמדאָזיקן קונץ אַ מאָל צען נאָכאַנאַנד, ווערט עס מיר אָבער מיאוס. אַלבערט קרעכצט אויך:

— לאָמיר זיך אָפּטראָגן, אויב נישט פאַל איך אום און דערטרינק זיך.

— ווו האָסטו עפּעס געפּאַקט? — פרעג איך.

— אין קני, גלויב איך.

— קענסטו לויפן?

— איך רעכן, אַז יאָ.

אויב אַזוי — אַרויס!

מיר דערגרייכן דעם שאָסיי־גראָבן און איינגעהויקערטע לויפן מיר לענגאויס דעם וועג.

דאָס פייער יאָגט אונדז נאָך. די גאַס גייט אין דער ריכטונג צום מוניציע־דעפּאָ. אויב מיר זאָלן אויף דעם אופן ווייטער לויפן זענען מיר קאַפּוט. מיר בייטן דעריבער אונדזער פּלאַן און לויפן אין ווינקל, קווער אין פעלד אַריין.

אַלבערט שטייט אָפּ.

— לויף ווייטער, איך וועל דיך אָניאָגן — זאָגט ער און לייגט זיך אַוועק.

איך רייס אים פֿאַרן אָרעם און טרייסל אים.

— שטיי אויף, אַלבערט, קוים לייגסטו זיך איצט אַוועק, קומסטו שוין קיינמאָל נישט ווייטער. שטיי אויף, איך וועל דיר העלפֿן.

ענדלעך דערגרייכן מיר אַ קליינעם אָקאָפּ. קראַפּ וואַרפֿט זיך אַריין און איך באַנדאַזשיר אים. די קויל זיצט נישט טיף אין קני. דערנאָך טו איך אַ קוק אויף זיך גופֿא. די הויזן זענען פֿאַרבלוטיקט און אויך דער אָרעם. אַלבערט פֿאַרבינדט מיר די לעכער מיט זיינע באַנדאַזשן. ער קאָן שוין מער זיין פֿוס נישט באַוועגן, און מיר וווּנדערן זיך ביידע, ווי אַזוי האָבן מיר זיך בכלל דערשלעפּט ביז אַהער. דאָס האָט טאַקע געמאַכט נאָר די אַנגסט; מיר וואָלטן אַנטלאָפֿן, ווען מ׳זאָל אונז האָבן אָבגעשאָסן אפֿילו די גאַנצע פֿיס — בלויז אויף די קני.

איך קאָן נאָך קריכן, און רוף צו אַ פֿאַרבייפֿאָרנדיקן וואָגן און מ׳נעמט אונז אַרויף. דער גאַנצער וואָגן איז פֿול מיט פֿאַרווונדעטע. דאָ געפֿינט זיך אויך אַ סאַניטאַר, וואָס מאַכט אונז תּיכּף אַ טעטאַנוס *)-איינשפּריצונג אין ברוסט.

אין פֿעלד-לאַזאַרעט אָרדענען מיר זיך אַזוי איין, אַז מיר ליגן איינער נעבן אַנדערן. מ׳דערלאַנגט אונז אַ שיטערע זופּ, וואָס מיר טרינקען עס אויס גיריק און מיט פֿאַראַכטונג, ווייל מיר געדענקען דאָך נאָך די בעסערע צייטן, אָבער מיר זענען דאָך הונגעריק.

— נו, איצט גייט מען אַהיים, אַלבערט, — טו איך אַ זאָג.

— הלוואי, — ענטפֿערט ער, — ווען איך זאָל נאָר וויסן, וואָס מיט מיר איז.

די שמערצן ווערן שטאַרקער. ווי פֿייער ברענען די באַנ-דאַזשן. מיר טרינקען און טרינקען, איין גלאָז וואַסער נאָכן צווייטן.

*) טעטאַנוס — קראַמף פֿון די מוסקלען.

— ווי ווייט איבערן קני איז מיין שאָס? — פרעגט קראַפּ.

— מינדעסטנס צען צענטימעטער, אַלבערט, ענטפער איך. באמת זענען עס אפשר בלויז דריי.

— דאָס האָב איך מיר פאַרגענומען, — זאָגט ער נאָך אַ קורצער ווײַלע, אויב זיי וועלן מיר אָפּשניידן אַ פוס, מאַך איך אַ סוף. איך וויל זיך נישט אַרומשלעפּן איבער דער וועלט אַלס קאַליקע.

אָט אַזוי ליגן מיר מיט אונזערע געדאַנקען און וואַרטן.

אין אָוונט פירט מען אונז אַוועק צו דער שלאַכטבאַנק. איך דערשרעק זיך און באַקלער געשווינט, וואָס איך האָב צו טאָן; ווײַל ס'איז באַוווּסט, אַז די דאָקטוירים אין פעלדלאַזאַ-רעט האַלטן אין איין אַמפּוטירן. ביי דעם גרויסן אויפגעלויף איז עס פּשוטער ווי קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס. קעמעריך קומט מיר אויף די געדאַנקען. איך וועל זיך בשום אופן נישט לאָזן כלאָראָפאָרמירן, אפילו ווען איך זאָל מוזן אַ פּאָר מענטשן לע-כערן די מוחות.

ס'גייט גוט. דער דאָקטאָר שטורכעט אַרום אין דער וווּנד, אַז ס'ווערט מיר פינצטער אין די אויגן. „מאַכט נישט אַזאַ אָנשטעל" — זידלט ער זיך און האַקט ווייטער. די אינ-סטרומענטן בליצן ביים העלן שיין, ווי ווילדע חיות, די יסורים זענען אוממענטשלעכע. צוויי קראַנקן-וועכטערס האַלטן מיך פעסט פאַר די הענט, אָבער איך רייס איינע אַרויס און וויל פאַרפאָרן דעם דאָקטאָר דירעקט אין די ברילן אַריין. ער באַ-מערקט עס אָבער און שפּריגנט אָפּ.

— כלאָראָפאָרמירט אים, דעם יאַט, ברילט ער ווי אַ ווילדע חיה.

איצט ווער איך רויק.

— אַנטשולדיקט מיר, הער דאָקטאָר, איך וועל זיין שטיל, אָבער כלאָפאָרמירט מיך נישט.

— נו, יאָ, קווענקלט ער זיך און נעמט ווידער אַרויס זיינע אינסטרומענטן. ס'איז אַ בלאָנדער יונגערמאַן, העכסטנס פון אַ יאָר דרייסיק, מיט צייכנס פון ווונדן און נמאַסדיקע גאָלדענע ברילן. איך מערק, אַז איצט שיקאַנירט ער מיך שוין מיט אַ פּיוון, ער שטורכעט גלאַט אַזוי זיך אין דער ווונד און קוקט אַריבער צו מיר קרום איבער זיינע גלעזער. איך ברעך מיט די הענט פון יסורים, אָבער בעסער שטאַרב איך, איידער ער זאָל דערהערן פון מיר אַ פּיפּס.

ער האָט ענדלעך אַרויסגעקריגן אַ שפּליטער און וואַרפט מיר אים צו. ווי ס'שיינט איז ער צופרידן מיט מיין האַלטן זיך, ווייל איצט באַגייט ער זיך מיט מיר זייער אָנשטענדיק און זאָגט:

„מאָרגן פאָרט מען אַהיים".

דערנאָך נעמט מען אַריין דעם פוס אין גיפּס. בעת איך בין ווידער מיט קראַפּן צוזאַמען, דערציייל איך אים, אַז מאָרגן קומט וואַרשיינלעך אַהער אַ לאַזאַרעט-צוג.

— מיר מוזן זיך דורכרעדן מיטן סאַניטאַר-פעלדפעבל, אַז מיר זאָלן בלייבן איינער נעבן צווייטן, אַלבערט.

ס'געלינגט מיר מיט אַ פּאָר פּאַסנדיקע ווערטער איבער-צוגעבן דעם פעלדפעבל צוויי פון מיינע ציגאַרן. ער טראָגט זיי צום נאָז און פרעגט:

— האָסט נאָך אַ סך אַזעלכע?

— נאָך אַ היפּש ביסל, — זאָג איך, — און מיין חבר — איך ווייז אָן אויף קראַפּן — האָט אויך. דאָס וועלן מיר גערן מאָרגן אייך צוזאַמען דערלאַנגען דורכן פענצטער פון לאַזאַרעט-צוג.

ער פאַרשטייט, נאַטירלעך, טוט נאָך אַמאָל אַ שמעק און זאָגט: „געמאַכט".

ביינאַכט קאָנען מיר אויף קיין ווייל נישט איינשלאָפן. אין אונזער זאַל שטאַרבן זיבן מענטשן. איינער זינגט אַ שעה

באַכאַנאַנד אויפן קול קירכן-לידער, ביז ער הויבט אָן צו כאָרכלען. אַ צווייטער איז פריער צוגעקראָכן פון בעט צום פענצטער. ער ליגט דאָרט, ווי ער זאָל נאָך וועלן צום לעצטן מאָל ארויסקוקן.

*

אונזערע טראָגבעטלעך שטייען אויפן וואָקזאַל. מיר וואַרטן אויפן צוג. ס'גיסט אַ רעגן, און דער וואָקזאַל איז אָן אַ דאַך. אונזערע דעקעס זענען דינע. מיר וואַרטן שוין צוויי שעה.

דער פעלדפעבל גיט אויף אונז אַכטונג ווי אַ מוטער. כאָטש איך פיל זיך זייער שלעכט, הער איך נישט אויף צו קלערן וועגן אונזער פּלאַן. אַזוי זיך פלאַחר-יד, באַווייז איך די פעקלעך און גיב אַ ציגאַר אַלס אַן אדרויף. דערפאַר דעקט אונז צו דער פעלדפעבל מיט אַ לייוונט.

— מענטש, אַלבערט, — דערמאָן איך זיך, — אונזער קאַץ —

— און די קלוב-פאָטעלן, — גיט ער צו. — יאָ, די קלוב-פאָטעלן פון רדיטן פליוש. ווי פּרינצן זענען מיר אין אָוונט אויף זיי געזעסן און זיך פאָרגענומען שפּעטער זיי צו פאַרדינגען אויף שעהן. פאַר יעדער שעה אַ פּאַפּיראָס. ס'וואָלט געווען אַ זאָרגלאָז לעבן און אפשר גאָר געוואָרן אַ געשעפט.

— אַלבערט, — פאַלט מיר פּלוצלונג איין, — און אונזערע פרעס-זעק.

מיר ווערן אומעטיק. דידאָזיקע זאַכן וואָלטן אונז שטאַרק צונוץ געקומען. ווען דער צוג זאָל גיין מיט איין טאָג שפּעטער, וואָלט אונז קאַט דיכער אויפגעזוכט און אַהערגעבראַכט די גאַנצע אכילה.

אַ מין שלימזל. מיר האָבן אין מאָגן מעלזופּ, שיטערע לאַזאַרעט-שפּייזן און אין אונדזערע זעק חזיר-בראָטן אַלס קאָנסערוון. מיר זענען אָבער אַזוי שוואַך אַז מיר קאָנען זיך מער מכוח דעם נישט אָנפרעגן.

די טראָגבעטלעך זענען פּיטש-נאַס, בעת דער צוג קומט ערשט אָן באַגינען. דער פעלדפעבל באַמיט זיך, אַז מיר זאָלן ביידע אַריין אין זעלבן וואַגאָן. ס'זענען פאַראַן אַ גאַנצע מאַסע שוועסטערן ביז רויטן-קרייץ. קראַפן פּאַקט מען אַריין אונטן. מיך הייבט מען אויף און מ'וויל מיך אַריינלייגן אין בעט איבער אים.

— גאָט איז מיט אייך, — רייסט זיך מיר פּלוצלינג אַרויס פון מויל.

— וואָס איז געשען? — פרעגט די שוועסטער.

איך וואַרף ווידער אַ בליק אויפן בעט. ס'איז באַצויגן מיט שניי־ווייסן לייוונט, אומגעוויינלעך זויבערע לייוונט, ס'זעען זיך נאָך אַפילו די קנייטשן פון פרעסן. מיין העמד, פּאַרקערט, איז שוין זעקס וואָכן נישט געוואַשן און שרעקלעך שמוציק.

— איר קאָנט אליין נישט אַריינקריכן? — פרעגט די שוועסטער צעטראָגן.

— דאָס יאָ, — זאָג איך, באַגיסנדיק זיך מיט אַ שווייס,— אָבער נעמט פריער אַראָפּ דאָס בעטציג.

— פאַרוואָס עפּעס?

עפּעס קום איך זיך אַליין פאָר ווי אַ חזיר. דאָ זאָל איך זיך אַריינלייגן? ס'וועט דאָך ווערן — איך דערזאָג נישט.

— אַביסל שמוציק?—פרעגט זי, שמייכלענדיק — ס'מאַכט נישט אויס. מיר וועלן שפּעטער נאָך אַמאָל אויסוואַשן.

— ניין, דאָס נישט. — זאָג איך אויפגערעגט. צו דעם דאָזיקן אויסדרוק פון קולטור בין איך נישט דערוואַקסן.

— דערפאַר וואָס איר האָט זיך דאָרט געוואַלגערט אין די גרובנס, קאָנען מיר דאָך לפּחות וואַשן פאַר אייך אַן איבעריק מאָל ליילעכער, — גיט זי צו.

איך קוק זיך צו איר צו, זי זעט אויס ענערגיש, יונג, בלאַנק געוואַשן און פיין, — ווי אַלץ, וואָס דאָ געפינט זיך. ס'גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז נישט נאָר פאַר אָפיצירן, און מ'פילט זיך אומהיימלעך, אַפילו אַביסל אומזיכער.

די קבה איז אויסערדעם אַ גוט אָנשיקעניש, זי צווינגט מיך איר אַלץ צו זאָגן. „ס'איז נישט מער — איך האַלט זיך איין, זי דאַרף דאָך פאַרשטיין, וואָס איך מיין.

— וואָס נאָך, למשל?

— מכּוח די לייז, — בריל איך ענדלעך אַרויס.

— זי לאַכט: זיי מוזן אויך אַמאָל האָבן גוטע טעג.

אויב אַזוי איז עס מיר באמת אַלץ איינס. איך קריך אַריין אין בעט און דעק זיך צו.

עפּעס אַ האַנט גראַבלט זיך איבער דער דעקע. ס'איז דער פעלדפעבל. ער טראָגט זיך אָפּ מיט די ציגאַרן.

אין אַ שעה אַרום דערשפּירן מיר, אַז מיר פאָרן.

* *

*

אינמיטן נאַכט כאַפּ איך זיך אויף. קראָפּ רירט זיך אויך. דער צוג טראָגט זיך שטיל איבער די שינעס. אַלץ איז מיר נאָך עפּעס אומבאַגרייפלעך: אַ בעט, אַ צוג, אַ היים. איך פליסטער:

„אַלבערט!“

— יאָ —

— צי ווייסטו ווו ס'געפינט זיך דאָ די לאַטרינע?

— מיר שיינט, אַז דאָרט ווייטער, פון דער רעכטער זייט טיר.

— איך וועל גיין אַ קוק טאָן.

ס'איז פינצטער, איך זוך דעם בעט-ראַנד און וויל זיך פאָרזיכטיק אַראָפּגליטשן, מיין פוס אָבער גיט זיך אַ דריי, איך פיל, אַז איך לאָז זיך אַראָפּ, דער פאַרגיפּסעוועטער פוס איז אומבאַוועגלעך, און מיט איין קראַך ליג איך אויף דר'ערד.

— פאַרפלוכט, — טו איך אַ זאָג.

— האָסטו זיך צעהאַקט? — פרעגט קראָפּ.

— איך מיין, אַז דאָס האָסטו געקאָנט הערן, — ברום איך, — מיין שאַרבן — הינטן אין וואַגאָן עפענט זיך די טיר.

די שוועסטער קומט אַריין מיט אַ ליכט און דערזעט מיך.
— ער איז אַראָבגעפאַלן פון בעט —
זי נעמט מיין פולס און מאַפט מיר דעם שטערן.
— קיין פיבער האָט איר נישט.
— ניין, — גיב איך צו.
— צי האָט זיך אייך עפּעס געחלומט? — פרעגט זי.
— יאָ, דוכט זיך, — בין איך משקר.

איצט הויבט זיך ווידער אָן די פרעגעריי. זי קוקט מיך מיט אירע ליכטיקע אויגן, זי איז זויבער און וווּנדערבאַר, און דעריבער קאָן איך איר טאַקע נישט זאָגן, וואָס איך וויל.

ווידער לייגט מען מיך אַרויף אויבן. כ'וועט שוין ווערן גוט.

זאָל זי נאָר אַוועקגיין, מוז איך תיכף נאָכאַמאָל פּרוּוון אַראָפּקריכן. ווען זי זאָל זיין אַן אַלטע פרוי, וואָלט נאָך געווען לייכטער איר צו דערציילן, אָבער זי איז דאָך אַזוי יונג, העכסטנס פינף און צוואַנציק יאָר. ס'איז אוממעגלעך, איך קאָן עס איר בשום אופן נישט זאָגן.

און אָט קומט מיר אַלבערט צו הילף, ער זשענירט זיך נישט, סוף כל סוף איז עס אים דאָך לייכטער, ווייל ס'האַנדלט זיך וועגן מיר און נישט וועגן אים. ער רופט די שוועסטער. זי דרייט זיך אום.

„שוועסטער, ער וויל".

אָבער אַלבערט ווייס אויך נישט ווי אַזוי זיך קאָרעקט און אָנשטענדיק אויסצודריקן. צווישן זיך אויף די פּאָזיציעס זאָגן מיר עס מיט אַן איינאיינציקן וואָרט, אָבער דאָ אין דער קעגנוואַרט פון אַזאַ דאַמע. —

מיט אַמאָל דערמאָנט ער זיך אָן דער שולצייט און ער ענדיקט לגמרי רויק:

— ער וויל אַרויסגיין, שוועסטער.
— אַך. אַזוי, — זאָגט די שוועסטער, — דערצו דאַרף ער דאָך נישט אַראָפּקלעטערן מיט זיין פאַרגיפּסעווען פוס

פון בעט. — וואָס ווילט איר אייגנטלעך? — ווענדט זי זיך צו מיר.

פון דערדאָזיקער ווענדונג באַפאַלט מיך אַ טויט-שרעק, ווייל איך האָב קיין שום אַנונג נישט ווי אָנצורופן פאַכמעניש דידאָזיקע מעשיות. די שוועסטער קומט מיר צו הילף.

— קליין צי גרויס?

— סאַראַ שרעקלעכע חרפה! איך שוויץ ווי אַ מאַלפע און זאָג פאַרשעמט:

— נו, יאָ, בלויז אַ קליינס —
נאָך אויך אַ גליק.

איך באַקום אַ פלאַש. אין עטלעכע שעה אַרום בין איך שוין נישט קיין בן-יחיד, און אויף מאָרגן זענען מיר שוין צוגעוווינט, און פאַרלאַנגען אָן שום בושה אַלץ, וואָס מיר דאַרפן.

דער צוג גייט פאַמעלעך. אָפטמאָל שטעלט ער זיך אָפּ און די טויטע ווערן טראַנספּאָרטירט. ער בלייבט אָפּט שטיין.

אַלבערט האָט פיבער. מיין צושטאַנד איז אַ בעסערער. איך האָב, אמת, שמערצן, אָבער שלעכט איז נאָר דאָס, וואָס אונטערן גיפּס-באַנדאַזש זענען וואַרשיינלעך דאָ לייז. ס'בייסט מיך שרעקלעך און איך קאָן זיך נישט קראַצן.

בייטאָג דרעמלען מיר ס'רוב. די לאַנדשאַפט טראָגט זיך שטיל פאַרביי די פענצטער.

אויף דער דריטער נאַכט קומען מיר קיין הערבעסטאַל. איך הער פון דער שוועסטער, אַז אַלבערטן וועט מען, צוליבן פיבער, אויף דער צווייטער סטאַציע אַראָפּנעמען.

— וווהין גייט דער צוג? — פרעג איך.

— ביז קיין קעלן.

— אַלבערט, מיר בלייבן צוזאַמען, זאָג איך, וועסט שוין זען.

בעת די שוועסטער קומט באַלד ווידער אַריין אונטער-זוכן די קראַנקע, בלאָז איך זיך אָן און ס'בלוט טוט מיר אַ זעץ אין קאָפּ, ער ווערט רויט און געשוואָלן.

— צי האָט איר שמערצן?

— יאָ, קרעכץ איך, מיט איינמאָל.

זי גיט מיר אַ טערמאָמעטער און גייט ווייטער. איך האָב נישט געדאַרפט זיין ביי קאַטן אויף דער לער, אַז איך זאָל זיך נישט קאָנען אָר ענטירן. דידאַזיקע זעלנער-טערמאָמעטערס זענען נישט אויסגערעכנט אויף קיין דערפאַרענע מיליטער-לייט. ס'האַנדלט זיך בלויז וועגן דעם אַרויפצויאָגן אין דער הויך דאָס קוועקזילבער, דעמאָלט בלייבט עס אין דינעם רערל און פאַלט שוין נישט אַראָפּ.

איך שטעל אַריין דעם טערמאָמעטער אונטערן אָרעם, פּונאוונטן קרימלעך, און רייב כסדר מיטן גרויסן פינגער. דער-נאָך שאָקל איך עס אַרויף אין דער הויך. אויף דעם אופן דערגרייכט עס ביז 37,9. ס'איז נאָך אָבער ווייניק. האַלט מען נאָנט נעבן אים פאָרזיכטיק אַ שוועבעלע דערגרייכט עס ביז 38,7.

אַז די שוועסטער קומט צוריק, בלאָז איך זיך אָן, אָטעם שווער, קוק זי אָן מיט עטוואָס אויסגעגלאָצטע אויגן, באַוועג זיך אומרויק און פליסטער:

— איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן —

זי פאַרשרייבט מיין נאָמען אויף אַ צעטל. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אָן אַ זייער וויכטיקער סיבה וועט מען מיר דעם גיפּס פון פוס נישט אַראָפּנעמען.

צוזאַמען מיט אַלבערטן זעצט מען אונז אַראָפּ פון צוג

*

*

מיר ליגן אין אַ קאַטויליש'ן שפּיטאָל אין איין צימער. ס'איז אַ גרויס גליק, ווייל די קאַטוילישע שפּיטעלער זענען באַוווּסט מיט זייער גוטער באַהאַנדלונג און גוטן עסן.

דער לאַזאַרעט איז איבערפולט מיט די קראַנקע פון אונזער צוג, ס'זענען דאָ אַ סך שווערע פאַלן. אונז וועט מען נאָך היינט נישט אונטערזוכן, ווייל ס'זענען פאַראַן צו ווייניק דאָקטוירים.

איבערן קאָרידאָר פאָרן פּסידר פלאַכע וועגעלעך אויף גומענע רעדער און אויף זיי ליגן אויסגעצויגן קראַנקע זעלבער. א פארשאָלטענעפּאָזע — צו ליגן אַזוי אויסגעצויגן—ס׳איז גוט נאָר, ווען מ׳שלאָפט.

די נאכט איז זייער אַן אומרויקע. קיינער קאָן נישט שלאָפן. באַגינען דרימלען מיר אַביסל איין. איך כאַפּ זיך אויף, אַז ס׳איז שוין גרויסער טאָג, די טיר שטייט אָפן, און פון קאָרידאָר הערן זיך שטימען. די אַנדערע כאַפּן זיך אויך אויף. איינער, וואָס געפינט זיך שוין דאָ אַ פּאָר טעג, דערקלערט אונז די מעשה:

דאָרט אויבן אויפן קאָרידאָר בעטן די שוועסטער טאָגטעגלעך אין דער פרי צו גאָט. זיי רופן עס פרימאָרגן-געבעט. כדי איר זאָלט אויך קריגן אייער חלק, עפענען זיי פאַנאַנדער די טירן.

— זייער כוונה, פארשטייט זיך, איז זייער אַ גוטע, אָבער אונז טוען וויי די ביינער און די מוחות.

— אַזאַ מין אַבסורד, און גראָד דאַן, ווען מ׳שלאָפט אַביסל איין.

— דאָ אויבן ליגן די לייכטערע חולאים, דעריבער דערלויבן זיי זיך אַזעלכע עובדות, — ענטפערט ער.

אַלבערט קרעכצט. איך ווער אויפגערעגט און שריי

— שטילער דאָרט, אין קאָרידאָר.

אין אַ מינוט אַרום קומט אַריין אַ שוועסטער, אין איר ווייסער און שוואַרצער קליידונג זעט זי אויס ווי אַ שיינער קאַווע-וואַרעמער.

— מאַכט צו, איך בעט אייך, די טיר, שוועסטער, טוט אימיצער אַ זאָג.

— מ׳בעט דאָרט צו גאָט, דעריבער איז אָפן די טיר ענטפערט זי.

— מיר ווילן נאָך אָבער שלאָפן. —

— בעטן איז בעסער ווי שלאָפן.

זי שטייט נעבן אונז און שמייכלט אומשולדיק. „ס'איז אויך שוין זיבן א זייגער".

אַלבערט קרעכצט ווידער.

— מאַכט צו די טיר! — שריי איך מיט כעס.

זי איז לגמרי פאַרבליפט, אזא מין זאַך, ווייזט אויס, איז זי גאָר נישט משיג.

— מ'בעט דאָך פאַר אייך אויך!

— אַלץ איינס! פאַרמאַכט די טיר!

זי פאַרשווינדט און לאָזט די טיר אָפן. איך פאַל אַריין אין א ווילדן כעס און זאָג:

— איך צייל איצט ביז דריי. אויב זיי וועלן פאַר דער צייט נישט אויפהערן, וואַרף איך זיי עפּעס אין קאָפּ אַריין.

— איך אויך — דערקלערט נאָך איינער.

איך צייל ביז פינף. דערנאָך כאַפּ איך א פּ'אַש און וואַרף דורך דער טיר אין קאָרידאָר אַריין.

זי ווערט צעהאַקט אויף שטיק-שטיקלעך. דאָס געבעט הערט אויף. ס'באַווייזן זיך א גאַנצע מחנה שוועסטערן און זידלען זיך אָן אויפהער.

— מאַכט צו די טיר — שרייען מיר.

זיי טראָגן זיך אַרויס. די קליינע פון פריער איז די לעצטע.

„אפיקורסים" קוויטשעט זי, מאַכט אָבער צו די טיר. מיר האָבן מנצח געווען.

*

*

צו מיטאָג קומט דער לאַזאַרעט-אינספּעקטאָר און פאַלט אויף אונז אָן. ער זאָגט אונז צו פעסטונג און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. איצט איז א לאַזאַרעט-אינספּעקטאָר, פּונקט ווי אַן אינספּעקטאָר פון פּראָוויאַנט-אַמט, א מין פאַרשוין, וואָס האָט א לאַנגע שווערד און שליפּעס — אָבער, אייגנטלעך נישט מער ווי א באַאַמטער, און דעריבער כאַפּט ער נישט איינמאָל פון

אַ רעקרוט דאָס זייניקע. מיר לאָזן אים דעריבער רעדן, וואָס קאָן דען מיט אונז נאָך פּאַסירן —

— ווער האָט געוואָרפן די פלאַש? — פרעגט ער.

איידער איך באַוויַיז נאָך זיך צו באַשליסן, צי זאָל איך זיך מודה זיין אָדער נישט, זאָגט אימיצער׃

— איך!

אַ מאַן מיט אַ צעקודעלטער באָרד טוט זיך אַ הויב. אַלע זענען נייגעריק, צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן.

— איר?

— יאָ, איך. איך בין געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט דער־פון, וואָס מ׳האָט אונז אויפגעוועקט און האב פאַרלאָרן דאָס באַ־ווּסטזיין, אַזוי אַז איך האָב נישט געוווסט, וואָס איך טו. — ער רעדט ווי פון אַ בוך.

— ווי הייסט איר?

— ערזאַץ־רעזערוויסט יאָזעף האַמאַכער.

דער אינספּעקטאָר גייט אַוועק.

אַלע זענען נייגעריק.

— פאַרוואָס האָסטו זיך ערפעס געמאָלדן? דו האָסט עס דאָך נישט געטאָן.

ער לאַכט.

„ס׳מאַכט נישט אויס, איך האָב אַ יאַגד־שיין".

דאָס פאַרשטייט, נאַטירלעך, יעדערער. ווער ס׳האָט אַ יאַגד־שיין קאָן טאָן, וואָס ער וויל.

— יאָ, — דערציילט ער — איך האָב געהאַט אַ קויל אין קאָפּ און דעריבער האָט מען מיר אַרויסגעגעבן אַן אטעסט, אַז צייטנווייז בין איך נישט אינגאַנצן ביים זינען. פון דע־מאָלט אָן קאָן איך טאָן, וואָס איך וויל. מ׳טאָר מיך נישט צערייצן. מיר וועט דעריבער קיין זאַך נישט געשען. יענער דאָרט וועט זיך נישט נייניק ערגערן. און געמאָלדן האָב איך זיך, ווייל דאָס וואַרפן האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן. אויב זיי וועלן מאָרגן ווידער עפענען די טיר, וואַרפן מיר נאָך אַמאָל פלעשער.

מיר זענען זייער לוסטיק. מיט יאָזעף האַמאַכער אָן דער שפּיץ קענען מיר איצט אַלץ ריזיקירן.

דערנאָך קומען אָן די שטילע פלאַכע וועגעלעך און פירן אונדז אַוועק.

די באַנדאַזשן זענען צוגעקלעפּט. מיר ברילן ווי די אָקסן.

* * *

ס'ליגן אַכט מאַן אין אונדזער צימער. די געפּערלעכסטע ווונד האָט פּעטער. אַ שוואַרצער געקרויזלטער קאָפּ — אַ זייער קאָמפּליצירטן לונגען-שאָס. פראַנץ וועכטער נעבן אים האָט אַ צעשאָטענעם אָרעם. ער האָט לכתחילה אויסגעזען נישט שלעכט, אין דער דריטער נאַכט אָבער רופט ער אונדז צו און הייסט אונדז קלינגען, אים דוכט זיך, אַז ער בלוטיקט.

איך קלינג האַסטיק. די נאַכט-שוועסטער קומט נישט. אין אָוונט האָט זי מיט אונדז געהאַט זייער פיל צו טאָן, ווייל מיר האָבן אַלע באַקומען נייע באַנדאַזשן און דעריבער טאַקע שטאַרקע שמערצן. איינער האָט געוואָלט אָוועקלייגן דעם פוס אַזוי, דער צווייטער אַנדערש, אַ דריטער האָט געבעטן וואַסער, דעם פערטן האָט זי געמוזט אויפשאָקלען דאָס קישן; — די דיקע זקנה האָט צום סוף בייז געוואָרטשעט און געטראַסקעט מיט די טירן. איצט פאַרשטייט זי זיכער צוליב וואָס מ'קלינגט, ווייל זי קומט נישט.

מיר וואַרטן. דאַן זאָגט פראַנץ:

— קלינג נאָכאַמאָל.

איך פאָלג אים, זי ווייזט זיך נאָך אַלץ נישט. אויף אונדזער גאַנצן פליגל איז ביינאַכט נאָר איינאיינציקע שוועסטער, אפשר איז זי גראָד פאַרנומען אין אַנדערע צימערן.

— צי ווייסטו געוויס, פראַנץ, אַז דו בלוטיקסט? פרעג איך. ווייל אויב נישט וועט מען אונדז ווידער געבן אַ גוטע פאַרציע.

— איך פיל, אַז ס'איז . . . צי קאָן קיינער פון אייך נישט מאַכן ליכטיק?

דאָס איז אויך אוממעגלעך. דער עלעקטרי-ציינדער איז בײַ דער טיר, און קיינער פון אונז קאָן נישט אויפשטיין. איך האַלט דעם גראָבן פינגער אַזוי לאַנג אויפן גלעקל, ביז איך הער אים אויף צו פילן. אפשר האָט די שוועסטער איינגעדרימלט. זיי האָבן דאָך מוראַדיק פיל אַרבעט און אין משך פון טאָג שטרענגען זיי זיך אַלע שרעקליך אָן. דערצו דאָס שטענדיקע בעטן צו גאָט.

— צי זאָלן מיר וואַרפן פלעשער? פרעגט יאָזעף האַמאַכער מיטן יאַגד-שיין.

דאָס וועט זי נאָך גיכער נישט דערהערן ווי דאָס קלינגען.

ענדלעך טוט זיך אָן עפן די טיר. די אַלטע באַווייזט זיך אָן אָנגעדרודלטע. דערזעענדיק אָבער, וואָס ס'טוט זיך מיט פראַנצן, הויבט זי זיך אָן שטאַרק צו איילן און שרייט:

— פאַרוואָס האָט קיינער פון אייך מיך נישט גערופן?

— מיר האָבן דאָך געקלונגען. לויפן קאָנען מיר קיינער נישט.

ער האָט שטאַרק געבלוטיקט און מען מאַכט אים אַ פרישן באַנדאַזש. אינדערפרי דערזעען מיר, אַז זיין געזיכט איז געוואָרן שפּיציקער און געלער, נעכטן אין אָוונט האָט ער נאָך אויסגעזען כמעט געזונט. איצט קומט עפּעס אַ שוועסטער.

* *

*

אָפטמאָל זענען עס אויך געהילף-שוועסטערן פון רויטן קרייץ. זיי זענען גוטמוטיק, אָבער אַביסל אומגעשיקט. ביים אויפבעטן מאַכן זיי אונז אָפטמאָל שמערצן אין דערשרעקן זיך דערביי אַזוי שטאַרק, אַז די שמערצן ווערן דערפון נאָך גרעסער.

די מנישקעס זענען געשיקטער. זיי ווייסן ווי אַזוי צום

קראַנקן צוצוגיין, אָבער מיר וואָלטן וועלן, זיי זאָלן זיין אַ ביסל פריילעכער. עטלעכע פון זיי האָבן אפילו הומאָר, זיי זענען גרויסאַרטיק. ווער וועט נישט טאָן דער שוועסטער ליבערטינע אַלץ, וואָס זי וועט נאָר בעטן, דערדאָזיקער ווונדערבאַרער שוועסטער, וואָס רופט אַרויס אַ גוטע שטימונג אין גאַנצן פליגל, ווי נאָר מ'דערזעט זי פונווייטנס? און אַזעלכע ווי זי זענען דאָ נאָך עטלעכע. מיר וואָלטן פאַר איר געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. מ'קאָן זיך באמת נישט באַקלאָגן. מ'ווערט דאָ פון די מנישקעס באַהאַנדלט פונקט ווי ציוויליסטן. קלערט מען, פאַרקערט, מכּח דעם גאַרניזאָן-לאַזאַרעט, כאַפּט פשוט אָן אַ שרעק.

פראַנץ וועכטער קומט נישט צוריק צו די כּחות. אין איין שיינעם טאָג נעמט מען אים צו און מער זעט מען אים שוין נישט.

זאָזעף האַמאַכער ווייסט פון סוד.

— אים וועלן מיר מער נישט זען. זיי האָבן אים אַריינגעלייגט אין מתים-שטיבל.

וואָס פאַר אַ מתים-שטיבל? פרעגט קראָפּ.

— נו, אין שטאַרב-צימער —

— וואָס איז עס אַזוינס?

— דאָס קליינע צימער אין ווינקל פון פליגל. ווער ס'האַלט שמאָל, יענעם פירט מען אַוועק אַהין. דאָרט שטייען צוויי בעטן. אומעטום הייסט עס בלויז דאָס שטאַרב-צימער.

— אָבער פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

— זיי האָבן דערנאָך ווייניקער אַרבעט. ס'איז אויך אַ סך באַקוועמער, ווייל דאָס צימער געפינט זיך האַרט נעבן דער מתים-האַלע. אפשר טוען זיי עס צוליב דעם, אַז קיינער זאָל נישט שטאַרבן אין די זאַלן, באַטירלעך, צוליב די איבעריקע. אויסערדעם קאָנען זיי אים בעסער אָפּהיטן, ווען ער ליגט אַליין.

אָבער ער גופא?

יאָזעף קוועטשט מיט די אַקסלען.

— געוויינלעך האָט ער וועגן דעם קיין אנונג נישט.

— ווייסט דאָס דען יעדערער?

— ווער ס'ליגט שוין דאָ אַ לענגערע צייט, ווייסט עס, באַטירלעך.

*

נאָכמיטאָג קומט אויף פראַנץ וועכטערס בעט אַ נייער פּאַציענט. אין אַ פּאָר טעג אַרום נעמט מען אויך אים צו. יאָזעף מאַכט אַ פילזאָגנדיקע האַנט־באַוועגונג. מיר זעען אַ סך קומען און גיין.

אָפטמאָל זיצן קרובים בײַ די בעטן און וויינען אָדער רעדן שטיל און צעטראָגן. אַן אַלטע פרוי וויל גאָר נישט אַוועקגיין, זי קאָן דאָך דאָ אָבער די גאַנצע נאַכט נישט בלייבן. אויפן צווייטן טאָג קומט זי שוין גאַנץ פרי, אָבער נישט גענוג פרי; ווייל צוקומענדיק צום בעט געפינט זי שוין דאָרט אַן אַנדערן. זי מוז שוין אַוועקגיין אין דער מתים־האַלע. די עפל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט, גיט זי שוין אונדז אַוועק.

אויך דעם קליינעם פּעטער איז געוואָרן ערגער. זיין פיבער־טאַוול מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, און אין איינעם טאָג שטייט נעבן זיין בעט דאָס פלאַכע וועגל.

— וווּהין? — פרעגט ער.

— אין אָפּעראַציע־זאַל.

מ'הויבט אים אויף. אָבער די שוועסטער באַגייט אַ פעלער און נעמט אַראָפּ פון האָק זיין מונדיר, כדי אים אויך אַרויפצולייגן אויפן וועגל, זי זאָל נישט דאַרפן גיין צוויי מאָל. פּעטער אָריענטירט זיך גלייך און וויל אַראָפּקריכן פון וועגל.

— איך וויל דאָ בלייבן!

זיי האַלטן אים צו. ער שרייט הייזעריק מיט זיין צעשאָסענער לונג:

— איך וויל נישט אין שטאַרב־צימער.

— מיר גייען דאָך אין אָפּעראַציע־זאַל.

— טאָ צו וואָס דאַרפט איר מיין מונדיר?

נר קאָן מער נישט רעדן. הייזעריק, אויפגערעגט, פליס־
טערט ער:
— „דאָ בלייבן!"
זיי ענטפערן נישט און פירן אים אַרויס. פאַר דער טיר
פרוווט ער זיך אויפצוהויבן. זיין שוואַרצער געקרייזלטער
קאָפּ ציטערט, די אויגן זענען פול מיט טרערן.
— איך קום צוריק! איך קום צוריק! — שרייט ער.
די טיר פאַרמאַכט זיך. מיר זענען אַלע אויפגערעגט,
אָבער מיר שווייגן. ענדלעך זאָגט יאָזעף:
— נישט איינער האָט עס שוין געזאָגט. קוים איז מען
אָבער דאָרט אינעווייניק, האַלט מען שוין נישט אויס.

* *
*

איך ווער אָפּערירט און ברעך צוויי טעג נאָכאַנאַנד. מיי־
נע ביינער ווילן זיך נישט צונויפוואַקסן, זאָגט דעם דאָקטאָרס
סעקרעטאַר. ביי אַ צווייטן זענען זיי שלעכט צוזאַמענגעוואַקסן,
און ווילן זיך נאָכאַמאָל צעברעכן. ס'איז אַ שלעכטע זאַך.
צווישן די צוגעקומענע געפינען זיך צוויי יונגע זעלנער
מיט פּלאַטפיס. בעת זיין וויזיט באַמערקט זיי דער שעפדאָקטאָר און
בלייבט צופרידן שטיין.
— דאָס וועלן מיר באַזייטיקן, — דערציילט ער, — מיר
מאַכן אַ קליינע אָפּעראַציע און איר וועט האָבן געזונטע פיס.
פאַרצייכנט, שוועסטער.
אַז ער גייט אַוועק וואָרנט די יאָזעף, וואָס ווייס אַלץ:
— לאָזט זיך נישט אָפּערירן! ס'איז פשוט דעם אַלטנס
אַ וויסנשאַפטלעכער עקספּערימענט. ער וועט אייך אָפּערירן די
פּלאַטפיס, פאַקטיש וועט איר זיי נישט האָבן, דערפאַר באַקומט
איר אָבער אָנשטאָט זיי לגמרי צעקאַלעטשעטע פיס און מוזט
ס'גאַנצע לעבן גיין אויף שטעקנס.
— וואָס זאָלן מיר דען טאָן? — פרעגט איינער.
— זאָגן ניין! איר זענט אַהערגעקומען היילן אייערע

שאָסן, נישט אייערע פּלאַטפּיס! אויפן שלאַכטפעלד האָט איר זיי נישט געהאַט? נו, זעט איר דאָך! איצט קענט איר נאָך לויפן, אָבער אַז דער אַלטער וועט אייך נאָר אַ נעם טאָן אונ־טערן מעסער, ווערט איר אייביקע קאַליקעס. ער דאַרף עקס־פּערימענטירן, פאַר אים איז דעריבער דער קריג אַ גרויסאַר־טיקע צייט, ווי פאַר אַלע דאָקטוירים. קוקט זיך נאָר צו אונטן צו דער סטאַציע; דאָרט קריכן אַרום אַ גאַנצע טוץ מענטשן, וואָס ער האָט זיי אָפּערירט. עטלעכע זענען שוין דאָ יאָרנלאַנג פון פערצנטן און פופצנטן יאָר. קיין איינער פון זיי קאָן נישט לויפן בעסער ווי פריער, אַלע טאַקע כמעט ערגער, ס'רוב מיט גיפּס־פּיס. אַלע האַלב יאָר האַקט ער זיי און ברעכט זיי אויפסניי די ביינער און יעדעסמאָל דאַרף דאָס קומען דער אמתער דערפאָלג. גיט נאָר גוט אַכטונג, ער טאָר עס נישט טאָן, אויב איר ווילט נישט.

— אָך מענטש, — זאָגט איינער פון די צוויי, צעמאַ־טערט: „בעסער די פיס איידער דער מוח. צי ווייסטו וואָס דו וועסט כאַפּן גייענדיק צוריק צום פראָנט? זאָלן זיי מיט מיר מאַכן וואָס זיי ווילן, אַבי מיך אָפּלאָזן אַהיים, בעסער אַ קאַליקע, איידער אַ מת".

דער צווייטער, אַ יונגער מענטש אַזוי ווי מיר, וויל נישט. אויפן צווייטן טאָג הייסט דער אַלטער ביידע אַראָפּברענ־גען און רעדט זיי אַזוי לאַנג איין, ביז זיי זענען פאָרט מספּים. וואָס קאָנען זיי דען אַנדערש טאָן. — זיי זענען דאָך נישט מער ווי פליגן און ער איז אַ וויכטיקע חיה. פאַרגיפּסעוועטע און כלאָראָפאָרמירטע ברענגט מען זיי אַריין צוריק.

* *

*

מיט אַלבערטן איז שלעכט. מ'נעמט אים אַוועק און מ'אַמפּוטירט אים. דער גאַנצער פוס ביז אינדערהויך ווערט אַראָפּגענומען. איצט רעדט ער כמעט קיין וואָרט נישט. איין מאָל זאָגט ער, אַז ער וועט זיך דערשיסן, ווי נאָר ער וועט האָבן צוריק זיין רעוואָלווער.

ס׳קומט אָן אַ נייער טראַנספּאָרט. אין אונזער צימער פאַלן אַריין צוויי בלינדע. איינער פון זיי איז אַ גאַנץ יינגער מוזיקער.

די שוועסטער האַלטן קיינמאָל נישט ... זיך קיין מע־סער, בעת זיי גיבן אים עסן; ער האָט שוין אַמאָל ביי איי־נער אַרויסגעריסן דאָס מעסער. נישט געקוקט אויף דערדאָזי־קער פאַרזיכטיקייט פּאַסירט אָבער דאָך אַ מעשה.

אין אָוונט בעתן קאָרמענען, רופט מען פּלוצלינג אַוועק די שוועסטער פון זיין בעט און זי שטעלט אַוועק אויף אַ ווײַלע דעם טעלער מיטן גאָפּל אויף זיין טיש. ער זוכט דעם גאָפּל, פּאַקט אים און שטויסט אים מיטן גאַנצן כח אין האַרצן, דערנאָך כאַפּט ער אַ שוך און האַקט אין הענטל מיט אַלע קרעפטן. מיר רונן צו הילף און גאַנצע דריי מאַן נעמען קוים אָפּ ביי אים דעם גאָפּל. די טעמפּע ציין זענען שוין געזעסן גאַנץ טיף. אַ גאַנצע נאַכט זידלט ער אונז אויפן קול, און קיינער קאָן נישט איינשלאָפן. באַגינען באַקומט ער אַ שרעקלעכע היסטעריע.

ווידער ווערן פרײַ בעטן, אַ טאָג נאָך אַ טאָג גייט פאַר־ביי אין יסורים און אנגסט, קרעכצן און כאָרכלען. עס העלפט שוין נישט מער דאָס מתים-שטיבל, ס׳איז צו ווייניק פּלאַץ, דער עולם שטאַרבט אין מיטן נאַכט אויך ביי אונדז אין צי־מער. ס׳גייט טאַקע שנעלער ווי די שוועסטער באַוויזן זיך אַרומצוקוקן.

אָבער אין איין שיינעם טאָג טוט זיך אָן עפן די טיר, ס׳פאָרט אַריין דאָס פלאַכע וועגל, און בלייך, אויסגעדאַרט אָבער גלייך, טריומפירנדיק מיטן צעקודעלטן שוואַרצן גע־קרויזטן קאָפּ זיצט פעטער אויף דעם טראָגבעטל. די שוועס־טער ליבערטינע רוקט אים צו מיט אַ שטראַלנדיקער מינע צו זיין אַלטן בעט. ער איז צוריקגעקומען פון מתים-שטיבל. מיר האָבן אים שוין לאַנג געהאַלטן פאַר געשטאָרבן.

ער קוקט זיך אַרום!

— וואָס זאָגט איר איצט?

און אפילו יאָזעף מוז מודה זיין, אַז אַזאַ מין זאַך זעט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

* *

*

ביסלעכווייז ג'עגן עטלעכע פון אונז אויפשטיין. איך באַקום אויך קוליעס זיך אַרומצושלעפן. אָבער איך באַנוץ זיי ווייניק; איך קאָן נישט אַריבערטראָגן אַלבערטס בליק, בעת איך גיי איבערן צימער. עפּעס קוקט ער מיר שטענדיק נאָך מיט משוגעדיק ווילדע אויגן. דעריבער גנבע איך זיך אָפּ אַרויס אויפן קאָרידאָר — דאָרט קאָן איך זיך פרייער באַוועגן.

אויפן אונטערשטן שטאָק ליגן בויך- און רוקנביין-שאָסן, קאָפּ-שאָסן און אַמפּוטירטע אויף בײדע זייטן. רעכטס אין פליגל — קינבאַקן-שאָסן, גאַז-קראַנקע, נאָז- אויערן- און האַלז-שאָסן. לינקס אין פליגל — בלינדע און לונגען-שאָסן, בעקן-שאָסן, געלענק-שאָסן, נירן-שאָסן, געשלעכטס-אָרגאַן- און מאָגן-שאָסן. דאָ זעט מען ערשט, ווי אַ מענטש קאָן אַלץ באַקומען אַ קויל.

צוויי מענטשן שטאַרבן פון וווּנד-פּאַראַליזן. די הויט ווערט אַשגרוי, די גלידער פּאַראַליזירט, אַמלענגסטן לעבן נאָך די אויגן. — ביי אַנדערע פאַרוווּנדעטע הענגט דאָס צעשאָסענע גליד אויף אַ תּליה פריי אין דער לופט; אונטער דער וווּנד ווערט אַוועקגעשטעלט אַ בעקן, וווּהין ס'רינט אַראָפּ די מאַטעריע. אַלע צוויי דריי שעה ליידיקט מען אויס די כּלי. אַנדערע קראַנקע ליגן אויסגעצויגענע אין גאַנצן פאַרבאַנדאַזשירט, מיט שווערע אַראָפּהענגענדיקע געוויכטער ביים בעט. איך זע געדערים-ווּנדן, וואָס זענען תּמיד פול מיט צואה. דעם דאָקטאָרס סעקרעטאַר ווייזט מיר רענטגען-צייכענונגען פון לגמרי צעשמעטערטע היפּט-ביינער, קני און אַקסלען.

מ'קאָן בשום אופן נישט משיג זיין ווי אַזוי האָבן נאָך יידאָזיקע צעריסענע לייבער מענטשלעכע פּרצופים, אין וועלכע

ס׳פונקציאָנירט נאָך דאָס לעבן מיט זיין טאָגטעגלעכן גאַנג און דאָס איז דאָך בלויז אַן איינצלנער לאַזאַרעט, אַן איינצלנע סטאַציע—אַזעלכע זענען דאָך פאַראַן הונדערטער טויזנטער אין דייטשלאַנד, הונדערטער טויזנטער אין פראַנקרייך, הונדערטער טויזנטער אין רוסלאַנד. ווי זינלאָז, ווי ווערטלאָז איז אַלץ, וואָס מענטשן האָבן ווען נישט איז געשריבן, געטאָן, געקלערט, אויב אַזוינס קאָן בכלל פאָרקומען! אַלץ איז דער גרעסטער שקר וכזב, אויב די גאַנצע קולטור פון טויזנטער יאָרן איז נישט געווען בכוח אָפּצוהאַלטן, נישט צו דערלאָזן, אַז ס׳זאָלן פאַרגאָסן ווערן טייכן אומשולדיק בלוט, אַז די דאָזיקע תפיסות פון יסורים און ליידן זאָלן עקזיסטירן אין די הונדערטער טויזנטער. ערשט אין לאַזאַרעט זעט מען, וואָס ס׳איז אַזוינס דער קריג.

איך בין יונג, איך בין נישט מער ווי צוואַנציק יאָר אַלט; אָבער איך קען נישט פון לעבן קיין זאַך, אויסער די פאַרצווייפלונג, דעם יאוש, דעם טויט, די אַנגסט און דעם צונויפבונד פון דער סאַמער זינלאָזער, אַבסורדער אויבערפלעכלעכקייט מיט אַ תהום פון ליידן. איך זע, אַז פעלקער ווערן געטריבן איינס קעגן ס׳אַנדערע און ממיתן זיך, קעפּן זיך שווייגעדיק, אומוויסנדיק, נאַריש, הכנעהדיק און אומשולדיק! איך זע, אַז די קליגסטע מוחות אויף דער וועלט האַלטן אין איין דערפינדן געווער און ווערטער, כדי צו מאַכן דאָס אַלץ נאָך ראַפינירטער, נאָך לאַנגדויערנדיקער. און מיט מיר צוזאַמען זען דאָס אַלע מענטשן אין מיינע יאָרן דאָ און דאָרט אויבן, אויף דער גאַנצער וועלט, מיט מיר לעבט עס איבער מיין גאַנץ דור. וואָס וועלן טאָן אונזערע טאַטעס, אַז מיר וועלן זיך אין איין שיינעם טאָג אַלע אַוועקשטעלן און פאָדערן פון זיי אַ דין וחשבון? וואָס דערוואַרטן זיי פון אונז, ווען ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען קיין קריג וועט בכלל מער נישט זיין? יאָרן נאָכאַנאַנד איז אונזער הויפּטבאשעפטיקונג געווען ממיתן, טויטן — ס׳איז געווען אונזער וויכטיקסטער באַרוף אין לעבן. אונזער

וויסן פון לעבן באַגרעניצט זיך אויפן טויט. און וואָס זאָל דערנאָך געשען? און וואָס זאָל פון אונז ווערן?

*

*

דער עלטסטער אין אונזער צימער איז לעוואַנדאָווסקי. ער איז אַלט פערציק יאָר און ליגט שוין כּמעט צען חדשים אין שפּיטאָל מיט אַ שווערן בויך-שאָס. ערשט די לעצטע פּאָר וואָכן איז ער קוים דערגאַנגען דערצו, אַז ער קאָן אַן איינגעהויקערטער אַביסל אונטערהינקען.

שוין עטלעכע טעג איז ער שרעקלעך אויפגערעגט. זיין פרוי, וואָס וווינט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין פּוילן, האָט אים געשריבן, אַז איר איז געלונגען אָנצוזאַמלען אַזוי פיל געלט, אַז זי וועט האָבן פונקט אויף רייזע-הוצאות, כּדי צו קאָנען מיט אים זיך זען.

זי איז שוין אונטערוועגס און קאָן יעדן טאָג אָנפאָרן. לעוואַנדאָווסקין שמעקט שוין נישט מער דאָס עסן, אפילו באָרשט מיט בראָטן-וווּרשט שענקט ער אַוועק, נאָכדעם ווי ער נעמט בלויז אַ פּאָר לעפל. גאַנצע טעג לויפט ער אַרום מיטן בריוו איבערן צימער, יעדער איינער האָט אים שוין אַ מאָל צען געלייענט, די פּאָסט-שטעמפּלען זענען שוין הונדערט מאָל קאָנטראָלירט געוואָרן, דער כּתב איז פון די פעטס-פלעקן און פינגער-שפּורן שוין כּמעט אינגאַנצן אָפּגעמעקט און דאָס, וואָס ס׳מוז קומען קומט: לעוואַנדאָווסקי קריגט פיבער און מוז זיך צוריקלייגן אין בעט אַריין.

זיין פרוי האָט ער שוין גאַנצע צוויי יאָר נישט געזען. זי האָט פאַר דער צייט געבוירן אַ קינד, וואָס זי ברענגט עס מיט. לעוואַנדאָווסקין אינטערעסירט אָבער לגמרי אַן אַנדער ענין. ער האָט געהאָפט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגיין, ווען זיין אַלטע וועט קומען, ווייל ס׳איז דאָך קלאָר: זיך זען איז אַ גאַנץ שיינע זאַך, אָבער, אַז אַ פרוי קומט

נאָך אַזאַ לאַנגער צייט צו איר מאַן, וויל מען דאָך, אויב ס׳גייט, נאָך עפּעס אַנדערש אויך.

לעוואַנדאָווסקי האָט טאַקע שעהן לאַנג מיט אונדז וועגן דעם גערעדט, ווייל דער זעלבער מאַכט נישט פון אַזעלכע זאַכן קיין סוד. און יעדערער פון אונדז געפינט עס פאַר גאַנץ נאַטירלעך. די פון אונדז, וואָס קאָנען שוין אַרויסגיין, האָבן אים שוין אפילו אָנגעוויזן אויף אַ פּאָר שטילע ווינקעלעך און שטאָט, אויף די פאַרשיידענע אַלייען און פּאַרקן, וו זיי וואָלטן געווען לגמרי אומגעשטערט, איינער האָט זאָגאַר געוווסט וועגן אַ קליין צימערל.

אָבער וואָס טויג עס אים איצט אַלץ, אַז ער, לעוואַנדאָווסקי, ליגט אין בעט און איז שטאַרק פאַרזאָרגט. ס׳גאַנצע לעבן איז אים מער נישט ניחא, אויב ער זאָל איצט דורכלאָזן אַזאַ געלעגנהייט. מיר טרייסטן אים און זאָגן אים צו, אַז מיר וועלן שוין ווי ס׳איז אַרויסוואַרפן דעם גאַנצן עולם.

אויפן צווייטן טאָג נאָכמיטאָג פאָרט אָן זיין פרוי אַ קליין, דאַר באַשעפעניש מיט צעשראָקענע פלינקע פויגל-אויגן, אין עפּעס אַ מין שוואַרצער מאַנטעלע מיט קרויזן און בענדער, נישט אַנדערש נאָר אַ ירושה פון איר עלטערבאָבן. זי מורמלט עפּעס אין דערשטיל און בלייבט שטיין אַ פאַרשעמטע אין טיר. זי דערשרעקט זיך, דערזעענדיק פאַר זיך גאַנצע זעקס מאַנסבילן.

— נו, מאַריאַ, — זאָגט לעוואַנדאָווסקי און ווערגט זיך מיט די ווערטער, קאָנסט רויק אַריינגיין, זיי וועלן דיר גאָר נישט טאָן.

זי גייט אַרום און גיט יעדערן פון אונדז די האַנט. דערנאָך ווייזט זי אונדז דאָס קינד, וואָס האָט בינו-לבינו אָנגעמאַכט אין די ווינדעלעך. זי האָט ביי זיך אַ גרויסן, מיט פּערל געשטיקטן בייטל, כאַפּט אַרויס געשווינדט ריינע וועש און וויקלט איבער ס׳קינד. דערמיט ענדיקט זיך די ערשטע פאַרלעגנהייט, און ביידע הייבן אָן זיך דורכצושמועסן.

לעוואַנדאָווסקי איז זייער צעטראָגן, ער קוקט פסדר פון

דער זייט אויף אונז מיט זיינע קיילעכדיקע גלאָץ-אויגן און מיט אַן זומגליקליכער מינע.

די צייט איז גינסטיק, דער דאָקטאָר האָט שוין זיין וויזיטאַציע געענדיקט, העכסטנס קאָן נאָך בלויז אַ שוועסטער זיך אַריינכאַפּן אויף אַ ווײלע אין צימער. איינער גייט דעריבער נאָך אַמאָל אַרויס שפּעקולירן. ער קומט צוריק און שאָקלט מיטן קאָפּ.

— נישטאָ קיין לעבעדיקער הונט. זאָג עס איר שוין, יאָהאַן, איך מאַך צו.

דאָס פּאָרפּאָלק אונטערהאַלט זיך אויף זייער לשון. די פרוי רויטלט זיך און קוקט זיך שעמעוודיק אַרום. מיר לאַכן גוטמוטיק און מאַכן קאָמישע באַוועגונגען מיט די הענט, זאָל זיין וואָס ס'וויל זיך! דער טייוול זאָל נעמען אַלע פּאָראורטיילן, זיי זענען געשאַפן פאַר אַנדערע צייטן; דאָ ליגט דער סטאָליאַר יאָהאַן לעוואַנדאָווסקי, אַ זעלבער, וואָס האָט זיך דורך קוילן-שאָסן פאַרוואַנדלט אין אַ שרעקלעכע קאַליקע, און אָט איז געקומען זײַן פרוי, ווער ווייס ווען ער וועט זי נאָכאַמאָל זען, ער וויל זי האָבן, און זאָל ער זי טאַקע האָבן, פאַרטיק.

צוויי מאַן שטעלן זיך פאַר דער טיר, כדי צו דערהיטן די שוועסטערן און פאַרנעמען זיי די צייט, אויב זיי וועלן דאָ צופעליק פאַרבייגיין. אומגעפער אַ פערטל שעה וועלן זיי דאָ צופעליק שטיין אויף דער וואַך.

לעוואַנדאָווסקי קאָן נאָר ליגן אויף אַ זייט, איינער רוקט אים דעריבער אַרונטער נאָך אַ פּאָר קישנס הינטערן רוקן. אַלבערטן גיט מען צו האַלטן דאָס קינד; דערנאָך דרייען מיר זיך אַביסל אויס, די שוואַרצע מאַנטילע פאַרשווינדט אונטער דער דעקע, און מיר קלאַפּן אויפן קול און מיט פאַרשיידענע וויצן סקאַט-שפּיל.

אַלץ גייט גוט. מיר זענען שטאַרק אַריינגעטאָן אין קאָרטן-שפּיל, און פאַרגעסן כמעט אָן לעוואַנדאָווסקין. נאָך אַ קורצער ווײלע הויבט דאָס קינד אָן זיך צו רייסן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלבערט שאָקלט עס פאַרצווייפלט מיט

אַלע כּוחות. ס׳קנאַקט און רוישט דערנאָך אַביסל, און אַז מ׳יר וואַרפֿן ווי כּלאחר יד אַ בּליק, זעען מיר, אַז ס׳קינד האָט שוין אין מויל דאָס פּלעשל און איז שוין צוריק בּיי דער מוטער אויף די הענט. די זאַך איז צוגעגאַנגען כּשורה. מיר פֿילן זיך איצט ווי אַ גרויסע משפּחה, די פֿרוי איז געוואָרן זייער מונ־טער און לעוואַנדאָווסקי ליגט אַ פֿאַרשוויצטער און אַ שטראַלנ־דיקער.

ער פּאַקט אויס דעם געשטריקטן בּייטל, ס׳בּאַווייזן זיך אַ פּאָר גוטע וווּרשטן, לעוואַנדאָווסקי טוט אַ נעם דאָס מעסער ווי אַ בּלומען־בּוקעט און צעשניידט דאָס פֿלייש אויף פּענעצער. מיט אַ גרויסער האַנטבּאַוועגונג ווייזט ער אָן אויף אונדז — און די קליינע, אויסגעדאַרטע פֿרוי גייט פֿון איינעם צום אַנ־דערן און טיילט די וווּרשט, עפּעס זעט זי איצט גאָר אויס אַ סך שענער. מיר רופֿן זי מוטער, און זי פֿרייט זיך און שאָקלט אונדז אויף די קישנס.

אין עטלעכע וואָכן אַרום מוז איך יעדן פֿרימאָרגן גיין אין זאַנדער־אינסטיטוט. דאָרט ווערט מיין פֿוס פֿעסט צוגעבּונדן און מ׳בּאַוועגט אים הין און צוריק. דער אָרעם איז שוין לאַנג פֿאַרהיילט.

פֿון שלאַכטפֿעלד קומען כּסדר נייע טראַנספּאָרטן. די בּאַנ־דאַזשן זענען שוין נישט קיין שטאָפֿענע, זיי בּאַשטייען שוין פֿון ווייסן קרעפּ־פּאַפּיר. ס׳פֿעלן אויס אויף די פּאָזיציעס פֿאַר־בּאַנד־שטאָפֿן.

אַלבּערטס קני היילט זיך גוט. די וווּנד איז שוין כּמעט פֿאַרצויגן. אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט מען אים אַריבּערשיקן אויף אַ פּראָטעזן־סטאַנציע. ער רעדט נאָך אַלץ זייער ווייניק און איז אַ סך ערנסטער ווי פֿריער. אָפֿטמאָל רייסט ער איבּער אין מיטן די רייד און פֿאַרקוקט זיך אין איין פּונקט. ווען ער זאָל נישט זיין מיט אונדז אַלע צוזאַמען, וואָלט ער שוין לאַנג געמאַכט אַ סוף. איצט האָט ער שוין דורכגעהאַלטן דאָס סאַמע ערגסטע, אָפֿטמאָל קוקט ער זיך שוין צו צום סקאַט־שפּיל.

איך בּאַקום אַ דערהאָלונגס־אורלויבּ. מיין מוטער וויל

מיך מער נישט אָפּלאָזן. זי איז זייער שוואַך. אַלץ איז נאָך ערגער געוואָרן ווי בעת יענעם מאָל.

דערנאָך פאָדערט מיך מיין רעגימענט צוריק און איך גיי ווידער אויפן פראָנט.

דער אָפּשייד פון מיין פריינט אַלבערט קראָפּ איז שווער. אָבער ביים מיליטער־דינסט געוווינט מען זיך מיט דער צייט צו אַלעם צו.

XI

מיר ציילן שוין נישט מער די וואָכן. ס׳איז געווען ווינ־טער בעת אַך בין אָנגעקומען, און ביים פאַלן פון די גראַ־נאַטן זענען די געפרוירענע ערדשטיקער כמעט אַזוי געפער־לעך ווי די שפּליטער. איצט זענען די בוימער צוריק גרין. אונזער לעבן באַשטייט פון פראָנט און באַראַקן. מיר האָבן זיך שוין אין אַ געוויסער מאָס דערצו צוגעוווינט. דער קריג איז אַ סיבה פון טויט פונקט ווי אַ ראַק און טובערקולאָז, ווי גריפּע און בלוט־שלשול. די טויטפאַלן זענען בלויז עפטער, פאַרשיידנאַרטיקער און גרויזאַמער.

אונזערע געדאַנקען זענען ליים — זיי ווערן געקנעטן דורכן שנוי פון דער צייט — זיי זענען גוט, בעת מ׳לאָזט אונדז רוען, און טויט, ווען מיר ליגן אין פייער־אָקאָפּעס — פעלדער איינדרויסן און איבעווייניק.

אַלע זענען אַזוי, נישט נאָר מיר אַליין — דאָס וואָס ס׳איז געווען פריער — גילט איצט נישט. און מ׳ווייסט עס איצט באמת נישט מער. די אונטערשידן, וועלכע ס׳האָבן גע־שאַפן די בילדונג און די דערציִונג זענען כמעט פאַרשוואונדן, מ׳דערקענט זיי שוין גאָרנישט, אָפּטמאָל ברענגען זיי נוצן ביים אויסנוצן אַ סיטואַציע, זיי ברענגען אָבער צייטנווייז אויך שאָדן, אַרויסרופנדיק שטערונגען, וואָס מוזן ערשט באַקעמפט ווערן. ס׳מאַכט דעם איינדרוק, ווי מיר זאָלן פריער געווען זיין נישט מער ווי מטבעות פון פאַרשידענע לענדער; מ׳האָט זיי צע־

שמאַלצן און אַלע האָבן איצט אויף זיך ד׳מ עלבן אויסגעקריצטן שטעמפּל. אויב מ׳וויל דערקענען דעם אונטערשייד מוז מען שוין גאַנץ גענוי אונטערזוכן דעם מאַטעריאַל. מיר זענען קודם כּל זעלנער און ערשט דערנאָך אויף אַ משונהדיקן און פֿאַרשעמטן אופן איינצל-מענטשן, יחידים.

ס׳איז אַ גרויסע ברידערשאַפֿט, וואָס אַ פֿונק פֿון דער חברשאַפֿט אין די פֿאָלקסלידער, פֿון סאָלידאַריטעטס-געפֿיל בײַ אַרעסטירטע און פֿון פֿאַרצווייפֿלטער קעגנזײַטיקער הילף בײַ פֿאַראורטיילטע צום טויט — פֿאַראייניקט זי צו אַ שטופּע פֿון לעבן, וואָס וואַקסט אַרויס אין רעכטן מיטן פֿון דער געפֿאַר, פֿון דער שפּאַנונג און איינזאַמקייט פֿון טויט און באַוועגט אויסצונוצן די געבליבענע שעהן אויף לגמרי נישט קיין פּאַטעטישן אופֿן.

ס׳איז העלדיש און באַנאַל, ווען מ׳זאָל עס וועלן אָפּשאַצן — אָבער ווער וויל עס דען?

ס׳דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס בעת ס׳ווערט געמאָלדן וועגן אַ פֿײַנטלעכן אָנגריף, כאַפּט זיך צו טיאַדען מיט אַ ווילדען האַסט צו זײַן פּאָרציע אַרבעס-זופּ, ווײַל ער איז נישט זיכער, אַז אין אַ שעה אַרום וועט ער נאָך לעבן. מיר האָבן שעהנלאַנג וועגן דעם דיסקוטירט, צי איז עס ריכטיק, אָדער נישט. קאַט איז קעגן דעם, ווײַל ער זאָגט, אַז מ׳מוז זיך רעכענען מיט אַן עווענטועלן בויך-שאָס, וואָס בײַ אַ פֿולן מאָגן איז ער תּמיד געפֿערלעכער ווי בײַ אַ ליידיקן.

אַזעלכע זאַכן זענען פֿאַר אונז פּראָבלעמען, און גאַנץ ערנסטע, און אַנדערש קאָן עס אויך נישט זײַן. דאָס לעבן דאָ, אויפֿן גרעניץ פֿון טויט, האָט אַן אומגעהייער פּשוטע ליניע, ס׳באַגנוגנט זיך מיטן סאַמע נויטיקן, דאָס איבעריקע, אַלץ צוזאַמען, איז פֿאַרזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף; דאָס איז אונזער פּרימיטיווקייט, פּשוטקייט, אין דעם איז אונזער רעטונג. ווען מיר זאָלן געווען זײַן דיפֿערענצירטער, וואָלטן מיר שוין לאַנג אַלע געווען משוגע, צעלאָפֿן געוואָרן אָדער געפֿאַלן טויטע. ס׳איז ווי אַן עקספּעדיציע אויף הויכע אײַז-בערג; — יעדער

לעבנס-אויסדרוק איז אויסשליסלעך אויסגערעכנט אויף דעם, ווי אַזוי צו דערהאַלטן די עקזיסטענץ און צווינגט אייך צו האַנדלען אַזוי און נישט אַנדערש. אַלץ, וואָס געהערט נישט דערצו, איז אין חרם, ווייל ס'איז אַן אומנוצלעכע קראַפּט-פאַרברויכונג. דאָס איז דער איינציקער אופן זיך צו ראַטעווען, און גאַנץ אָפט זעץ איך פאַר זיך גופא ווי פאַר אַ פרעמדן, בעת דער אומפאַרשטענדלעכער אָפּגלאַנץ פון פריערדיקן אונטערשטרייכט אין שטילע שעהן, ווי אַ מאַטער שפּיגל, די קאָנטורן פון מיין איצטיקער עקזיסטענץ לגמרי מחוץ מיר; און דעמאָלט וווּנדער איך זיך שטאַרק אויף דעם, ווי אַזוי דאָס נאָמענלאָזע אַקטיווע, וואָס ס'רופט זיך לעבן, האָט זיך צוגעפּאַסט אפילו צו דערדאָזיקער פאָרם. אַלע אַנדערע השערות ליגן אין ווינטער-שלאָף, דאָס לעבן איז נישט מער ווי אַ פּערמאַנענט לויערן קעגן דער באַדראָאונג פון טויט, — ס'האָט אונדז פאַרוואַנדלט אין דענקענדיקע חיות, כדי אונדז צו געבן דאָס געווער פון אינסטינקט, — ס'האָט אונדז אָנגעשטאָפּט מיט טעמפּקייט, כדי מיר זאָלן נישט צעבראָכן ווערן פון דעם גרויל, וואָס וואָלט אונדז אַרומגעכאַפּט ביים קלאָרן באַוווסטזיניקן דענקען, — ס'האָט אויפגעוועקט אין אונז דעם חברשאַפּטס-זין, כדי מיר זאָלן קאָנען אויסמיידן דעם תהום פון איינזאַמקייט — ס'האָט אונז באַשאָנקען מיט דער גלייכגילטיקייט פון פראַים, כדי מיר זאָלן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, שפּירן יעדן מאָמענט פון פּאָזיציוון און אָנזאַמלען עס אַלס רעזערוו קעגן דעם שטורעם פון הבל-הבלים, פון גאָרנישט. אָט אַזוי פירן מיר אַ געשלאָסענע, האַרטע עקזיסטענץ פון אומגעהייערער איבערפלעכלעכקייט, און נאָר עפּעס אַ מין געשעעניש וואַרפט אַריין עטלעכע פונקען. דעמאָלט אָבער רייסט זיך דורך שטורעמדיק אַ פלאַם פון שווערער און מוראדיקער בענקשאַפט.

דאָס זענען די געפערלעכע מאָמענטן, וואָס איבערצייגן אונז, אַז די צופּאַסונג איז דאָך בלויז אַ קינסטלעכע, אַז זי איז נישט קיין פשוטע רויקייט, נאָר די שאַרפסטע אָנשפּאַנונג

צו רויקייט. אויסערלעך אונטערשיידן מיר זיך כמעט נישט אין דער לעבנספאָרם פון האָטנטאָטן, אָבער בעת יענע קאָנען שטענדיק אַזוי זיין, ווייל זיי זענען אַזוי פאַקטיש און אַדאַנק דער אָנשטרענגונג פון זייערע גייסטיקע קרעפטן קאָנען זיי זיך העכסטנס כסדר מער אַנטוויקלען, איז עס ביי אונז פונקט דער היפוך; אונזערע אינערלעכע קרעפטן ווערן נישט אָנגעשטרענגט אויף אַ ווייטער- נאָר אויף אַ צוריק-אַנטוויקלונג. יענע זענען אַנטשפּאַנט און זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַקטיש אַזוי, מיר זענען אומגעהייער אָנגעצויגן און קינסטלעך.

און מיט שרעק שפּירט מען ביינאַכט, זיך אויפכאַפּנדיק פון אַ חלום, איבערוועלטיקט און פאַרכאַפּט דורך דער באַצויבערונג פון אַ מחנה געשפּענסטער, ווי שוואַך ס'איז דער אָנהאַלט און די גרענעץ, וואָס טיילט אונז אָפּ פון דער טונקלקייט. — מיר זענען קליינע פלאַמען, קנאַפּ וואָס געשיצט דורך שוואַכע ווענט קעגן שטורעם פון דער פאַרניכטונג און זינלאָזיקייט, אין וועלכן מיר פלאַקערן און ווערן אָפטמאָל כמעט דערטרונקען. דעמאָלט פאַרוואַנדלט זיך דאָס ווייטע ברויזן פון דער שלאַכט אין אַ מין רינג, וואָס שליסט אונז איין, מיר ווערן איינגעשרומפּן און קוקן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. אונזער טרייסט איז דער שלאָפאָטעם פון די חברים, און אַזוי וואַרטן מיר אויפן מאָרגן.

* *

*

יעדער טאָג און יעדע שעה, יעדער גראַנאַט און יעדער טויטער גראָבט אונטער דעמדאָזיקן שוואַכן אָנהאַלט, און די יאָרן נוצן אים געשווינט אָפּ. איך זע ווי ערטערווייז איז ער שוין כמעט אינגאַנצן איינגעבראָכן.

אָט איז די נאַרישע מעשה מיט דעטערינג.

ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָט זיך תמיד געהאַלטן פונווייטנס, פאַר זיך. זיין אומגליק איז געווען, וואָס ער האָט אין אַ גאָרטן דערזען אַ קאַרשנבוים. מיר זענען גראָד

געקומען פון פראָנט און דערדאָזיקער קאַרשנבוים איז געשאַט־נען נאָענט פון דער נייער קוואַרטיר אויף אַ זייטיקן וועגל און האָט אַרויסגעלויכטן אין דער באַגינען־דעמערונג. ער האָט נישט געהאַט קיין בלעטער, איז אָבער געווען באַדעקט מיט ווייסע בליעכצן.

אין אָוונט איז דעטערינג פאַרשוווּנדן.

דערנאָך איז ער געקומען, און אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאָר צווייגן מיט קאַרשן־בליעכץ. מיר האָבן זיך געוויצלט און אים געפרעגט, צי גייט ער זיך זען מיט אַ כּלה. ער האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט און זיך אַריינגעלייגט אין בעט. אין מיטן נאַכט האָב איך דערהערט, אַז ער איז עפּעס זייער נישט רויק און קלויבט זיך אויפצושטיין. איך האָב געשפּירט, אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק און בין צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ס'איז גאָרנישט און איך האָב אים געזאָגט:

— מאַך זיך נישט נאַריש, דעטערינג.

— ס'פאַלט מיר גאָר נישט איין — איך קאָן נאָר נישט שלאָפן —

— צו וואָס האָסטו אַריינגעשלעפּט אַהער די קאַרשן־צווייגן?

— איך וועל נאָך זיכער דאַרפן ברענגען נאָך קאַרשן־צווייגן, — ענטפערט ער צעטומלט — אין אַ ווײַלע אַרום:

— אין דער היים האָב איך אַ גרויסן פרוכטגאָרטן מיט קאַרשן. בעת זיי בליען זעט עס אויס, ווען מ'קוקט אַראָפּ פון שייער, פּונקט ווי אַ ווייס לײַלעך. איצט איז די רעכטע צייט.

— אפשר וועט מען אונדז באַלד געבן אורלויב. ס'קאָן אויך זײַן, מ'זאָל דיך קאָמאַנדירן אַלס לאַנדווירט.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ, זײַנע געדאַנקען זענען אָבער נישט קלאָר. אַז דידאָזיקע פּויערים ווערן צעמישט, באַקומען זייערע פּנימער אַ משונהדיקן אויסדרוק: אַ צונויפמישונג פון אַ קו און אַ בענקענדיקן גאָט, האַלב משוגע און האַלב התלהבותדיק. כּדי אים אָפּצורייסן פון זײַנע געדאַנקען, פאַרלאַנג איך פון אים אַ שטיק ברויט. ער גיט מיר וויפל איך

וויל. דאָס איז פאַרדעכטיק, ווייל ער איז אַ גרויסער קמצן. דעריבער באַשליס איך נישט אָפּצולאָזן אים פון אויג. עס פּאַסירט גאָר נישט. אין דער פרי איז ער ווי תמיד.

ווי ס'זעט אויס האָט ער באַמערקט, אַז איך גיב אויף אים אַכטונג. אויף איבערמאָרגן האָט ער זיך דאָך אָפּגעטראָגן. איך זע עס, מאַך זיך אָבער נישט ווויסנדיק, כּדי ער זאָל האָבן מער צייט, אפשר וועט ער זיך טאַקע דורכרייסן. קיין האָלאַנד האָט זיך שוין אַ גרויסער עולם אַריבערגעשמוגלט.

בעת דער קאָנטראָל באַמערקט מען אָבער, אַז ער פעלט. אין אַ וואָך אַרום דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז אַרייַנגעפאַלן אין די הענט פון די פעלדזשאַנדאַרמען, פון דערדאָזיקער פאַראַכטעטער זעלנער-פּאָליציי. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער ריכטונג קיין דייטשלאַנד — גראָד דאָס איז נאַטירלעך געווען אָן שום אויסזיכט — און פונקט אַזוי נאַריש האט ער טאַקע אָנגעהויבן די גאַנצע מעשה. יעדער איינער האָט אין אַזאַ דעזערטירן געקאָנט זען די נאַטירלעכע סבה, די שטאַרקע בענקעניש נאָך דער היים אין דעם פּלוצלינגן שגעון. אָבער וואָס פאַרשטייען די פאָרשטייער פון קריגס-געריכטן הונדערט קילאָמעטער הינטער די פּאָזיציעס? — פון דעטערינגן האָבן מיר שוין מער נישט געהערט.

אָבער אויך אויף אַן אַנדער אופן רייסט זיך אַמאָל אַרויס דאָסדאָזיקע געפערלעכע, גרויליקע — ווי פון אַ צו שטאַרק אָנגעהייצטן קעסל. דאָ וויל איך נאָך בלויז איבערגעבן דעם סוף, וועלכן בערגער האָט געהאַט.

אונזערע אָקאָפּעס זענען שוין לאַנג צעשאָסן און, מיר האָבן דעם עלאַסטישן פראָנט, אַזוי, אַז אייגנטלעך פירן מיר שוין מער נישט קיין פּאָזיציע-קריג. נאָכדעם, ווי ס'גייט אַהין און צוריק אַן אָנגריף און אַ קעגן-אָנגריף בלייבט אַ צעריסענע ליניע און ס'הויבט זיך אָן אַ פאַרביטערטער קאַמף פון

אָקאָפּ צו אָקאָפּ. די פּאָדערשטע ליניע איז דורכגעבראָכן, או אומעטום באַפעסטיקן זיך גרופּן, גרובן-נעסטן, פון וואַנען אַרויס ס'ווערט געקעמפט.

מיר געפינען זיך אין א שוצגראָבן, ביי דער זייט זיצן ענגלענדער, זיי ברעכן דורך די זייטן-ליניע און זענען הינטער אונדז. מיר זענען אַרומגערינגלט. ס'איז שווער זיך אונטערצוגעבן. איבער אונדז טראָגט זיך אַ נעפּל און אַ געדיכטער רויך, קיינער וואָלט נישט דערקענט, אז מיר ווילן קאַפּיטולירן. אפשר ווילן מיר עס טאַקע נישט, דאָס ווייסט מען אַליין נישט אין אַזעלכע מאָמענטן. מיר הערן ווי ס'קומען די עקספּלאָזיעס פון די האַנטגראַנאַטן. אונדזערע קוילנוואַרפערס האַקן אין פּאָדערשטן האַלבקרייז. דאָס קילוואַסער דאַמפט זיך אויס, געשווינט שטעלן מיר אַרום די קאַסטנס, יעדער פּישט אַריין און אויף אזא אופן האָבן מיר ווידער וואַסער און קאָנען ווייטער פייערן. אָבער הינטער אונדז קראַכט עס אַלץ נענטער און נענטער. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען מיר קאַפּוט.

און אָט ווילדעוועט אַ צווייטער קוילן-וואַרפערער אויפן קירצסטן מהלך. ער שטעקט אין אָקאָפּ נעבן אונדז, בערגער האָט אים אַרויסגעשלעפּט, און איצט שטורעמט אַ קעגן-אָנגריף פון הינטן. מיר קריגן זיך אַרויס און פאַרבינדן זיך מיט די הינטערשטע רייען.

אַז מיר געפינען זיך נאָכדעם אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק גוטער דעקונג, דערציילט איינער פון די עסן-ברענגער, אַז צוויי הונדערט טריט פון אונדז ליגט אַ פאַרוואונדעטער שפּירהונט.

— ווו? — פרעגט בערגער.

יענער באַשרייבט אים דאָס אָרט. בערגער לאָזט זיך אַוועק ברענגען דעם הונט אָדער אים דערשיסן. מיט אַ האַלב יאָר צוריק וואָלט עס אים זיכער נישט אָנגעגאַנגען, נאָר ער וואָלט געווען קליגער. מיר פּרוון אים אָפּצוהאַלטן. אָבער, אַז ער טוט ס'זיינ־יקע און גייט דווקא, קאָנען מיר נישט זאָגן:

„ס'איז אַ משוגעת!", און מיר לאָזן אים לויפן. ווייל דידאָזיקע אָנפאַלן פון פראָנט־שגעון ווערן געפערלעך, אויב מ'לייגט נישט אַוועק דעם מענטשן תיכף אויף דער ערד און מ'האַלט אים נישט צו. און בערגער איז אַ מעטער אַכציק די גרויס, דער שטאַרקסטער מאַן פון דער קאָמפּאַניע.

ער איז פּאַקטיש משוגע, ווייל ער מוז אַדורך דורך דער פייער־וואַנט. — אָבער ס'איז יענער בליץ, וועלכער לויערט ערגעץ ווו אויף אונדז אַלע, וואָס האָט אין אים אַ זעץ געטאָן און מאָמענטאַל צעמישט זיינע געדאַנקען. ביי אַנדערע קומט עס פאָר אויף אַזאַ אופן, אַז זיי הויבן אָן צו ווילדעווען, לויפן אַוועק, יאָ, איינער איז געווען אַזעלכער, וואָס האָט כּסדר געפּרוווט מיט הענט און פיס און מויל זיך איינצוגראָבן אין דר'ערד.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מעשיות ווערן אויך שטאַרק סימולירט, דאָס סימולירן אָבער איז דאָך שוין אויך אַ געוויסער באַווייז. בערגער, וואס האָט געוואָלט דערליידיקן דעם הונט, ווערט אַוועקגעלייגט אויפן אָרט דורך אַ בעקן־שאָס, און איינער פון די, וואָס האָבן עס געטאָן, באַקומט נאָך אפילו דערביי אַ ביקסן־קויל אין דער ליטקע.

מילער איז טויט. מ'האָט אים אַריינגעשאָסן אַ ליכטקויל אין מאָגן גאָר פון דער נאָענט. ער האָט נאָך געלעבט אַ האַלבע שעה ביים פולן פאַרשטאַנד און אין מוראדיקע יסורים. איידער ער איז געשטאָרבן האָט ער מיר איבערגעגעבן זיין בריוון־טאַש און אָפּגעשריבן זיינע שטיוול — דיזעלבע, וואָס ער האָט דעמאָלט געירשנט פון קעמעריכן. איך טראָג זיי, ווייל זיי פּאַסן מיר זייער גוט. נאָך מיר וועט זיי באַקומען טיאַדען, איך האָב עס אים צוגעזאָגט.

מיר האָבן מילערן, אמת, געקאָנט באַגראָבן, אָבער לאַנג וועט ער נישט בלייבן אומגעשטערט. אונזערע ליניעס ווערן צוריקגענומען. ס'זענען פאַראַן אויבן צופיל פרישע ענגלישע און אַמעריקאַנישע רעגימענטן. ס'איז פאַראַן צופיל פלייש־קאָנסערוון און ווייצן־מעל. און צופיל נייע האַרמאַטן. צופיל לופט־שיפן.

מיר אָבער זענען מאָגער און אויסגעהונגערט. אונדזער עסק איז אַזוי שלעכט און ווערט פאַרביטן מיט אַזויפיל ערזאַץ-שפּייזן, אַז מיר ווערן אַלע דערפון קראַנק. די פאַבריק-אייגנטימער אין דייטשלאַנד זענען געוואָרן גבירים — און אונדז צערייסט דער שלשול די געדערים. די לאַטרינען-שטאַנגן זענען תמיד געדיכט באַזעצט; — מ'האָט געדאַרפט דעם עולם אין דער היים ווייזן דידאָזיקע גרויע, געלע, עלנטע, הכנעה-דיקע פּנימער, דידאָזיקע צעקרימטע, איינגעהויקערטע געשטאַלטן, וואָס די קראַמפּן קוועטשן בײַ זיי אַרויס דאָס בלוט פון בויך, און וואָס העכסטנס שמייכלען זיי נאָך צו מיט פאַרקרימטע, פון יסורים ציטערנדיקע ליפּן:

— ס'האָט גאָר קיין זין נישט אַרויפצוציען זי הויזן —

אונדזער אַרטילעריע איז אויסגעשאָסן — זי האָט צו ווייניק אַמוניציע — און די רערן זענען אַזוי צעדרייט, אַז זיי שיסן נישט זיכער און די קוילן צעשיטן זיך נאָענט פון אונדז. מיר האָבן צו ווייניק פערד. אונדזערע פרישע מחנות זענען בלוטאָרעמע. אויסגעמאַטערטע יונגלעך, וואָס קאָנען נישט שלעפּן קיין טאָרניסטער, ווייסן אָבער ווי צו שטאַרבן. זיי פאַלן אין די טויזנטער, ווי די פליגן. זיי האָבן נישט קיין אַנונג וועגן קריג, זיי גייען בלויז פאָרויס און לאָזן זיך צעשיסן, איין איינציקער פליער האָט פון קאַטאָוועס וועגן צעהאַקט פון זיי גאַנצע צוויי קאָמפּאַניעס, איידער זיי האָבן זיך עפּעס דערוווסט מכּוח דעקונג, ווען זיי זענען נאָר וואָס אַראָפּ פון צוג.

— דייטשלאַנד וועט זיכער באַלד זיין אויסגעליידיקט — זאָגט קאַט.

מיר האָבן נישט קיין שום האָפענונג, ס'זאָל ווען נישט איז קאָנען נעמען אַ סוף. מיר פאַרטראַכטן זיך בכלל נישט אויף אַזוי ווייט. מ'קאָן באַקומען אַ שאָט און בלייבן אויפן אָרט; מ'קאָן פאַרוווּנדעט ווערן, דעמאָלט איז דער לאַזאַרעט די נאָענטסטע סטאַציע; איז מען נישט אַמפּוטירט, פאַלט מען סוף כּל סוף אַריין אין די הענט צו איינעם פון יענע שטאַב-

דאָקטוירים, וואָס — טראָגנדיק אין קנאָפּלאָך דעם קרייץ פאַר קריגס-פאַרדינסט — זאָגן זיי אייך אַזוי:

— וואָס, אַ ביסל אַ קירצערער פוס? אויפן פראָנט דאַרפט איר נישט לויפן, אויב איר האָט נאָר מוט. דער מאַן איז ק. פ. *) אָפּטראָגן זיך!

קאָט דערציילט איינע פון די מעשיות, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן פראָנט, — פון די וואָגעזן ביז פלאַנדריען — מכּח דעם שטאַבדאָקטאָר, וואָס לייענט פאַר ביים אונטערזוכן נעמען, און ווען דער מאַן קומט צו, זאָגט ער, נישט אויפהויבנדיק אפילו די אויגן: — ק. פ. מיר דאַרפן אין דרויסן זעלנער.

קומט צו אַ מאַן מיט אַ הילצערנעם פוס, דער שטאַבדאָקטאָר זאָגט ווידער ק. פ. — „און אָט" — קאָט הויבט אויף זיין שטים, — „זאָגט דער מאַן צו אים": אַ הילצערנעם פוס האָב איך שוין; אָבער אַז איך וועל איצט אַוועקגיין און מ'וועט מיר אַראָפּשיסן דעם קאָפּ, וועל איך מיר לאָזן מאַכן אַ הילצערנעם קאָפּ און וועל ווערן שטאַב-דאָקטאָר. — מיר האָבן אַלע שטאַרק הנאה פון דאָזיקן ענטפער.

ס'זענען זיכער פאַראַן גוטע דאָקטוירים, און אפשר טאַקע נישט ווייניק; אָבער ביי די הונדערטער אונטערזוכונגען פאַלט יעדער זעלנער אומבאַדינגט אַריין אין מאָל אין די הענט פון דידאָזיקע העלדן, וואָס באַמיען זיך אויף זייער ליסטע צו פאַרוואַנדלען וואָס מער א. פ. *) אין ג. פ. **) און ק. פ.

ס'קורסירן אַ סך אַזעלכע מעשיות, סרוב זענען זיי נאָך ביטערער. אָבער נישטגעקוקט דערויף האָבן זיי נישט קיין שום שייכות מיט קיין בונטן און אויפשטאַנדן; זיי זענען ערלעך און רופן אָן די זאַכן מיט זייערע אייגענטלעכע נעמען; וועיל

---

*) ק. פ. קריגס-פאַרוועגדבאַר, ד, ה. טויג פאַרן פראָנט.

*) א. פ. אומפאַרוועגדבאַר — טויגן גאָרנישט.

**) ג. פ. בענוג פאַרוועגדבאַר מיטל.

ס׳עקזיסטירט זייער פיל פאַלשקייט, אומגערעכטיקייט און געמיינהייט ביים מיליטער-דינסט, איז עס נישט צופיל, וואָס נישט געקוקט דערויף גייט איין רעגימענט נאָכן צווייטן, איין אָנגריף נאָכן אַנדערן אין דעם קאַמף, וואָס ווערט כסדר האָפנונגסלאָזער ביי די אָפּטרעטנדיקע, צעבראָקלטע ליניעס?

די טאַנקס זענען פון אַ שפּאַס געוואָרן שווערע האַרמאַטן. זיי טראָגן זיך, געפּאַנצערטע, און אַ לאַנגער רייע און פאַרקערפּערן מיט זיך מער ווי עפּעס אַנדערש דעם גאַנצן גרויל פון קריג.

די האַרמאַטן, וואָס שיקן אונדז אַריבער דאָס פויקן-פייער, זעען מיר נישט, די אָנגרייפנדיקע ליניעס פון די קעגנער זענען אַזעלכע מענטשן ווי מיר, — אָבער דידאָזיקע טאַנקס זענען מאַשינען, זייערע קייטן-בענדער ציען זיך אומענדלעך ווי דער קריג, זיי זענען די פאַרניכטונג גופא, בעת זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויטאָמאַטיש אין גרובן אַריין און קלעטערן צוריק אַרויף אין דער הויך, אָן אַן אָפּהאַלט, אַ גאַנצער פלאָט בריילנדיקע, רויך-שפּייענדיקע פּאַנצערס, אומפאַרווונדבאַרע שטאָל-חיות, וואָס צעקוועטשן טויטע און פאַרווונדעטע — — מיר שרומפּן זיך צונויף פאַר זיי אין אונזער דינער הויט. פאַר זייער קאָלאָסאַלער קראַפט פאַרוואַנדלען זיך אונזערע אָרעמס אין שטרויזאַנגען און אונדזערע גראַנאַטן אין שוועבעלעך.

גראַנאַטן, גאַז-דאַמף און טאַנק-פלאַטן — צעטרעטן — צעפרעסן, טויט.

שלשול, גריפּע, טיפוס — ווערגן, פאַרברענען, טויט.

אָקאָפּעס, לאַזאַרעטן, מאַסן-קברים — מער קיין מעגלעכקייטן זענען שוין נישט פאַראַן.

*

*

בעת אַן אָנגריף פאַלט אונדזער קאָמפּאַניע-פירער בערטינק. ער איז געווען איינער פון יענע אויסגעצייכנטע פראָנט-אָפיצירן, וואָס אין יעדער געפערלעכער סיטואַציע זענען זיי

פאָרנט. אין משך פון גאַנצע צוויי יאָר איז ער ביי אונדז געווען, און איז קיין איינמאָל נישט פאַרוואונדעט געוואָרן, און ענדלעך האָט דאָך געמוזט עפּעס געשען. מיר זיצן אין אַ לאָך און זענען אַרומגערינגלט. מיטן פולווער-דאַמף טראָגט זיך אַריבער דער געשטאַנק פון אייל אָדער נאַפט. ס'ווערן אַנטדעקט צוויי מאַן מיט פלאַמען-וואַרפערס, איינער טראָגט אויפן רוקן דעם קאַסטן, דער אַנדערער האַלט אין די הענט די רער, פון וועלכער ס'שפּריצט דאָס פייער. וויבאַלד זיי וועלן צוקומען אַזוי נאָנט, אַז זיי וועלן אונדז דערגרייכן, זענען מיר דערליידיקט, ווייל צוריקגיין קאָנען מיר איצט דווקא נישט.

מיר נעמען זיי אונטערן פייער. זיי רוקן זיך אָבער נענטער, אונדז ווערט שלעכט. בערטינק ליגט מיט אונדז אין לאָך. באַמערקנדיק, אַז מיר טרעפן נישט, ווייל ביים שאַרפן פייער מוזן מיר צופיל קלערן וועגן דעקונג, נעמט ער אַ ביקס, קריכט אַרויס פון לאָך און צילט, ליגנדיק אָנגעשפּאַרט.

ער שיסט — אין זעלבן מאָמענט טוט אַ קנאַל איבער אים אַ קויל, ער איז געטראָפן, אָבער ער בלייבט ליגן און צילט ווייטער — איין מאָל לאָזט ער אָפּ און שטעלט אָן אויפסניי; ענדלעך קראַכט דער שאָס. בערטינק לאָזט אַראָפּ די ביקס, זאָגט „גוט" און קריכט צוריק! דער הינטערשטער פון די צוויי פלאַמען-וואַרפערס איז פאַרוואונדעט, ער פאַלט, די רער גליטשט זיך ביים צווייטן אַרויס, ס'פייער שפּריצט אויף אַלע זייטן, און דער מאַן ברענט.

בערטינק האָט אַ ברוסט-שאָס. אין אַ ווײַלע אַרום צעשמעטערט אים אַ שפּליטער דעם קינבאַק. דערזעלבער שפּליטער האָט נאָך די קראַפט ביי לעערן אויפצערייסן די היפטן. לעער קרעכצט און שפּאַרט זיך אָן אויף די אָרעמס, ער גייט געשווינט אָפּ מיט בלוט, קיינער קאָן אים נישט העלפן. ווי אַ ליידיק לויפנדיקע רער ברעכט ער אין אַ פּאָר מינוט אַרום צוזאַמען. צו וואָס טויג עס אים איצט, וואָס ער איז אין שולע געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער.

* * *

די חדשים לויפן ווייטער. דערדאָזיקער זומער פון יאָר 1918 איז דער בלוטיקסטער און דער שווערסטער. די טעג שטייען ווי מלאכים אין גאָלד און בלוי אומבאַרירבאַר איבער קרייז פון דער פאַרניכטונג. דאָ ווייס יעדער איינער, אַז מיר פאַרלירן דעם קריג. מ׳רעדט נישט וועגן דעם קיין סך, מיר טרעטן אָפּ, נאָך דערדאָזיקער גרויסער אָפענזיווע וועלן מיר מער נישט קאָנען אָנפאַלן, מיר האָבן נישט קיין מענטשן און קיין מוניציע. אָבער דער פעלדצוג גייט ווייטער — דאָס שטאַרבן גייט ווייטער. —

זומער 1918 — קיין מאָל האָט אונדז דאָס לעבן אין זיין נעבעכדיקער געשטאַלט נישט אויסגעזען אַזוי אָנציענדיק ווי איצטער; — די רויטע מאָן-בלומען אויף די לאָנקעס פון אונזער קוואַרטיר, די גלאַטע פליגעלעך אויף די גראָזשטענגלעך, די וואַרעמע אָוונטן אין די העלבטונקעלע, קילע צימערן, די שוואַרצע סודותפולע ביימער פון בין-השמשות, די שטערן און דאָס פליסן פון וואַסער, די חלומות און דער לאַנגער שלאָף — אָ לעבן, לעבן, לעבן!

זומער 1918. — קיינמאָל האָט מען שווייגנדיק מער נישט אַריבערגעטראָגן ווי אין דעם מאָמענט פון אַוועקגיין צום פראָנט. די ווילדע, אויפגעבלאָזענע ידיעות וועגן וואָפנשטילשטאַנד און שלום האָבן זיך אַ ווייז געטאָן, זיי צעטומלען די מחות און מאַכן דעם אויפברוך שווערער ווי ווען ס׳איז!

זומער 1918 — קיינמאָל איז ס׳לעבן אויפן פראָנט נישט ביטערער און נישט גרוילפולער ווי בעת די שעהן פון פייער, ווען די בלייכע פנימער ליגן אין שמוץ און די הענט זענען צונויפגעקראַמפט אין איין אייבציקן: נישט! נישט! נישט איצט נאָך! נישט איצט נאָך אין לעצטן מאָמענט!

זומער 1918 — ווינט פון האָפענונג, וואָס טראָגט זיך איבער די פאַרברענטע פעלדער, ווילדער פיבער פון אומגעדולד, אַנטוישונג, שמערצלעכסטער שוידער פון טויט, שוועבנדיקע פראַגע: פאַרוואָס? פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיין סוף? און פאַרוואָס פלאַטערן אויף דידאָזיקע ידיעות וועגן סוף?

* *
*

ס׳זענען דאָ פֿאַראַן אַ סך פֿליער, און זיי זענען אַזוי זיכער, אַז זיי לאָזן זיך דאָ אויף יאַגד נאָך איינצלנע מענטשן ווי נאָך האָזן. אויף איין דייטשן עראָפּלאַן קומען מינדעסטנס פֿינף ענגלישע און אַמעריקאַנישע. אויף איין הונגעריקן, צעמאַטערטן דייטשן זעלנער אין אָקאָפּ קומען פֿינף קרעפֿטיקע פֿרישע אַנדערע פֿון קעגנער. אויף איין דייטשן זעלנערברויטל קומען פּופֿציק פּושקעס פֿלייש-קאָנסערוון דאָרט אויבן. מיר זענען נישט צעקלאַפּט, ווייל מיר זענען אַלס זעלנער בעסער און דערפֿאַרענער; מיר זענען פּראָסט פּשוט דערדריקט און צוריקגעשטויסן דורך דער פֿילפֿאַכיקער איבערמאַכט.

מיר מאַכן דורך עטלעכע וואָכן רעגן — אַ גרויער הימל, גרויע צעקראָכענע ערד, גרויער טויט. אַז מיר פֿאָרן אַרויס, נעמט אונדז שוין אַדורך די נאַסקייט דורך די מאַנטלען און מלבושים, — און אַזוי בלייבט עס אויך די גאַנצע צייט דאָרט פֿאָרנט. מיר ווערן נישט טרוקן. ווער ס׳טראָגט נאָך שטיוול, בינדט זיי צו אויבן מיט זאַמדזעקלעך, כּדי דאָס ליים-וואַסער זאָל אַזוי גיך נישט אַריינלויפֿן. דאָס געווער ווערט פֿאַרזשאַווערט, די מונדירן זענען צעפּוילט, אַלץ איז צעקראָכן און צערונען, אַ טריפֿנדיקע, פֿייכטע געדיכטע ערד-מאַסע, מיט געלע קאַלוזשעס געמישט מיט בלוט, וווהין ס׳זינקען פּאַמעלעך אַריין טויטע, פֿאַרוווּנדעטע און לעבנגעבליבענע.

דער שטורעם ווילדעוועט איבער אונדז אומאויפֿהערלעך, דער שפּליטער-האָגל רייסט אַרויס פֿון צעגויפֿגעמישן גרוי און געל האַרצרייסנדיקע קינדער-געשרייען פֿון די געטראָפֿענע און אין די נעכט קרעכצט דאָס צעריסענע לעבן אַזוי לאַנג ביז ס׳ווערט שטיל.

אונדזערע הענט זענען ערד, אונדזערע קערפּער ליים אין אונדזערע אויגן רעגן-לוזשעס. מיר ווייסן נישט, צי לעבן מיר נאָך.

דערנאָך רייסט זיך אַריין די היץ, פֿייכט און שטיקנדיק, אין אונדזערע לעכער, און אין איינעם פֿון די דאָזיקע שפּעטע זומער-טעג, ביים עסן-ברענגען, פֿאַלט קאַט אום. מיר זענען

ביידע אַליין; איך פאַרבינד זיין ווונד; דער שינביין איז, ווי ס'זעט אויס, לגמרי צעשמעטערט. ס'איז אַ קני־שאָס, און קאַט קרעכצט פאַרצווייפלט:

— איצט נאָך — גראָד איצט נאָך —

איך טרייסט אים:

— ווער ווייס ווי לאַנג דאָס גהינום וועט נאָך דויערן! די ביסט ערשט טאַקע געראַטעוועט —"

די ווונד הויבט אָן שטאַרק צו בלוטיקן. קאַט קאָן נישט בלייבן אַליין, אַז איך זאָל פּרווון גיין ברענגען אַ טראָגבעטל. איך ווייס אויך נישט ווו געפינט זיך דאָ נאָענט אַ סאַניטאַרן־סטאַציע.

קאַט איז נישט זייער שווער, דעריבער נעם איך אים אויפן רוקן און גיי מיט אים צוריק צום סאַניטאַר־פּלאַץ.

צוויי מאָל רוען מיר זיך אָפּ. ער האָט צוליבן טראַנספּאָרט שטאַרקע שמערצן. מיר רעדן נישט קיין סך. איך האָב אויפגעשפּיליעט דעם קראַגן פון מיין בלוזע און אָטעם שטאַרק, איך שוויץ און מיין פּנים איז געשוואָלן פון דער אָנשטרענגונג ביים טראָגן. נישט געקוקט אויף דעם פּאָדער איך, אַז מיר זאָלן גיין ווייטער, ווייל דאָס אָרט איז געפערלעך.

— צי גייען מיר ווייטער, קאַט?

— נישטאָ קיין ברירה, פּאַול.

— טאָ לאָמיר גיין.

איך הויב אים אויף, ער שטייט אויפן געזונטן פוס און האַלט זיך צו אָן אַ בוים. דערנאָך טו איך אַ נעם פאָרזיכטיק דעם פאַרווונדעטן פוס, ער טוט זיך אַ רוק, און איך נעם אויך די קני פון געזונטן פוס אונטערן אָרעם.

אונדזער וועג ווערט שווערער. אָפטמאָל פייפט פאַרביי אַ גראַנאַט. איך גיי אַזוי גיך ווי איך קאָן נאָר, ווייל דאָס בלוט פון קאַטס ווונד טריפט אויף דער ערד. מיר קאָנען זיך נאָר שלעכט שיצן פאַר די שאָסן, ווייל איידער מיר נעמען דעקונג, זענען זיי שוין לאַנג אַריבער.

כּדי איבערצוּוואַרטן לייגן מיר זיך אַריין אין קליינעם

גרובן. איך גיב קאַטן טיי פון מיין פעלדפלאַש. מיר רויכערן אַ פּאַפּיראָס.

— יאָ, קאַט, — זאָג איך טרויעריק, — איצט וועלן מיר זיך דאָך מוזן פונאַנדערגיין.

ער שווייגט און קוקט מיך אָן.

— צי געדענקסטו נאָך קאַט, ווי מיר האָבן רעקווירירט די גענדז? און ווי דו האָסט מיך אַרויסגענומען פון דער קלעם, בעת איך בין נאָך געווען אַ קליינער רעקרוט, און בין צום ערשטן מאָל נאָך וואונדעט געוואָרן? דעמאָלט האָב איך נאָך גע־וויינט. קאַט, ס׳איז שוין כמעט גאַנצע דריי יאָר.

ער שאָקלט מיטן קאָפּ.

די אַנגסט צו בלייבן אַליין באַפאַלט מיך פּלוצלינג. אויב קאַט וועט ווערן אַוועקגעשיקט, האָב איך דאָ נישט מער קיין איינציקן פריינט.

— קאַט, מיר מוזן זיך לכל הדעות ווידערזען, ווען עס קומט באמת דער שלום, איידער דו וועסט זיין צוריק.

— צי גלויבסטו, אַז איך וועל מיטן ביין־שאָס ווידער ווערן ק. פ.? — פרעגט ער פאַרביטערט.

— דו וועסט אים גאַנץ רויק אויסהיילן, דאָס געלענק איז דאָך אין אָרדענונג.

— גיב מיר נאָך אַ פּאַפּיראָס, — זאָגט ער.

— אפשר וועלן מיר שפּעטער קאָנען עפּעס וואָס אויפ־טאָן, קאַט, איך בין זייער טרויעריק, ס׳איז אוממעגלעך, אַז קאַט, — קאַט מיין פריינט, קאַט מיט די אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען און די דינע, ווייכע וואָנסעס, קאַט, וואָס איך קען אים אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן ווי יעדן אַנדערן מענטשן, קאַט, מיט וועלכן איך האָב פאַרבראַכט דידאָזיקע פּאָר יאָר — ס׳איז אומ־מעגלעך, אַז איך זאָל קאַטן אפשר מער שוין קיינמאָל נישט זען.

— גיב מיר דיין אַדרעס פון דער היים, קאַט, אויף יעדן פאַל. און אָט איז מיינער, איך וועל דיר אים אויפשרייבן.

דעם צעטל רוק איך מיר אַריין אין בוזעם־קעשענע. ווי

איינזאַם פיל איך זיך שוין איצט, כאָטש ער זיצט נאָך נעבן מיר. צי זאָל איך זיך געשווינט אַריינשיסן אין פוס, כדי צו קאָנען מיט אים בלייבן?

קאַט ווערגט זיך פלוצלינג און ווערט גרין און געל.

— לאָמיר גיין ווייטער — שטאַמלט ער.

— איך שפּרינג אויף, כדי אים צו העלפן, איך הויב אים אויף און לאָז זיך לויפן, נישט צו האַסטיק, כדי דער פוס זאָל זיך נישט צו שטאַרק וואַרפן.

אין האַלדז איז מיר טרוקן, אין די אויגן שווינדלט, בעת איך דערגרייך ענדלעך, פאַרביסן און אומברחמנותדיק שפּרינגע-דיק, די סאַניטאַר-סטאַציע.

דאָרט פאַל איך אויף די קני, האָב נאָך אָבער אויף אַזוי פיל קראַפט. אומצופאַלן אויף דער זייט פון קאַטס געזונטן פוס. מיינע הענט און פיס ציטערן העפטיק, איך געפין קוים מיין פעלדפלאַש, כדי אַ זופּ צו טאָן. די ליפּן ציטערן. אָבער איך שמייכל — קאַט איז געראַטעוועט.

אין אַ ווײַלע אַרום אונטערשיידט איך די פאַרשיידענע שטימען, וואָס קלינגען אין מיינע אויערן.

— דאָס האָסטו זיך געקאָנט פאַרשפּאָרן — זאָגט אַ סאַניטאַר.

איך קוק אים אָן ווי אַ משוגענער.

ער ווייזט אָן אויף קאַטן.

— ער איז דאָך טויט.

איך פאַרשטיי אים נישט.

— ער האָט אַ קני-שאָס — זאָג איך.

דער סאַניטאַר בלייבט שטיין.

— דאָס אויך.

איך דריי זיך אויס. מיינע אויגן זענען נאָך אַלץ מוטנע, דער שווייס באַגיסט מיך איצט אויפסניי. ער רינט איבער די ברעמען. איך ווישׁ זיך אָפּ און קוק זיך צו צו קאַטן. ער ליגט שטיל. „פאַרחלשט“ זאָג איך געשווינט.

דער סאַניטאַר פייפט שטיל אונטער.

— דאָס ווייס איך דאָך בעסער. ער איז טויט, איך גיי דיר אין געוועט.

איך שאָקל מיטן קאָפּ:

קאַטס הענט זענען וואַרעם, איך נעם אים פאַר די אַקסלען, כדי אים אָפּצורייבן מיט טיי. און אָט פיל איך ווי מיינע פינגער ווערן נאַס. אַז איך נעם זיי אָפּער פון הינטער זיין קאָפּ, זענען זיי פאַרבלוטיקט. דער סאַניטאַר פייפט ווידער דורך די ציין — „זעסטו" —

קאַט האָט אונטערוועגס—איך האָב עס נישט באַמערקט — געכאַפּט אין קאָפּ אַ שפּליטער. נאָר אַ קליינע לאָך איז פאַראַן, ס'האָט געמוזט זיין אַ גאַנץ קליינער, פאַרבלאָנדזשעטער שפּליטער. ס'איז אָבער געווען גענוג. קאַט איז טויט

פּאַמעלעך שטיי איך אויף

— ווילסטו מיטנעמען זיין לוין-ביכל און זיינע זאַכן? פרעגט מיך דער יעפרייטער. איך שאָקל צו, און ער דערלאַנגט עס מיר. דער סאַניטאַר איז נתפּעל: „איר זענט דאָך נישט קיין קרובים?"

ניין, מיר זענען נישט קיין קרובים. ניין, מיר זענען נישט קיין קרובים.

— צי זאָל איך גיין? צי האָב איך נאָך פיס? איך הויב אויף די אויגן, איך לאָז זיי אַרומגיין און דריי זיך מיט זיי, אין אַ קרייז, אַ קרייז, ביז איך הער אויף. ס'איז אַלץ ווי תמיד. נאָר דער לאַנדשטורמאַן סטאַניסלאַוו קאַטשינסקי איז געשטאָרבן.

דערנאָך ווייס איך שוין מער גאָרנישט.

XII

ס׳איז האַרבסט. פֿון אַלטן עולם זענען געבליבן גאַנץ ווייניק. איך בין דאָ דער לעצטער פֿון די זיבן מאַן אין אונזער קלאַס.

יעדער איינער רעדט וועגן שלום און וואָפֿנשטילשטאַנד. אַלע וואַרטן. אויב ס׳קומט ווידער אַן אַנטוישונג, ברעכן זיי צוזאַמען, די האָפֿענונגען זענען צו שטאַרק, מ׳קאָן זיי מער נישט אָפּשאַפֿן, אַז זיי זאָלן נישט עקספּלאָדירן. אויב נישט דער שלום, קומט די רעוואָלוציע.

איך האָב פֿערצן טאָג רו, ווייל איך האָב זיך אָנגעזויפּט מיט אַ ביסל גאַז. איך זיץ דעם גאַנצן טאָג אין אַ קליין גערטל אויף דער זון. דער וואָפֿנשטילשטאַנד קומט באַלד, איצט גלויב איך עס שוין אויך. דאַן פֿאָרן מיר אַהיים.

דאָ שטעלן זיך אָפּ מיינע געדאַנקען און רירן זיך נישט פֿון אָרט. מיט אַן אומגעהויערער קראַפֿט איבערוועלטיקן און פֿאַרכאַפּן מיך בלויז געפֿילן, עמאָציעס. ס׳איז לעבנס־גיריקייט, ס׳איז היים־בענקעניש, ס׳איז דאָס בלוט, ס׳איז די שכּרות פֿון רעטונג. ס׳זענען אָבער נישט קיין צילן. ווען מיר זאָלן געווען אַהיימגיין אין יאָר 1916, וואָלטן מיר מיטן כּוח פֿון אונזערע איבערלעבענישן זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם. קומענדיק צוריק איצט, זענען מיר פֿאַרמאַטערט, צעבראָכן, אויסגעברענט, באָדנלאָז און אָן שום האָפֿענונג. מיר שטעלן זיך נישט מער צוריק אויף די פֿיס.

ס׳וועט אונז אויך נישט פאַרשטיין — ווייל פאַר אונז וואַקסט אַ דור, וועלכער האָט, וואָס אַן אמת, פאַרבראַכט דאָ זיינע יאָרן געמיינזאַם מיט אונז, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ בעט און אַ באַרוף און גייט איצט צוריק אויף זיינע אַלטע פּאָזיציעס, ווי ער וועט דעם קריג פאַרגעסן, — און הינטער אונז וואַקסט אַ דור, וואָס איז ענליך צו אונז, ווי מיר זענען פריער געווען, אָבער ער וועט אונז זיין פרעמד און אָפּרוקן אָן אַ זייט. מיר זענען איבעריק פאַר זיך גופא, מיר וועלן וואַקסן. טייל וועלן זיך צופּאַסן, אַנדערע זיך אונטערגעבן, אָבער אַ סך וועלן בלייבן אומבאַהאָלפן;—די יאָרן וועלן צערינען — און סוף כל סוף גייען מיר צו גרונט.

אָבער אפשר איז גאָר דאָס אַלץ, וואָס איך קלער, נישט מער ווי שווערמוט, מעלאַנכאָליע און צעשראָקנקייט, וואָס וועלן אַוועקפליען ווי שטויב, ווי נאָר איך וועל זיך ווידער געפינען אונטער די טאָפּאָלעס און זיך צוהערן צום רוישן פון זייערע בלעטער. ס׳קאָן נישט זיין, אַז ס׳זאָל האָבן לגמרי פאַרשווונדן געוואָרן דאָס ווייכע, וואָס האָט געמאַכט אומרויק אונזער בלוט, דאָס אומזיכערע, שרעקנדיקע, קומענדיקע, די טויזנטער בילדער פון דער צוקונפט, די מעלאָדיע פון טרוימען און ביכער, ס׳רוישן און די אַנונג פון פרויען, ס׳קאָן נישט זיין, אַז ס׳איז אַלץ אונטערגעגאַנגען אין פויקן-פייער, פאַרצווייפלונג און זעלנער-באָרדעלן.

די בוימער דאָ לויכטן פילפאַרביק און גאָלדקאָלירט, די יאַגדעס רויטלען זיך אויפן גרינעם גראָז, די שאָסייען ציען זיך ווייס אויפן האָריזאָנט, אין די קאַנטינעס רוישן ווי בינשטאָקן מיט ידיעות וועגן שלום.

איך שטיי אויף.

איך בין זייער רויק. זאָלן קומען די חדשים און יאָרן, מער וועלן זיי ביי מיר נישט אָפּנעמען, זיי קאָנען ביי מיר מער נישט אָפּנעמען. איך בין אַזוי איינזאַם און אָן שום אויסזיכטן, אַז איך קאָן אויף זיי וואַרטן אָן דער מינדסטער שרעק. דאָס לעבן, וואָס האָט מיך אַדורכגעטראָגן דורך דידאָ-

זיקע יאָרן, איז נאָך אין מיינע הענט און מיינע אויגן. צי האָב איך עס באַהערשט, דאָס ווייס איך נישט. אָבער כּל־זמן ס׳איז דאָ, וועט עס זיך זוכן זיין וועג, צי וועט זאָסדאָזיקע, וואָס זאָגט אין מיר „איך״ עס וועלן אָדער נישט.

* * *

ער איז געפאַלן אין אָקטאָבער 1918, אין אַ טאָג, וואָס איז געווען אַזוי רויק און שטיל אויפן גאַנצן פראָנט, אַז דער אַרמיי־באַריכט האָט זיך נאָר באַגרעניצט אויפן איינציקן זאַץ, אויפן מערב — נישטאָ קיין נייעס.

ער איז געפאַלן אויפן פּנים און געלעגן פּונקט ווי אַ שלאָפעדיקער אויף דער ערד. בעת מ׳האָט אים איבערגעדרייט, האָט מען געזען, אַז ער האָט זיך זיכער לאַנג נישט געמאַטערט; — זיין פּנים האָט געהאַט אַזאַ רויקן אויסדרוק, ווי ער זאָל כּמעט זיין צופרידן מיט דעם, וואָס ס׳איז אַזוי געשען.

סוף